סאָוועטיש
היימלאַנד

6

1962

סאָוועטיש היימלאַנד

צווײכאַדאָשימדיקער
ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פססר

נאָיאַבער 6 דעקאַבער

1962

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פיסאַטעל"

מאָסקווע

אינהאַלט

זײַט

ריװע באַליאַסנע. אונדזער דאָר . . . 3

דאַוויד האָפּשטיין. רוסלאַנד. — נאָכן זיג. — אין וועג. — לעכאַיִם. — מײַן פֿאָלק וועט צו דעם קאָמוניזם קומען (לידער) . . . 4

אַלעקסיי סורקאָוו. מאַריַאנע. — דאָס לאַנד פֿון האַריבאַלדי. — די מעטעליצע... (לידער) . . . 7

יעכיִעל פֿאַליקמאַן. דער סוּווענִיר (דערציילונג) . . . 9

הירש רעלעס. ליאַוואָניכע . . . 29

סאַלוואַדאָר באָרזשעס. רעכט אַף סימכעס (נאָוועלע) . . . 30

הירש אָשעראָוויטש. מאַיאָר קלאָד איזערלי (פּאָעמע) . . . 33

סעם ליפּצין. אַ מענטש אַ מענטשן איז אַ וואָלף (אַן אַמעריקאַנער דערציילונג) . . . 40

בוזי מילער. אַ מוזיקאַלע נאָוועלע . . . 43

מאָטל גרוביאַן. קינדהײַט. — פֿענצטער. — פֿרילינג. — אין וואַלד. — דער רעגן. — באַגינען (לידער) . . . 48

הירש בלאָשטיין. אין יענעם טאָג. — ביזן לעצטן טראָט (לידער) . . . 50

שלוימע רויטמאַן. דער מײַסטער פֿון פֿײַפֿעלעך. — דער רעגן־טראָפּן. — צום צערטלער פֿון לעבן (לידער) . . . 51

עלמאַר ריוואָש. צווישן לעבן און טויט. צווייטער טייל. אַקציע... . . . 54

יוסף קאָטליאַר. דײַן געשטאַלט. — צו אַ מיידל. — איך וועל זינגען פֿאַר אײַך. — דער שענסטער שטראַל. — היימיש מיט די שטערן. — דער סאָד פֿון וואַלד (לידער) . . . 86

שיקע דריז. פֿאַר קליין און גרויס (לידער) . . . 88

שמועל ווערִיטע. ווער איז שולדיק? (נאָוועלע) . . . 91

שמועל פּערסאָוו. אין יענע שטורמישע טעג... . . . 95

ליטעראַטור און קונסט

אַהרן דאָברינקי. די יִדישע דיכטונג אין דער פּרעסע פֿון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן . . . 100

יעכעזקל דאָברושין. אונדזער ליטעראַטור. — די נײַע ליד (קריטישע אַרטיקלען) . . . 106

אַווראָם ביק. בערגעלסאָנס צוויי אַמעריקאַנער דערציילונגען . . . 108

יעשוע ליובאָמירסקי. אַן אײגנאַרטיקער דיכטער . . . 109

הערש רעמעניק. עליע שעכטמאַן און זײַן ראָמאַן . . . 112

פֿון אַלטע קוועלן

מ. ראַדאָווסקי. כאַיִם־זעליק סלאָנימסקי און די פּעטערבורגער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע . . . 117

כראָניק . . . 121

אינהאַלט פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ פֿאַר די יאָרן 1961—1962 . . . 124

לאָמיר זינגען נײַע לידער

דער אַלמאָנע פֿון קאָנגאָ. ווערטער פֿון ד. כײַקין. מוזיק פֿון אַ. ליכטענשטיין . . . 128

הויפּט־רעדאַקטאָר אַ. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע: נ. אויסלענדער | אַ. גאָנטאַר, ה. דאָבין, מ. טייף, ב. מילער, י. פֿאַליקמאַן, ס. פֿרײַ, ר. רובין.

פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר מ. לעוו.

ריווע באליאסנע

אונדזער דאָר

אונדזער דאָר איז גליקלעכער פון אלע!
מיר זײַנען רײַף געוואָרן אין א צײַט,
ווען יעדער ווינקל פון דער ווײַטסטער ווײַט —
פון קרימער סטעפּעס ביז די בערג אוראלער —
ווערט מיט געבענטשטער מי פון מענטש באנײַט.

מיר האָבן זיך געוואָרפן אונטער טאנקען
און אָפּגעשטעלט זיי מיטן יונגן גוף,
און ניט דערפאר, ווײַל קריג איז דער באַרוף, —
ווײַל פעלקער־פרידן שטענדיק מיר פארלאנגען.
מיר זײַנען יונג, מיר גייען מוטיק בארג־ארויף.

מ'האָט ניט פארגרייט פאר אונדז קיין מירמלנע פּאלאצן,
קיין ראָזשינקעס מיט מאנדלען ניט פארגרייט.
מיר האָבן אופגעהויבן קינד־און־קייט,
די אלטע וועלט זאָל קוקן און זאָל פּלאצן,
ווי מיר צעוואקסן זיך אף רוסלענדישער ברייט.

מיר זײַנען קוילנגרעבער, וועבער, שמידן,
מיר זײַנען אויסגעשטאנען אלדאָסביז,
און אונדזער בלוט,
און אונדזער מי,
און אונדזער שוויס,
און אונדזערע פארשײַטע יונגע לידער, —
זיי נערן אונדזער מוט און אונדזער טרייסט,
זיי רופן אונדז,
זיי וועקן אונדז,
זיי שאלן...

יאָ, אונדזער דאָר איז גליקלעכער פון אלע!

דאוויד האפשטיין

1952—1889

מיט טיפער ליבע דערמאָנען מיר היַינט דעם גרויסן ייִדישן סאָוועטישן דיכטער־קאָמוניסט דאָוויד האָפשטיין, וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין דער צײַט פונעם סטאַלין־קולט. זײַנע אומפאַרגעסלעכע שאַפונגען זײַנען אַרײַן אינעם אוצער פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור. ד. האָפשטיין געהערט צו די גרעסטע ייִדישע וואָרט־מײַסטערס. שטענדיק, ווען מע דערמאָנט זײַן נאָמען, קומען ניט ווילנדיק אויף זינען צענדליקער שורות פון זײַנע לידער: „אָקטאָבער, אָן אָנהייב, אָן אַ...״, „מיר גייען אין דײַנע פאַרנטיקע רייען, שפּאַנענדיקע מענטשהײַט...״, „אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער...״, „מאָסקווע־שטאָט, איך וועל ניט מיד דיך לויבן, ביסט שוין לאַנג מײַן פעסטונג און מײַן גלויבן...״ און נאָך, און נאָך.

מיר באַקענען היַינט אונדזערע לייענער מיט דאָוויד האָפשטיינס ניט פאַרעפנטלעכטע שאַפונגען, געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן.

רוסלאַנד

ניט נאָר פון הייכן דײַנע —
פון פלאַכסטער פלאַך
זיך קוקט שוין דורך
די גאַנצע וועלט פון אַלע זײַטן!
די העכסטע טרוימען מײַנע
געפונען האָבן דאָ אַ דאַך,
געפונען האָבן דאָ אַ זוניקן געצעלט
אויף ווײַטסטע ווײַטן.

פונדאַנען זע איך זיי די אַלע די,
ווער ס'האָט פון מײַנע שענסטע גײַסטער,
פון העל־לעכסטע געשטאַלטן
געשפּענסטער אויסגעוועבט
אין אַלטער צײַט, אין מיטלאַלטער...

אין צײַט אין נײַסטער
די רעשטן זייערע איך זע:
ווער ס'וויל זײַן רויבערישן גיר
פאַרשטאָפּן מיט מײַן נויט,
און ווער זײַן ווילדיק בויט
אויף גאָרן אומגליק מײַנעם,
ווער ס'וויל, מײַן בלוט
זאָל אים ווי שמיר־שטאָף דינען, —
זײַן יעדן קער פונדאַנען זע איך גוט,
פונדאַנען וועט מען צוימען זײַן ווילקיר,
פונדאַנען וועט די קללה אים געפינען.
אָ, גרויסע Русь![1]
אָ, גרויסער שאַפנדיקער קערן פון פאַרבאַנד,

פון טיפן יאם פון פרײַען וויסן
האָסטו געגערט מײַן אָטעם.
אזויפיל פעלקער און אזויפיל שוואַטים
דו נערסט מיט דײַן דערהויבענעם פארשטאנד,
וואָס ניט דעראָבערונג ער זוכט,
נאָר לאָזט דער וועלט געניסן
פון זײַנע בעסטע פרוכט...

געבענטשט זאָל זײַן די שאָ,
ווען כ'האָב די וועלט
דאָס צווייטע מאָל דערזען
אין לענינס ליכט,
און ווען צום נײַעם גלויבן
האָסטו, מײַן לאנד, אויך מיך,
ווי מיליאָנען דײַנע זין, דערהויבן!..[1]

[1] — Русь רוסלאנד.

נאָכן זיג

געבורטסווייען פון טקופעס דויערן יאָרהונדערטער,
ביז אכציק קוים דערגרייכט ער, אונדזער עלטער.
איך שטיי פון לייד און פרייד ביז גרונטן א פארוווּנדערטער
און איך באטראכט די יאָרן די געפעלטע.

צו אונדז געהערט דאָס גליק דאָס אומגעהויערע:
דורך ווייען און דורך פײַנען אומגעהערטע
צעעפענען מיר ברייט די טירן און די טויערן
פון נײַער צײַט, פון פרידן אומגעשטערטן.

איז לאָמיר הײַנט דערמאָנען אלע די געפאלענע,
באערן יעדעס הארץ, וואָס איז צעבראָכן...
דאָס איז קאָרבאָנעס הייליקע פאר אונדז, פאר אלעמען,
סימאָנים אייביקע פון דער עפאָכע.

איז לאָמיר זאמלען קראפט פאר שלאכטן פאר פארביטערטע.
פארוווּנדעטע, נאָך ראנגלען זיך די מערדער,
ניט פעלשן ווען הערצער, וויפל מאָל דערשיטערטע,
אין שאָ פון שלאכט, אין רעגע אין באשערטער.

אין וועג

ניט אזוי די בערג, ווי די רײַזע צו זיי
דורך שניי און דורך רעגן, דורך נעכט און דורך טעג...
ניט אזוי דער ציל, ווי דורך מענטשן דער וועג
אין דעם ענגסטן באריר אויך מיט ווינד און מיט וויי...
און דאָס קומען אהין, וווּ פארגרייט איז שוין אלץ,
און דערהערן, מע זינגט: „אך, ווי ברייט איז מײַן לאנד!“
אך, ס'איז גוט, וואָס כ'פארדין, אז די ערלעכע האנט
זאָל באגעגענען מיך אי מיט ברויט, אי מיט זאלץ.

לחיים

ס'האָט דאָס לעבן אונדז פֿאַרזאָגט:
„ווײַטער ציט מײַן ברייטע קייט,
טרײַבט דעם טויט און ווײַט פֿאַריאָגט,
אקערט טיף און לעבן זייט!..״

אָפּגעטראָטן איז דער טויט...
ווי די ווייען זײַנען פֿריש,
נאָר דאָס לעבן אונדז פֿאַרטרויט, —
לאָמיר גיין צום גרויסן טיש!

אונדזער הויז זיך בויט און בויט!
צו דעם מאָלצײַט ברענגט אַרײַן
פֿון די קאַמערס פֿרישן ברויט,
פֿון די קעלטערס אַלטן ווײַן!

דער, וואָס איז געבליבן דאָ,
איז ניט אַלט און איז ניט שוואַך,
אין אַ מאַזלדיקער שאָ
הייבט זיך אָן די לעבן־זאַך!

אויף צעפּיקעניש די פֿײַנט
עסן מיר דאָס פֿרישע ברויט,
טרינקען מיר דעם אַלטן ווײַן —
און די פֿאָן איז צונטער־רויט!

מײַן פֿאָלק וועט צו דעם קאָמוניזם קומען...

מיר דאַרפֿן זיך דאָ קיינעם, קיינעם שענקען,
אַז קיינער דאַרף אים גאָרניט, דעם געשאַנק.
דאָס זע איך איצט, דאָס ווייס איך שוין פֿון לאַנג...
איך אייַצע עס דאָ יעדן פֿאַרגעדענקען,
וואָס לענין האָט אונדז אַלעמען פֿאַרזאָגט:
אין יעדן שטראָם פֿאַראַנען שטראָמען צוויי,
צוויי שטראָמען יעדע פֿאָלקס־קולטור פֿאַרמאָגט.
באַטאָג, באַנאַכט דו קען אַנטשיידן זיי...

איך בין אַ ייִד! כ'דערקלער עס לאַנג אָן ציטער,
זאָל זײַן, איין סימען איז ביז גאָר צעשוווּמען,
זאָל זײַן אַ צווייטער איז ביז גאָר צעשפּליטערט —
מײַן פֿאָלק וועט צו דעם קאָמוניזם קומען...
איך בין אַ פֿעסטער פֿאָדעם אין דעם שנור,
וואָס ציט זיך פֿון נעוויִים און פֿאָעטן,
אַ פֿאָדעם אין דער ייִדישער קולטור,
וואָס איז געוועבט אין לאַנד פֿון די סאָוועטן...

1948—1946



אלעקסיי סורקאָוו

געבוירן אין 1899 אין דאָרף סערעדניעוואָ, יאַראָסלאַ־ווער גובערניע. אַנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטער־לענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1918. וווינט אין מאָסקווע.

מאַריִאַנע

אף שאמפאניער בערגלעך, טאָלן,
דאָרט, ווו ס'פּאַשען זיך די קי,
פינקלען רויזן הארבסטיק־בונטע
אף די קוואָרים פון מאקי.

פראנקרייַך, ליבע מאריִאנע!
פאר דייַן פרייַהייַט, פאר דייַן רום
דייַנע אָרנטלעכע יונגען
האָבן דאָ געפונען רו.

און די נעמען אף מאציייוועס
זוניק בליצן, ריין און קלאָר,
נאָר די כאוועטעס געליבטע
שוין מיט זילבער אין די האָר.

אייַנגעהילט אין צארטע בלעטער
שפּילט דער ווייַנטרויב און ער בליט.
פראנקרייַכס טרערן — ריינע פּערל —
ווי דער טוי אף רויזן גליט.

שרייַט פון אלטן דעמב א קלאָלע
צו טאליאָנים — טרייַע הינט.
אף די כורוועס אָראדורער
ווויעט אלע נאכט א ווינט.

ווינט, וואָס קלאָגסטו? וואָס דערמאָנסטו
אין די שטילע, קאלטע נעכט?
. . . .
דייַנע קינדער, מאריִאנע,
זאָלן ווידער ווערן קנעכט?!

שפּאנען יאָרשים פון די הענקער
אף דייַן ראכוועס פראנק־און־פרייַ,
איבער קוואָרים פון די קעמפער...
טרייַב זיי, מאריִאנע, טרייַב!

די באקאנטע כייַע־ראָע
פון די היילן, דאָרט לעם ריין,
קוקט אף דיר מיט קינע־סינע
און זי שארפט אף דיר די ציין.

אָפן, איבער אלע וועגן,
ווידער קריכט די ברוינע פּעסט.
זע, עס פאָרן גענעראלן,
אָפיצערן פון עס־עס.

אָנגעטאָן די אלטע אָרדענס,
קוקן האָזעדיק און פרעך.
„דייַטשלאנד, דייַטשלאנד איבער אלעס" —
ווידער דראָט דער מוטער־ערד.

ווידער יאָגט א טאנק און רעוועט,
פּייַניקט, שנייַדט די ערד און פליקט.
ווי אין יאָר אין נייַנצן־פערציק,
זע, דער טויט אין הימל פליט.

מאריִאנע! מאריִאנע!
טויטע ווענדן זיך צו דיר:
ווער האָט זיי אהער גערופן —
ליבהאָבער פון בלוט און ביר?

עפן דייַנע ריינע אויגן,
וואכזאם זייַ און שטאָליק־הארט.
דעם פאראטס געהיימער מעסער
אָנגעצילט צו דיר אין הארץ.

טרייַב אים, טרייַב צו אלדי רוכעס
דעם, וואָס טרוימט פון בלוט־געפעכט,
עס זאָל „דייַטשלאנד איבער אלעס"
מער ניט קלינגען אף דייַן ערד.

מאריִאנע: זאָל דייַן הימל
שטענדיק שייַנען בלוי־בלאנקיט,
אזוי ווילן די אלמאָנעס
פון די העלדישע מאקי.

דאָס לאַנד פון האַריבאַלדי

נײן, ניט קײן לעגענדע.
האריבאלדי! א מענטש
רײַסט פון זײַן הײמלאַנד
די פײַנטלעכע פּענט.

זײַן באָרד איז צעוויכערט,
דאָס פערד אין גאַלאָפּ.
מע שמועסט אין דערפער:
א ליכטיקער קאָפּ.

ער שווינט ניט זײַן לעבן,
דער ערשטער אין שלאַכט.
— וויוואַ, דזשוזעפּע! —
א גלאָק וועקט די נאַכט.

מיט ליבע זײַן נאָמען
דערמאָנט מען אין גאַס,
אין רוימער פּאַלאַצן
זײַן נאָמען פאַרהאַסט.

אין ווין, בא דעם קײסער,
א בעהאָלע, א שרעק.
— וויוואַ, דזשוזעפּע! —
גריסן פישער לעם ברעג.

א סאָף צו די קייטן!
דאָס פאָלק הייבט זיך אוף.
— וויוואַ, דזשוזעפּע! —
קלינגט אין דער לופט.

זיי גייען, זיי קומען,
פון פרײַהײַט די זין.
— וויוואַ, דזשוזעפּע! —
איטאַליע זינגט.

א שטראָם א באַפרײַטער
זיך דונערדיק טראָגט.
האַרעפּאַשניקעס, פרייט זיך:
עס טאָגט שוין, עס טאָגט!

— וויוואַ, דזשוזעפּע! —
זיך קײַקלט פון בערג.
די קייטן פון קנעכטשאַפט
מיר טראָגן ניט מער.

די פײַנט אַפּצולאָכעס
וועט לעבן נאָך לאַנג —
נײן, ניט קײן לעגענדע —
האריבאלדיס געזאַנג!

די [illegible]

אונטער קלאַנג פון רוסישער האַרמאָניק
א בראָנזהויטיקע כינעזערן פאַרציט
אין די ווײַטע געסעלעך קאַנטאָנער
וועגן דער מעטעליצע א ליד.

אין דעם ניגון פלאַטערט א געווימל
פון די שנייעלעך, וואָס בענקען נאָך ראַסיי.
דאָ, בא זיך, אונטערן דאָרעמדיקן הימל,
ווייסט זי ניט דעם טאַם פון שניי.

ווייסט ניט! בעסער זאָלסט ניט וויסן,
ווי מע גייט אין שלאַכט אין א זאַוויי.
אין דײַן ליד איך וויל באַגריסן
ס'האַרץ דײַנס, וואָס איז ריין ווי שניי.

אַוונט־צײַט, ווען ס'פאַרבט די שקיִע
קרויִנעז פון די ביימער גאָלדיק־גרין,
דײַנע כאַוועֹרטעס פון מאָסקווע און קיִעוו
זינגען לידער אויך וועגן פּעקין.

יידיש — מ. טײף.

יעכיעל פאליקמאן

דער סוווענ׳ר

אף אלץ, וואָס איך טו בא מײַן שרײַבטיש, קוקט א יונגער אראבער, וועלכער האלט א קרומע אנטבלויזטע שווערד אין דער האנט. צי איז ער א מאראָקאנער, צי אן אלזשירער, א טײמענער, צי עפשער גאָר פון אן אומבאוווּסטן מידבער־שייוועט — דאָס ווייס איך ניט.

א היטעלע — א מין יארמלקעלע אפן קאָפּ; א קאמייע אפן האלדז; דער דארלעכער שלאנקער גוף איז ארומגעוויקלט מיט א שטיק צײַג, פון אונטער וועלכער עס זעען זיך ארויס בײדע הוילע מוסקולדיקע הענט, אן אקסל און א טייל פון דער ברוסט — א פעסטע און א געזונט־אָנגעשטרענג־טע; אף די שטאלטנע לענדן — א גארטל מיט מאָדנע באצירונגען; באָרוועסע שטארקע פיס... דאָס געזיכט — א דין געצייכנטס — דריקט אויס רויִקע אנטשלאָסנקײַט; א הויכער, עטוואָס אָנ־געכמורעטער שטערן, א שיטער בערדל, וואָס באַזוימט קוים די פארשפיצטע קין, פולבלעכע ליפּן.

אָט אזוי שטייט ער שוין העכער פופצן יאָר אף מײַן שרײַבטיש. ער האָט מיר נאָך קיין וואָרט ניט געזאָגט, און דאָך זאָגט ער מיר אזוי פיל... שרײַבנדיק, פארקוק איך זיך ניט איין מאָל אף אים. ער איז פאר מיר די ווײַט, וועלכע איך האָב נאָך ניט באטראָטן, דער געדאנק, וואָס יוירט באם שאפן און וועט אָט־אָט קומען, נאָר איז נאָך דערווײַל ניטאָ.

מיך האָט גערעגט אלץ אין דעם דאָזיקן אראבער. די אופשריפט פון געדרייטע אויסיִעס, וואָס האָט, ווי אן אָרנאמענט, באצירט דעם ניט הויכן פיעדעסטאל, אף וועלכן דער יונגער קריגער שטייט, איז פאר מיר געווען ניט קיין קלענערער סאָד, איידער ער אליין. איצט, עמעס, ווייס איך שוין, וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן. נאָר כ׳ווייס נאָך אלץ ניט, ווער דער אראבער איז, ווײַל די אופשריפט אפן פיעדעסטאל קלינגט אלציינס אף אלע אראבישע לעשוינעס.

טאקע אדאנק דעם דאָזיקן שטומען באָאבאכטער פון מײַן מי, דעם סוידעספולן פרײַנט מײַנעם, האָב איך זיך דערוווּסט די געשיכטע, וואָס כ׳וויל דאָ דערציילן. צי דען נאָר די דאָזיקע געשיכטע? כ׳האָב זיך דערגראָבן צו א טיפן עמעס, וואָס האָט, אייגנטלעך, געלעבט אין מיר און באגלייט מיך אלע יאָרן, זינט איך קען זיך.

ער איז פון בראָנזע, דער אראבער, פײַנע בראָנזע פון א פאריזשער קונסט־ווארשטאט, — ווען דעם דערציילט א קוים מערקבארער שטעמפל אפן פיעדעסטאל. און געפונען האָב איך די סקולפּטור אין ליגניץ, וואָס הייסט שוין איצט ווידער לוהינעץ, אזוי ווי די פּאָליאקן האָבן די דאָזיקע נידערשלעזישע שטאָט גערופן מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק.

אף דער שטיין־געפלאַסטערטער גאס האָבן זיך געוואלגערט שפליטערס פון באָמבעס און סנאריאדן. און אויך ווי א שפליטער פון עמעצנס ווילטיק צי פון עמעצנס טרוים איז אפן ברוק געלעגן די סקולפּטור פונעם אראבער מיט דער קרומער אנטבלויזטער שווערד.

מעגלעך אפילע, אז די סקולפּטור איז פריִער געשטאנען אין קאבינעט פונעם עסעס־שטאנד־דארטנפיורער, דעם שעף פון אלע ארומיקע קאָנצלאגערן און טפיסעס. טאקע צו זײַן ווילע, וועלכע האָט זיך געזען פונווײַטנס, אפן ראָג, האָב איך עס געעײַלט דעמלט. אין הויף איז געבליבן א צע־קלאפּטער אווטאָמאָביל, אן אָנגעלאָדענער מיטן שטאנדארטנפיורערס ארכיוו. אן אלטיטשקע דײַטשקע, וועמעס זון עס איז פארפאלן געוואָרן ערגעץ אין איינעם פון די קאָנצלאגערן, האָט אונדז געגעבן צו וויסן וועגן דעם ארכיוו און געפירט מיך צו דער ווילע. לויט דעם, ווי די

אלטיטשקע האָט דערציילט, זײַנען אַף דער גאס באַשאָסן געוואָרן די ערשטע צוויי אוטאָמאַשינעס, וואָס האָבן אַרויסגעפּירט דעם שטאַנדאַרטנפּיורערס גוטס, דערפאַר איז גאַנץ מעגלעך, אַז די סקולפּטור האָט מען דאָ פאַרלוירן.

דער שטאַנדאַרטנפּיורער האָט זיך אוודאי ניט אײַנגעקוקט אינעם אַראַבערס אײדעלן געזיכט, אים איז ניט אָנגעגאַנגען, צוליב וואָס יענער האָט אַנטבלויזט די שווערד, — דעם שאַף פון טורמע־אויפזעער און הענקערס איז גענוג געווען בלויז דאָס, וואָס די שווערד איז אַרויסגעשלעפּט פון שײדל...

כ'האָב אויפגעהויבן די סקולפּטור, וואָס איז געווען דער שטומער אײדעס פון דעם שוידער און ווילקיר, וועגן וועלכע כ'האָב זיך דערוווּסט פונעם שטאַנדאַרטנפּיורערס פאַרבליבענע פאַפּירן. די סקולפּטור האָב איך געבראַכט אַהיים — זאָל זי מיר דערמאָנען אין לוהינעץ, אין יענער באַפרײַטער שטאָט, ווו כ'האָב אין אַ קנאַפּער וואָך אַרום באַגעגנט דעם טאָג פון זיג.

— —

דער געדאַנק, אַז עס וואָלט גוט געווען דערוויסן זיך, וואָס עס באַטײַט די אויפשריפט אויפן פּיעדעסטאַל, איז מיר אויפגעקומען, בייס כ'האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ לעבעדיקן אַראַבער. און ניט אײנעם, נאָר עטלעכע מיטאַמאָל. כוץ די ווײַסע ברייטע טיכלעך, פאַרפעסטיקטע אויפן קאָפּ מיט שוואַרצע שנורן, זײַנען די קליידער געווען גאַנץ געוויינלעכע — געשטריקטע סוויטערס, פּידזשאַקלעך, שמאָלע הויזן. דעם עמעס געזאָגט, זײַנען די אַראַבער לאַכלוטן ניט ענלעך געווען אויף מײַן בראָנזענעם פּרײַנט. כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז דאָס זײַנען יאָרדאַנער, געקומען, טראָץ דעם קיניגס פאַרבאָט, אויפן מאָסקווער פעסטיוואַל. און כאָטש זיי זײַנען געווען אָן שווערדן, האָב איך איצט שוין אַלצײנס דערפילט: יאָ, זיי זײַנען ענלעך אויף מײַנעם... נאָר וועגן וואָס האָב איך מיט זיי געקאָנט ריידן אויפן וואָקזאַל, אינעם געווימל פון מענטשן? כ'האָב זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס אַנדערע, די ענגליש־קענער, האָבן זיך בא זיי דערוווּסט.

שפּעטער מיט אַ צײַט האָב איך ווידער פאַרטראַכט פאַנאַנדערשיפרירן די אַראַבישע אויפשריפט. דאָס איז געווען דאַן, ווען ס'האָט בא אונדז אין שטאָט זיך געעפנט אַן אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט פאַר פעלקער־פרײַנטשאַפט. איך האָב אַראָפּגעמאָלט אַ קאָפּיע פון דער אויפשריפט און אַ צײַט זי געטראָגן אין קעשענע, ביז אַנומלטן האָב איך ענדלעך פאַרקערעוועט צום רויטן אוניווערסיטעט־מויער און דורכגעגאַנגען צווישן זײַנע מעכטיקע קאָלאָנעס, וואָס דערמאָנען מיר שטענדיק די זײַלן פון היבראַלטאַר. הינטער זיי איז דער אומענדלעך ברייטער אָקעאַן פון וויסן.

אין וועסטיבול, ווו כ'בין עטוואָס אַ פאַרלוירענער שטיין געבליבן, איז פאַר מיר דורכגעגאַנגען די פּילגעשטאַלטיקע מענטשהײַט אַליין. נאָר פּונקט ווי די פאַרבן פונעם רעגנבויגן זײַנען פאַרשיידן און פאַסן דאָך אײנע צו דער אַנדערער, שאַפן אַ לעבעדיקע גאַמע, — אַזוי האָבן געפּאַסט אײנער צום צווייטן, דערפילט אײנער דעם אַנדערן די, וועמען כ'האָב דאָ געזען. און נאָך אײנס האָב איך באַנומען: קינדער פון פאַרשיידענע עקן וועלט זײַנען מער ענלעך אײנס אויפן צווייטן, מער קרויוויש צווישן זיך, ווי עס וואָלטן וועלן די, וואָס זוכן דאָס פאַרשיידענע אין מענטשן און רייצן אָן מענטש אויף מענטש.

כ'האָב אָנגענומען פאַר אַן אַראַבער אַ ברוינעם יונג פון מעקסיקע — אַ דראָטיקן און הייסן. געווענדט האָב איך זיך מיט דער פראַגע — צי זײַנען זיי ניט קיין אַראַבער? — צו צוויי באַשיידענע באָכערים פון קאַמבאָדזשיע. דער דריטער, ווען כ'האָב אים געזאָגט, וועמען איך זוך, — ער האָט זיך פּונקט אַראָפּגעלאָזט פון די ברייטע טרעפּ און מיך איבעראַשט מיט זײַנע אויגן: טונקל־ברוינע, באַשײַנטע פון געדאַנק, פאַרזאָרגטע און אָנגעשפּיצטע, אויגן פון אײנעם, וועלכער האָט עפּשער געזען פיל אומרעכט און בייז; איבעראַשט האָט מיך אויך די אָנגענעמע שוואַרצ־כיינעוודיקײַט פון זײַן אײדעלן, אַ ביסעלע נערוועזן געזיכט, — דער דאָזיקער האָט מיר ניט געענטפערט, נאָר בלויז אײַנגעלאַדן מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, כ'זאָל אים נאָכגיין, און גענומען זיך ווידער אויפהייבן אויף די טרעפּ, צוקלאַפּנדיק מיטן פינגער אין דער פאַרענטשע. אויבן, אין קאָרידאָר מיט די הויכע האַלב־קײַלעכדיקע פענצטער, וואָס דערמאָנט אַ לאַנגע גאַס מיט לויכטנדיקע „טאָגשײַן“־לאַמטערנס, האָט דער באָכער ווידער אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט פאָרויס און מיט אָנשטרענגונג געזאָגט אויף רוסיש: „טשעטירעסטאַ דיעוויאַטנאַדצאַטאַיאַ — אַראַבי טאַם“, און באַלד פאַרטײַטשט: „פירהונדערט נײַנצנטעס אַאודיטאָריום — אַראַבישע גרופּע“.

„דאָס מיינט ער, אַז איך בין אַ דײַטש, צי ער אַליין איז אַ דײַטש?“ — איז מיר דורכגעלאָפן אַ פריילעכער געדאַנק. ער איז אָבער אויף קיין דײַטש ניט ענלעך געווען, און איך... מאַלע וועלכן טאָעס מע קאָן האָבן, אָט האָב איך דאָך געמיינט, אַז ער איז אַן אַראַבער.

דער באָכער האָט אוואַדע אַף זײַן אויפֿן פֿאַרשטאַנען מײַן קורצע פֿאַרלעגנהײַט און איז אוועק מיך באַגלייטן ווײַטער.

אָט אַזוי האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַלבערט קרישנערן...

איך דאַרף דאָ דערציילן אַלבערט קרישנערס געשיכטע, די געשיכטע פֿון זשיזעל מעוועפֿלוג, אויך דאָס, וואָס אַלי אַבדוראַכים האָט מיר דערציילט, און וועגן דער אויפֿשריפֿט אַפֿן פּיעדעסטאַל. כ׳דאַרף אַ סאַך דערציילן. דעריבער וועל איך מיסטאַמע דורכלאָזן אייניקע דעטאַלן, וועלכע זײַנען, אַזוי צו זאָגן, דאָס, וואָס מע זעט אין וועג, בײַס מע באַוועגט זיך צום ציל.

אין דער גרויסער אַאודיטאָריע, וווּהין מיר זײַנען אַרײַנגעקומען מיט אַלבערט קרישנערן, זײַנען געווען בלויז צוויי[ע]ן: אַ יונגער דאַרלעכער מענטש פֿון אַ יאָר דרײַסיק, מיט בלאָנדע, לאַנגע האָר, וואָס ווערן שוין, לײדער, שיטער, מיט גוטע בלויע אויגן, ערנסטע און ריינע, ווי בײַ אַן אַלטיטשקן, און אַ שלאַנקער יונג, אַ טונקלהויטיקער, מיט געדיכטער ראָזקײַט אין די באַקן, וואָס גיט צו זײַן שיין לענגלעך געזיכט דעם קאָליר פֿון טעראַקאָט. דער בלאָנדער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט — טשעקולײַעוו, — ער איז אַן איבערזעצער פֿון אַראַביש און אונטעריכט די רוסישע שפּראַך. דער צווייטער האָט אַף מיר אַ קוק געטאָן מיט פֿלאַמענדיקע שוואַרצע אויגן, אין וועלכע עס גליט די קראַפֿט פֿון דער יוגנט און עס שפּיגלט זיך אַזוי ווי די ראַכוועס פֿון זאַמדיקע מידבאָריעס, — ער האָט מיר דערלאַנגט זײַן ברוינע האַנט און ניט הויך געזאָגט:

— אַלי אַבדוראַכים.

צו קרישנערן האָט אַבדוראַכים בלויז אַ שמייכל געטאָן, ווי צו אַן אַלט־באַקאַנטן. קרישנער האָט מיר דערקלערט:

— סטאַראָסטאַ... גרופּען־עלטעסטער.

ס׳איז געווען שוין נאָך די לעקציעס, און ווען כ׳פֿאַרשפּעטיק נאָך אַף אַ פּאָר מינוט, וואָלט איך דאָ שוין קיינעם ניט געטראָפֿן. ס׳האָט מיר, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעגליקט, אָבער ניט אינגאַנצן. דאָס האָט זיך אויסגעקלאָרט, ווען כ׳האָב באַוויזן טשעקולײַעוון מײַן פּאַפּירל מיט דער אַראָפּגעמאָלטער אויפֿשריפֿט. ער האָט עס באַטראַכט, באַוויזן אַלי אַבדוראַכימען, איבערגעוואָרפֿן זיך מיט אים מיט עטלעכע ווערטער אַף אַראַביש. ביידע האָבן אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען.

— איינס פֿון די צוויי, — האָט געזאָגט טשעקולײַעוו, — אָדער איר האָט אַ ביסל ניט פּינקטלעך אַראָפּגעמאָלט די אויפֿשריפֿט, — אין אַראַביש איז וויכטיק יעדעס פּאַסיקל און יעדעס פּינטעלע, — אָדער גופֿע אַפֿן מעטאַל זעט זיך ניט אַלץ בוילעט... די סקולפּטור איז ניט צעשעדיקט?

— דער פּיעדעסטאַל איז צעבויגן...

כ׳האָב דערציילט, וויאַזוי די סקולפּטור קומט צו מיר, און מיטאַמאָל באַמערקט, אַז אַלבערט קרישנער איז עטוואָס בלאַס געוואָרן. אַף זײַן שוואַרצבײנעוודיקן געזיכט איז ווי געפֿאַלן אַ גרינער שאָטן. די אויגן האָבן אויסגעדריקט פּײַן, ווי בײַ אַ פֿאַרווונדעטן, ווען מע נעמט אָפּרײַסן די מאַרליע פֿונעם קראַנקן אָרט.

— מע וואָלט באַדאַרפֿט אַ קוק טאָן אַף דער סקולפּטור, — האָט טשעקולײַעוו געזאָגט. — ניט איצט, פֿאַרשטייט זיך, אַן אַנדערש מאָל. איר וווינט ווײַט פֿונדאַנען?

כ׳האָב געענטפֿערט, אַז איך וווין טאַקע גאַנץ ווײַט. מיר האָבן זיך דערעדט, ווען כ׳זאָל אַף טשעקולײַעוון וואַרטן. קרישנער האָט אָנגעשטרענגט און ווי אומגעדולדיק זיך אײַנגעהערט, אַ פּאָר מאָל געעפֿנט און צוריק פֿאַרמאַכט דעם בליצשלאָס פֿון זײַן סאַמעטענעם רעקל, און די האַנט זײַנע, האָב איך געזען, האָט דערבײַ אַ קאַפּעלע געציטערט.

דאָ איז דאָס אָרט צו באַמערקן, אַז כ׳קען אַ ביסל דײַטש. בײַ דער וואָלגע, ווען מ׳האָט אין סאַמע ברען פֿון שלאַכט אַראָפּגעבראַכט אַפֿן קאָמאַנדע־פּונקט צום קאָמאַנדיר פֿון אונדזער פּאָלק צוויי געפֿאַנגענע עסעסאָווצעס און מ׳האָט זיי דרינגענד געמוזט אויספֿרעגן (דער איבערזעצער פֿון פּאָלק איז געלעגן אַ טויטער), איז מיר צום ערשטן מאָל צוניצגעקומען דאָס, וואָס דער לערער פֿון דײַטש האָט אין מיר אַרײַנגעדויבעט. שפּעטער האָט מען שוין אין פּאָלק מיך ביכלאַל געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנצן דײַטש־קענער.

איך האָב זיך וועגן אַלץ געַנוי צונויפֿגערעדט מיט טשעקולײַעוון. קרישנער האָט מיר געזאָגט אַף דײַטש:

— איך בין אויך געווען אין ליגניץ.

— געוווינט דאָרטן?

— כ'בין א קורצע צײַט דאָרט געווען אין א פּוילישן קינדערהיים.
— א פּוילישן? הייסט עס, שוין נאָכן קריג?
— נאָך אָשווענטשים...
אלי אבדוראכים האָט מיט אינטערעס געקוקט אף אלבערטן און אף זײַן שטענדיקן איבערזעצער — אף טשעקולײַעוון. טשעקולײַעוו האָט אים געזאָגט, וועגן וואָס מיר ריידן.
— אָשווענטשים? — האָט דער אראבער איבערגעפרעגט און מיטפילנדיק זיך אײַנגעקוקט אינעם כאווער, ווי איינער זאָגט: „טאקע? דאָס האָב איך גאָר ניט געוווּסט".
— אָשווענטשים, — האָט אלבערט איבערגעכאזערט.
— און פונוואנען זײַט איר? — האָב איך געפרעגט.
— פון סאארבריוקען, — ער האָט געטראכט א ווײַלע און צוגעגעבן: — כ'האָב א גרונט צו פארהאסן דאָס געבורטסאָרט מײַנס, כאָטש ס'איז ניטאָ די שאָ, כ'זאָל ניט טראכטן וועגן אָט דער ערד. דאָרט איז בא מיר פיל צוגערויבט געוואָרן, נאָר איך האָב דאָרט געפונען דאָס סאמע טײַערסטע.
און אלבערט קרישנער האָט שוין ביזן סאָף דערציילט זײַן געשיכטע — זײַנע און זשיזעל מעוועפלוגס.

— —

ער איז נאָך געווען א פּיצל קינד, ווען ס'האָבן אין סאאר זיך ארײַנגעריסן די נאציסטן. דאַן האָט ער שוין געוווּסט, אז ווען עס נעמען הילכן פאשיסטישע לידער אין ראדיאָ־אופנעמער אָדער ווען עס דערטראָגט זיך פון דאָרט אן אימפּעטיק געשריי, ווי א מין בילן, — דארף מען דעם ראדיאָ־אופנעמער טייקעף אויסשליסן.
ער איז געוואקסן, אלבערט, און אלץ מער באגריפן, אז אין דער היים בא אים הערשט עפּעס א פּאכעד. מע האָט שטענדיק מוירע געהאט אויסריידן א הויך וואָרט, א לאך טאָן. מע האָט זיך געהיט, אז דער שאָכן פון יענער זײַט וואנט, — ער איז געווען א בייזער, א מיליטעריש געקליידטער, — זאָל ניט דערהערן. און ניט נאָר דער שאָכן — אויך עמעצער אף די טרעפּ האָט געקאָנט דערהערן... ווען ער, אלבערט, פלעגט גיין מיט דער מאמען אָדער מיטן זיידן שפּאצירן אין נאָענטן סקווער, האָט ער שוין געוווּסט, אז עס זײַנען דאָ בענק, אף וועלכע זיי טאָרן זיך ניט אוועקזעצן. בלויז איין באנק אין א זײַטיקן ווינקל האָבן זיי געמעגט פארנעמען. די שוועסטערקע זײַנע, גוסטע, האָט עפּעס געוווּסט און ניט צוגעזעצט זיך אפילע דאָרט, ווו מע האָט געמעגט. בלויז קליינע קינדער, אזעלכע ווי ער, האָבן געדרוט אף איר. נאָר אָפט פלעגט געשען, אז די עלטערן האָבן ניט צוגעלאָזט די קינדער, ווײַל די באנק איז געווען אין עפּעס אויסגעשמירט.
וואָס ווײַטער, איז געוואָרן אלץ ערגער. אוועקלאָזנדיק זיך אין גאס, האָבן אלע זײַנע נאָענטע, און ער אויך, געמוזט אָנטאָן אן אייבערשטס מיט א געלער לאטע... דעמלט האָט ער שוין געוווּסט, וואָס דאָס באטײַט.
און נאָך: ער האָט געלערנט אין א שול, וואָס איז געווען שטארק ווײַט פון דער היים. אלע קינדער און אויך די לערער האָבן דאָרט געטראָגן די זעלבע געלע צייכנס.
ער האָט זיי געזען, די, וואָס ווארפן אָן א פּאכעד: צומיינסטנס מיליטעריש אָדער האלבמיליטעריש געקליידטע; נאָר עס זײַנען געווען אויך אזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן געוויינלעכע קליידער, און אפילע פרויען זײַנען געווען, דעריקער יונגע. פלוצעם האָט מען געקאָנט דערפילן אף זיך זייערן א פארשטאָכענעם בליק, דערהערן א זידלוואָרט אָדער באקומען אפילע א שמיץ מיט א כליסט, א שטויס אין פלייצע מיט א פארמאכטן פאראסאָל.
אלבערטס טאטע האָט אלע יאָרן געארבעט בא דער מאמעס א ברודער, באם פעטער ארטור אין אפּטייק. א גרויסע, א ליכטיקע, איז זי געשטאנען אף א באלעבעט אָרט, לעבן בריק. אנומלטן איז אלבערט געגאנגען פון שול (מיט עטלעכע טעג צוריק האָט א יונג אים אָפּגעשטעלט אינמיטן גאס און צעבראָכן זײַן וועלאָסיפּעד) און דערזען: די וויטרינע אינעם פעטערס אפּטייק איז אויסגעזעצט, אפן טראָטואר וואלגערן זיך שופלאָדן, ארויסגעצויגענע פון די שאפעס, די רעפּועס זײַנען צעשאָטן...
מיטאמאָל האָט זיך אין דער מישפּאָכע אלץ גענומען דרייען ארום דעם אלטיטשקן זיידן — דער מאמעס פאָטער. ער איז מיט א סאך יאָרן צוריק געקומען אהער פון פּוילן, האָט די גאנצע מישפּאָכע איצט געמוזט אריבערפאָרן אהין, פונוואנען דער זיידע שטאמט.
ס'איז געווען מילכאָמע־צײַט. ס'הייסט, מיט פּוילן, וואָס איז געלעגן ערגעץ דאָרט, אף מיזרעך, האָט די מילכאָמע זיך שוין ווי פארענדיקט, נאָר מיט פראנקרײַך, וועלכעס איז געווען אָט דאָ באנאנד, האָט דער מאָדנער קריג (א שטום ווארטעניש אף ביידע פראָנטן) געדויערט. האָט מען אין דער ארויסשיקונג־גזיירע אײַנגעזען אויך א שטיקל כעסעד: ווײַטער כאָטש פונעם פײַער.

אַט אזוי איז מען אינמיטן ווינטער מעגולגל געוואָרן אין דער וואַרשעווער געטאָ.

דער זיידע איז, אייגנטלעך, ניט דערפאַרן... מע האָט אין וועג ניט געגעבן די אַרויסגעשיקטע קיין וואַסער. די ביז גאָר אַקוראַטע דײַטשן האָבן פאַרגעסן אין דעם, און אף די סטאַנציעס האָט מען אויך קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט... דער זיידע האָט געליטן פון נירן־שטיינער און שטענדיק געטרונקען מינעראַל־וואַסער. מ'האָט דאַפקע געהאַט מיטגענומען פאַר אים עטלעכע פלעשלעך, נאָר געטרונקען האָבן בלויז די קינדער, — דער זיידע האָט אַפילו די ליפּן ניט באַנעצט, אזוי איז ער טאַקע פאַרשמאַכט געוואָרן אין וועג, אויסגעגאַנגען אף זײַן פּאָלקע...

אַן אַכזאָריעסדיקער געדאַנק, נאָר אַ ריכטיקער: פאַרן זיידן איז בעפּיירעש בעסער געווען, וואָס ער האָט ניט איבערגעלעבט דאָס, וואָס עס איז אויסגעפאַלן אַפן גוירל פון זײַן אַלטער היים. אַ ריזיקע שטיינערנע גרוב, אַ פולע מיט הונגעריקע, דערפרוירענע, געפּלאָגטע מענטשן, דער־פּירטע, דוכט זיך, ביזן לעצטן גראַד (נאָר ווי ווײַט ס'איז נאָך געווען צום לעצטן גראַד!) — אַט וואָס די גרעסטע געטאָ אין אייראָפּע האָט דעמלט פאַרגעשטעלט מיט זיך.

דער פאַריזשער גאַוואַרש האָט געטראָגן קוילן פאַר די אופשטענדלער, קוילן, וועלכע ער האָט באַקומען אף יענער זײַט באַריקאַדע, בא די געטייטע סאָנים. דער געטאָ־גאַוואַרש האָט אָנ־געהויבן פון אַלטגעבאַקענע שטיקלעך ברויט און געפרוירענע קאַרטאָפל, וועלכע ער האָט אויס־געבעטן בא די פּאָליאַקן אָדער אויסגעזוכט אין די מיסטקאַסטנס אף דער „אַרישער‚ זײַט“, — געשמוגלט דאָס אַלץ איבער דער הויכער שטיינערנער וואַנט.

די צײַט צו טראָגן קוילן איז פאַר אים העט שפּעטער אָנגעקומען...

אַלבערט איז געווען צווישן די דאָזיקע גאַוואַרשן. אים האָט אויסגעמיטן די קויל, נאָר גוסטען, וועלכע איז אויך מיט אים אַוועק אין שטאָט, האָט גלײַך פון ערשטן מאָל ניט אָפּגעגליקט...

דער טאַטע און דער פעטער אַרטור זײַנען פאַרנומען געוואָרן אף עפּעס אַן אַרבעט אויסער דער געטאָ און — ווי אין וואַסער אַרײַן. געבליבן זײַנען זיי אינצווייען — אַלבערט און די מאַמע.

ביז ס'איז מעגלעך געווען, האָט די מאַמע געאַרבעט אין דער בערשטער־פאַבריק, אין יענער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די שטאַרקסטע אופשטאַנד־באַסטיאָנען. טאָמער אַ בעהאָלע, אַן איבערפאַל, האָט מען זיך באַהאַלטן אין אַ בונקער. נאָר אַט איז קלאָר געוואָרן אַפילו פאַר קליינע קינדער, אַז די פאַשיסטן ווילן אַלעמען אַרויסנאַרן פון די צעכן און בונקערס און פאַרניכטן. ס'איז אויסגעבראָכן דער אופשטאַנד. עטלעכע גליקלעכע שאָ פון קאַמף, וואָס זײַנען מער ווערט פון אַ גאַנץ לעבן אונטער דער ערד, אין פינצטערניש און טויטשרעק! באַוואָפנטע יונגען און מיידלעך האָבן פאַריאָגט די פאַשיסטן פון דער בערשטער־פאַבריק און פון די נאָענטסטע גאַסן און ליקן. די גאַנצע געטאָ האָט געקעמפט.

באַנאַכט, ס'איז, דוכט זיך, געווען דער צווייטער מעסלעס פון אופשטאַנד, האָט מען די באַהאַלטענע אין בונקער, ווו ס'האָבן זיך געפונען אויך אַלבערט מיט דער מאַמען, גענומען אַרי־בערפירן אין אַ מער זיכער אָרט. אַט דעמלט, באַם אַריבערקלײַבן זיך אונטער אַ שיסערײַ פון איין בונקער אין אַ צווייטן, האָט אַלבערט פאַרלאָרן די מאַמע. אינעם נײַעם בונקער איז ער ניט אַרײַן — ער האָט באַשטימט געפינען זי.

און דאַן איז געקומען די צײַט צו טאָן, ווי דער פאַריזשער גאַוואַרש... אייגנטלעך, קיין סאָך האָט אַלבערט ניט באַוויזן אופטאָן. די גראַנאַטע, וואָס אַ דײַטש האָט געוואָרפן אין צערוי־נירטן הויז, ווו עטלעכע אופשטענדלער האָבן זיך פאַרוקט, האָט געכאַפּט ניט ער, אַלבערט, נאָר אַן אַנדער יינגל, עטוואָס עלטער פון אים, מע האָט אים גערופן „לושעק“. ער האָט זי געכאַפּט און אַ שלײַדער געטאָן צוריק אין פענצטער־לאָך, ווו דער דײַטש איז געשטאַנען. אַלבערט האָט צוויי גראַנאַטעס, אַ ביסל קוילן און אַ קעגנגאַז־מאַסקע צוגענומען בא אַ דערהאַרגעטן פאַשיסט און געבראַכט די אופשטענדלער. ווען ער איז דאָס צווייטע מאָל אַוועק נאָך טראָפייען, האָט אַ הונט זיך אַ וואָרף געטאָן אף אים, אומגעוואַלגערט און גענומען שלעפּן איבער די ציגל פון צעוואַל־גערטן הויז. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז זײַן סאָף. אַן אויסגעשטשירעטע מאָרדע, כײַישע אויגן, באַזוימטע מיט שטעכיקע האָר, אַ שוואַרצע נעגלדיקע לאַפּע האָט ער דערזען פאַר די אויגן. נאָר נייַן, ס'איז ניט געווען קיין סאָף. מיט הינט איז אים נאָך אויסגעקומען זיך טרעפן, באַזונדערס יענץ מאָל, ווען אַ צעיושעטער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אף זשיזעל... נאָר דאָס איז געווען העט שפּעטער...

אַלבערטן האָט מען אָפּגעמינטערט ערשט אין אויטאָבוס, אין וועלכן מ'האָט אַרײַנגעוואָרפן נאָך עטלעכע מענטשן, געפאַנגענע אין געטאָ. און דאַן איז שוין אַלץ אַוועק שנעל, ווי אף אַ גוט אײַנגעשטעלטן קאָנווייער: אַ פראַכט־וואַגאָן מיט פאַרגראַטעוועטע פענצטערלעך. ניט קיין עסן, ניט קיין טרונק וואַסער. גאַנצפרי — אַ סטאַנציע אין עפּעס אַ טאָל, אַן אַרומגערינגלטן מיט ני־דעריקע, הוילע בערגלעך. אַ גלײַכער וועג שנײַדט זיך צו אַן אָנהויפונג פון גרויע, זעט אויס, בעטאָנירטע געבײַען. דאָרטן מערקן זיך קוואַדראַטע, ניט גאָר קיין הויכע קוימענס, ניט אף קיין

סאך העכער פון די וואכטורעמס, וואָס שטארצן ווו־ניט־ווו איבערן צוים פון שטעכדראָט. א טויער, א באשלאָגענער מיט בלעך, און אויבן אן אופשריפט מיט גרויסע מעטאלענע אויסיעס: „ארבעט מאכט פרײַ״.

אָבער וואָס פאר אן ארבעט קאָן מען דערווארטן פון אזא ייִנגל, ווי אלבערט, וועלכער איז נאָך קיין צען יאָר ניט אלט געווען, צי פון די נאָך קלענערע קינדער, און פון די אלטע לײַט, וועלכע מע האָט געטריבן אין דער קאָלאָנע? וועגן דעם קאָן מען ניט טראכטן, ווען מע לעכצט נאָך א טרונק וואסער, ווען מע האָט זיך שוין הונדערט מאָל געזעגנט מיטן לעבן און די עסעסאָוועצעס מיטן אָנגעשטעלטן מאשין־געווער טרײַבן אין האלדז־און־נאקן. און וואָס וועט העלפן דאָס טראכטן? ווי א מיראזש זײַנען ארויסגעשווומען אינעם אינדערפריִעדיקן לײַכטן נעפל אָט די געבײַען מיט די קוימענס, מיטן שטעכדראָט און מיט דער צוזאָגנדיקער אופשריפט, — איז עפשער נאָך פאָרט פאראן עפעס א כעסעד אָף דער וועלט?..

אָפן ענגן פלאץ בא דער באָד, אויך אן ארומגערינגלטן מיט שטעכדראָט, האָט זיך אָנגעזאמלט א גרויסער אוילעם. דאָ זײַנען געווען אָנגעפאָרענע, לויט ווי מע האָט פארשטאנען, אפילע פון גריכנלאנד און פון אונגארן. מען איז פארמאטערט פון לאנגן וועג, נערווירט און אָנגעשטרענגט. מע האלט אפילע, אז די, וואָס באָדן זיך, טוען עס צו לאנג און מע וואָלט מעגן ארײַנלאָזן גרעסערע פארטיעס, נישקאָשע, מען איז שוין געווינט צו ענגשאפט... נאָר די עסעסאָוועצעס האָבן שטרענג רעגלאמענטירט דאָס ארײַנלאָזן אין באָד — יעדע האלבע שאָ א נײַע פארטיע, און שטענדיק די זעלבע צאָל.

און אָט דאָ איז עס געשען... אלבערט איז געבליבן אין דער לעצטער פארטיע, וואָס האָט געוואַרט אין דער ריי זיך אויסבאָדן, — א מענטשן דרײַסיק, ס׳ראָוו מאכטלאָזע, קראנקע, וועלכע האָבן אליין ניט געקאָנט אראָפלאָזן זיך מיט די טרעפ. האָבן די עסעסאָוועצעס געבראכט צו טרײַבן טרעגער אין געפאסעוועטע ארעסטאנטן־קליידער אָף צו העלפן די קראנקע. די טרעגער האָבן פאָרזיכטיק גענומען אויספרעגן, ווער פון די געקומענע זײַנען און פונוואנען. דערהערט, אז ווארשעווער, און אז דאָרט אין געטאָ גייען שלאכטן, זײַנען די טרעגער נאָך מער געוואָרן נײַגעריק. פלוצעם האָט איינער פון זיי, ניט קיין הויכער, א געזעצטער, מיט א מאָדנע באוועגלעך געזיכט, און מיט א פליך קימאט ביזן נאקן, זיך אײַנגעקוקט אין אלבערטן, צוגעזעצט זיך לעבן אים אָף די שפיצפינגער און ניט הויך געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך?

אלבערט האָט גלײַכגילטיק געענטפערט.

— ביסט אויך פון ווארשע?

א שאָקל מיטן קאָפ.

— ביסטו לאָזערס זון, פארגעדענק. לאָזער מאפעלעס, דעם צירק־אנטרעפרעניאָרס... דו שטאמסט פון קארליקעס... פארשטאנען?

און באלד האָט דער פליכעוואטער זיך אויסגעגלײַכט, אומרויִק גענומען ארומשמײַען איבערן ענגן פלאץ. ער איז צו צו איין דײַטש, צו א צווייטן, עפעס אופגערעגט דערוויזן, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט און אלץ געטײַט אָף אלבערטן. מ׳האָט ארויסגערופן אן עלטערן דײַטש פון יענער זײַט דראָט־פארצוימונג. פאר דעם דאָזיקן האָט דער פליכעוואטער מאמעש געצאפלט, און געענדיקט האָט זיך עס מיט דערמיט, וואָס ווען מע האָט אלעמען אוועקגעטראָגן אין באָד ארײַן, איז אָפן פלאץ געבליבן אלבערט איינער אליין אונטער דער וואך פון די עסעסאָוועצעס. באלד איז צוריק ארופגעקומען דער פליכעוואטער אינעם געפאסעוועטן כאלאט און אוועקגעפירט דאָס ייִנגל מיט זיך, אָף יענער זײַט שטעכדראָט, צו די וווין־באראקן.

וואָס דאָס איז געווען פאר א שפיל? ס׳איז געווען א שפיל מיטן טויט אליין... ארן מאפעלע, דער פאטריארך פון א מישפאָכע קארליקעס, האָט קיינמאָל זיך ניט פארגעשטעלט, אז זײַן דוירעסדיקער מום וועט ווערן א סגולע צו ראטעווען זיך. איצט האָט ער באשטימט א פרווו טאָן דעם קויעך זײַנעם. פיל יאָרן האָט ער און דער ייִנגערער ברודער זײַנער, דער קליינער לאָזער, וואָס איז שוין געווען נאָר א האלבער קארליק, געמאכט קאָנטראקטן מיט פארשיידענע צירקן און באלאגאן־טעאטערן, אין וועלכע עס זײַנען מיט קונצן און קאָמישע זשאנער־סצענעס ארויסגעטראָטן די גאָר קליינע ברידער און שוועסטער זייערע און אויך ווילד־פרעמדע קארליקעס, וואָס זײַנען צוגעשטאנען צו זייער טרופע און זיך אויסגעגעבן פאר לײַבלעכע ברידער און שוועסטער, כאָטש די קרויוועשאפט זייערע איז באשטאנען בלויז אינעם אומגליק. יאָרנלאנג האָט די כאליאסטרע אומגעוואנדערט איבער פוילן, ארויסגעשטעלט פאר מענטשן זייער קריפלדיקײַט, און פלוצעם, ווען מע האָט זיי אלעמען, פארקליאקנעטע פון הונגער, ארויסגעשלעפט פון א קעלער און אוועקגעפירט אהער, צום טויט, האָט זיי בא דער טיר פון דער גאז־קאמער מיטאמאָל אלעמען אָפגעגליקט, — זיי האָבן געשלאָסן א קאָנטראקט מיטן טויט אליין. אָט דער פעסטער קאָנטראקט האָט

שוין געגילט צוויי כאַדאָשים און וועט, ס'אַ סוואַרע, גילטן אויך ווײַטער. איז פאַרוואָס זשע זאָל טאַקע אַרן מאַפּעלע, דער פּאַטריאַרך פון אַזאַ מישפּאָכע, ניט וואַגן אַ פּרווו טאָן נאָכאַמאָל זײַן קויעך?..

דער געהילף פונעם עלטסטן לאַגער־דאָקטער, דער אָבערשטורמפּיורער ראָבערט מעוועפּלוג, וועלכער האָט געהאַט צו שאַפן איבערן „ציקלאָן ב"', דאָס הייסט איבער די מענטשן, וועלכע מע וואַרפט אין די גאַז־קאַמערן, און אויך איבער די קאָמאַנדעס ציין־רײַסער — יענע, וואָס שלעפּן אַרויס די גאָלדענע ציין, בא די פאַרגאַזירטע, — אָט דער שטאַלטנער, פלייציקער דײַטש, וואָס אַליין פאַר זיך וואָלט ער אַפילע געוועזן אַ שיינער מענטש, ווען ער זאָל קיין כײַע ניט זײַן, האָט באַשטימט דאָ, ווו דער טויט הוליעט, און ווו ער, מעוועפּלוג, איז געוועזן איינער פון זײַנע באַדינער, צו פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, וועלכע זײַנען געוועזן פונקט אַזוי פאַרברעכעריש און זינלאָז, ווי אַלץ, וואָס די הענקער האָבן דאָ געטאָן. אייניקע דאָקטוירים האָבן געמאַכט פּרווון מיט טיפוס־באַצילן, פאַרפולקומט די מעטאָדן פון סטערילעזירונג, ווידער אַנדערע האָבן געפאָרשט, וויאַזוי עס באַקומען זיך צוויילינגען, און ראָבערט מעוועפּלוג האָט גענומען דערגראָבן זיך צו דער יערושעדיקײַט פון קאַרליקעס. דער פראַנקפורטער דורכשניטלעכער כירורג האָט געטרוימט וועגן אַ לאָרבער־קראַנץ. אָט צוליב וואָס מעוועפּלוג האָט געדאַרפט די מישפּאָכע קאַרליקעס.

— מײַן קראַליק־פּערמע, — פלעגט ער פאַר קאָלעגן רופן די מישפּאָכע וואַרשעווער קאָמעדיאַנטן און מיט גײַווע דערציילן וועגן די איניעקציעס און בלוט־צאַפּונגען. און ענדיקן פלעגן זיך די באַזוכן פון זײַנע פרײַנט אין פּרווו־באַראַק מיט „טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען"', אַף וועלכע די קליינינקע, צעקאַליעטשעטע מענטשן האָבן זיך געקרימט, געלאַכט, אָפּגעטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך זייער פּאַטריאַרך, דעם גוליווער אַרן מאַפּעלע.

— אויב גלייבן דאַנטען, — האָט אַרן געזאָגט, — זײַנען אין געהענעם פאַראַן זיבן קרײַזן. מיר זײַנען מיט אײַך, קינדער, אַפן זיבעטן, ווײַטער איז שוין דער טהאָם, ווו דאָס פײַער פלאַקערט... נאָר ניט געדײַגעט. אין זיבעטן קרײַז קאָן מען נאָך אויך נאַרן דעם טײַוול...

און ער האָט געגאַרט: אַלבערט איז געוועזן דער ערשטער געראַטעוועטער. מיט דער צײַט זײַנען צוגעקומען נאָך אַ פּאַר אַזעלכע קלוימערשטיקע קרויווים.

— זאָל ער זיך פירן זײַן קאַרטאָטעקע, דער „געלערנטער" דײַטש, אָט דער קליינינקער פּלאַנטער אין כעזשבן וועט גאַרניט ענדערן אין זײַנע פאָרשונגען...

און די אונטערשטע שורע פון אַלע רייד אין באַראַק איז אַלע מאָל געוועזן אַזאַ:

— טאַקע זיבן קרײַזן, און מיר זײַנען מיט אײַך, קינדער, אַפן סאַמע לעצטן, נאָר דער וועג, וואָס פירט אַראָפּ, פירט אויך אַרויף... מאַלע וואָס עס קאָן זיך אָפּטאָן אויבן...

אַ יאָר צײַט איז אַלבערט אָפּגעווען אין פּרווו־באַראַק, און ווען ער האָט, נאָך דעם ווי מע האָט בא אים גענומען מאַרך־פּליסיקײַט פון דער כוטהאַשעדרע, זיך שוין ניט געקאָנט אופהייבן פון דער נאַרע און געדאַרפט אַף אַ טראָגבעטל דורכמאַכן דעם לעצטן וועג אין גאַז־קאַמער, ווי עס האָט אים שוין דורכגעמאַכט די מערהײַט פון דער קאַרליקעס־מישפּאָכע, האָט די טיר פונעם באַראַק זיך געעפנט און אינעם ליכטיקן פּירעק פון זון און שימערירנדיקן שניי איז שטיין געבליבן אַ מענטש אין אַ בלויען קאָמבינעזאָן מיט אַ העלם אַפן קאָפּ און מיט ניט קיין געוויינלעכן אויטאָמאַט אין דער האַנט — דאָס איז געוועזן אַ סאָוועטישער טאַנקיסט...

— —

ווען איך בין הײַנט געגאַנגען אין אוניווערסיטעט פאַר פעלקער־פרײַנטשאַפט, האָט זיך געקליבן אַף אַ רעגן. איצט האָט ער אַ גאָס געטאָן מיט אימפּעט און ראַש, ווי אין רעכטן פרילינג. די וואַסער־שטראָמען האָבן זיך געטראָגן פאַרבײַ דעם אָפענעם פענצטער און פאַרענדערט די גאַס, פון וועלכער עס זײַנען מיטאַמאָל אַנטרונען די מענטשן. בלויז אויטאָס האָבן געיאָגט, און די באַוועגלעכע שאָטנס זייערע האָבן דערמאָנט אין אונטערוואַסער־שיפלעך.

אַלי אַבדוראַכים האָט האַנאָע געהאַט פונעם רעגן, ווי עס קאָן האַנאָע האָבן אַ מענטש, וועלכן עס איז באַקאַנט דער דאָרשט פון מידבאַריעס. טשעקולײַעוו האָט זיך צוגעזעצט צום טישל באַם סאַמע פענצטער און גענומען אַרויסלאָזן דעם ציגאַרן־רויך אין דרויסן. אַלבערט קרישנער האָט אַ קאַפּעלע פאַרצויגן די פּאַוזע. ער איז זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, אָפּגעשטעלט זיך באַם פענצטער און עטלעכע ווײַלעס געקוקט אַפן רעגן. איך און אַלי זײַנען אויך צוגעגאַנגען צום פענצטער און אוועקגעזעצט זיך באַם טישל...

אַלבערט האָט ווײַטער דערציילט זײַן געשיכטע.

— —

א מענטשנס האַרץ איז ווי א בומעראַנג '— עס ציט אים, דעם מענטשן, אַהין, פֿונוואַנען ער איז געקומען, אַפֿילו אַהין, פֿונוואַנען מע האָט אים אַרויסגעטריבן. אָט פֿאַרוואָס אַלבערט האָט ניט אַף לאַנג זיך פֿאַרהאַלטן אינעם פּוילישן קינדערהיים. ער האָט, אייגנטלעך, געוווּסט אַף זיכער, אַז עס זײַנען טויט דער זיידע און די שוועסטער. אָבער די מאַמע, דער טאַטע, דער פּעטער אַרטור און זײַן געזינד?

און טאַקע — ס'האָט זיך אָפּגערופֿן דער פּעטער אַרטור. ער איז דורכגעגאַנגען דורך טויזנט סאַקאָנעס און איז איצט ווידער אין סאַאַרבריוקען. זײַן אַמאָליקע אַפּטייק געהערט אים ווידער.

ס'האָט זיך געגלייבט: מיט דער מעשוגאַס, וואָס הייסט נאַציזם, איז פֿאַרענדיקט. ווילדגראָז וואַקסט טאַקע ווידער אויס, נאָר מענטשן, וואָס ווילן געניסן פֿונעם גאָרטן, ווייסן שוין, וואָס ווילדגראָז איז, און רײַסן עס אויס. הונדערטער לאָגישע באַווײַזן האָבן געקאָנט געבראַכט ווערן, אַז דער נאַציזם טאָר ניט ווידער אויפֿקומען. און דאָך איז גערעכט געווען דער פּעטער אַרטור, ווען ער האָט איינמאָל באַמערקט:

— דער נאַציזם איז ניט יענץ געוויקסל, וואָס איז אַליין פֿון זיך אויסגעוואַקסן. מע האָט עס געפֿלאַנצט און געכאָוועט. און ביז עס זײַנען דאָ געברויכער פֿון אָט דעם מין, וועט עס וואַקסן.

דער אַלטער, הייסט עס, האָט געוווּסט, אַז אַלץ קאָן זיך איבערכאַזערן. ס'איז אים אָבער געבליבן ווייניק צו לעבן, האָט ער געוואָלט א קאַפּעטשקע אָפּרוען פֿון פּאָליטיק. ער האָט צוריק דעראָבערט זײַן אַפּטייק, גענומען אַן אַלטיטשקע געטרײַע הויזווירטן, אַרויסגערופֿן דעם פּלעמעניק און געגעבן אים א מעגלעכקײַט פֿאָרזעצן דאָס לערנען. נאָר קיין ווידערשפּרוך מיט דעם, וואָס ער האָט געהיט אין זיקאָרן, איז אין דעם אַלץ ניט געווען. ער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט פֿון א גרוב דערשאָסענע און עטלעכע יאָר, אַדאַנק גוטע מענטשן, מיט ניסים אויסגעבאַהאַלטן זיך, איז פּאָשעט געגנוג דערפֿאַרן געווען אין לעבן אַף צו וויסן די טאַקטישע קונסט פֿון אויסנוצן אַן אָטעם־איבערכאַפּ. ער האָט עס געלערנט אויך דעם פּלעמעניק און בלויז באַדויערט דערבײַ:

— דאָס בייזע לעבט אוף שנעלער, איידער מע האָט געקאָנט דערוואַרטן. בא מענטשן זאָל זײַן אַזאַ קורצער זיקאָרן!..

דאָס איז געזאָגט געוואָרן דאַן, ווען עס האָבן אין איינער און דער זעלבער צײַטונג זיך באַוויזן צוויי מיטיילונגען, וואָס האָבן אויסערלעך קיין אַלגעמיינס צווישן זיך ניט געהאַט, נאָר דער אַלטער אַפּטייקער האָט זיי דאָך פֿאַרבונדן. איינע איז אָפּגעדרוקט געווען מיט אַן אַנשלאַגקעפּל, ווי א פּיקאַנטע סענסאַציע: דער ייִנגסטער פֿון די ברידער טיסען, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק כאַסענע געהאַט פֿאַר א שיינער מאַנעקענשע, האָט, קעדיי זי זאָל מאַסקים זײַן אַף א געט, געגעבן איר אַזויפֿיל גאָלד, וויפֿל זי וועגט, — 57 קילאָגראַם. די צווייטע מיטיילונג איז מיט פּעטיט געדרוקט געווען אַף דער לעצטער זײַט פֿון דער זעלבער צײַטונג: עס האָט זיך אומגעקערט פֿון טפֿיסע פֿאַר דענאַציפֿיצירטע דער פֿראַנקפֿורטער דאָקטער ראָבערט מעוועפּלוג; עס איז אים אויסגעצאָלט געוואָרן צען טויזנט מאַרק מעלוכע־שטיצע; ער הייבט אָן זײַן פּריוואַטע פּראַקטיק און וואַרט אַף פּאַציִענטן.

דער אַלטער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין א סאַרקאַסטיש געלעכטער:

— אין דרײַ־און־צוואַנציקסטן האָט טיסען דער פֿאָטער פּריִער פֿון אַלע מאַגנאַטן גענומען אַף זײַן וואָגשאָל דעם מאַניאַק היטלערן און געוואויגן אים אַף גאָלד. טיסען דער זון באַשעפֿטיקט זיך דערווײַל מיט א מאַנעקענשע, אָבער ניט דאָס איז וויכטיק, — וויכטיק איז, וואָס גאָלד איז שוין ווידער אָנגעזאַמלט, אַזויפֿיל גאָלד, אַז מע קאָן אַפֿילו באַצאָלן מעוועפּלוגן פֿאַר זײַנע איבערגעריסענע פֿרווּון איבער די קאַרליקעס און פֿאַר דעם אָפּזיצן אין טפֿיסע...

ראָבערט מעוועפּלוג האָט געהאַט זײַן באַטרעף. ביכלאַל אָבער איז ער א זעמדעלע אין פֿאַרגלײַך מיט א הויזינגער, א שפּיידלער, א פּאַנצערמייער. מעוועפּלוג האָט ביז וואָס־ווען באַקומען בלויז געלט אַף אָפּרעמאָנטירן זײַן ווילע און אויסשטאַטן דעם כירורגישן קאַבינעט. די גענעראַלן אָבער האָבן ווידער באַקומען אין זייער רעשוס מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן...

נאָר מעוועפּלוג האָט אויך געגעבן פֿון מאָל צו מאָל וועגן זיך צו וויסן. ווידער א צײַטונגמיטיילונג — געדרוקט שוין ניט מיט פּעטיט אַף דער לעצטער זײַט, נאָר מיט שוואַרצן קאָרפּוס אַף דער מיטלסטער: אין רעקלינגסהאַוזען איז פֿאָרגעקומען א „כאַווערישע באַגעגעניש אין אָנדענק פֿון די אומגעקומענע העלדן". און א פֿאָטאָ: קעסעלרינג — א בײַכל, א ציווילער אָנצוג, א הוט אין האַנט — איז אַרומגערינגלט מיט פֿויקער און טרומייטלער, ער האַלט א רעדע בא א דענקמאָל אין א שטילן פּאַרק, אונטער נידעריק־אַראָפּהענגענדיקע ווערבע־צווײַגן. אַן ערנוואַך שטייט בּאַם דענקמאָל — צוויי מענטשן, אויך מיט בײַכלעך, אין באַשיידענע ווײַסע העמדלעך און שוואַרצע האַלדזטיכער, נאָר אין מיליטערישע גאַליפֿע און אין שטיוול. איינער פֿון די צוויי, דער, וואָס שטייט לינקס, איז ראָבערט מעוועפּלוג. די אונטערשריפֿט אונטער דער פֿאָטאָ איז א לאַקאָנישע:

„מיר וועלן מארשירן ווײַטער,
ביז אלץ וועט זיך פארוואנדלען אין שטויב...“

דער פעטער ארטור איז געשטאָרבן און אין דער לעצטער שאָ געבעטן, מע זאָל אים קיין דענקמאָל ניט שטעלן, ער האָט עס דערקלערט אזוי:

— מיט וואָס בין איך בעסער פון אנדערע? ניט דאָס ווײַב, ניט די קינדער מײַנע, ניט די דײַניקע, אלבערט, האָבן קיין דענקמעלער, קיין צאם...

אלבערט איז געוואָרן דער יורעש פונעם פעטערס אפטייק נאָך דאן, ווען ער איז געזעסן דאָס לעצטע יאָר אף דער שולבאנק. א שטיקל צײַט האָט ער דערנאָך געייסעקט זיך אין דער אפטייק צוזאמען מיטן געשעפטס־פארוואלטער און ענדלעך באשטימט פאָרזעצן דאָס לערנען. ער איז אָנגעקומען אין פראנקפורט־אם־מײַן אפן מעדיצינישן פאקולטעט פונעם אוניווערסיטעט, און דאָ האָט אומדערווארט ווידער דערמאָנט וועגן זיך מעוועפלוג...

זשיזעל מעוועפלוג האָט זיך געלערנט אף איין קורס מיט אלבערטן. זי איז געווען אזא, אז קיינער האָט, דוכט זיך, ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק צו איר. זי האָט איבעראשט. ס׳האָט א קאפעלע דעם אָטעם פארכאפט, ווי נאָר מע האָט אף איר א קוק געטאָן, און עפעס איז אזוי ווי אף זיך אליין א ראכמאָנעס געווען, ווי דאן, ווען מע געפינט זיך פאר אן אויספרווו און מע ווייסט שוין, אז מע וועט אים ניט קאָנען בײַשטיין. נאָר זי, זשיזעל, האָט אף דעם קיין אכט ניט גע־לייגט — סײַ אף דער אנציקונג, וואָס זי האָט ארויסגערופן, סײַ אף יענעמס גרייטקײַט פארפירט צו ווערן.

בא איר איז געווען עטוואָס פאריסן די אייבערשטע ליפ. דאָס האָט צוגעגעבן איר געזיכט אָן א שיר כיין — גײַווע און קינדערשע צארטקײַט. א לענגלעך־רונדע קין און קוים־קוים א פאריסן נעזל, גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן געהאט אין זיך דעם לעבעדיקן גלאנץ פון א כוואליע. די הויט — א ברוינלעך־מאטעווע מיט א פארבאהאלטענעם גאָלדיקן אָפּלויכט. טונקל־קאשטאנענע געלאָקטע האָר. א שלאנקע, א בייגעוודיקע, ניט קיין הויכע. געצוימטע קראפט האָט זיך געשפירט אין זשיזעלס יעדער באוועגונג.

בלויז איין מאָל האָט זי געווענדט די אופמערקזאמקײַט אף אלבערטן: ווען עמעצער האָט אפן טאָוול פון דער אאודיטאָריע אָנגעמאָלט מיט קרײַד א ייִדישן לאגער־צייכן. אלבערט איז דאָ געווען דער איינציקער, צו וועמען דאָס האָט געקאָנט האָבן א שײַכעס. דער מיין איז קלאָר געווען. זשיזעל איז ארײַנגעגאנגען אין דער אאודיטאָריע מיט א מינוט שפעטער נאָך אלעמען. אייניקע סטו־דענטן האָבן געמאכט דעם אָנשטעל, אז זיי זעען גאָרנישט, אנדערע האָבן זיך איבערגעשושקעט. אלבערט האָט געפילט, אז אף לינקס פון דעם אָרט, ווו ער זיצט, לעבן פענצטער, וואכט אוף א טויבע אופגעבראכטקײַט, וואָס ער האָט נאָך ניט געקאָנט באשטימען איר באטײַט. אליין האָט ער נאָך אויך ניט באשלאָסן — צוגיין און אָפּווישן דעם צייכן און ווארפן דערמיט אן ארויסרוף די, וואָס וואַרטן עפשער דערוף, צי ניט לייגן קיין אכט און, הייסט עס, אראָפּשלינגען די באליידיקונג, אָפּטרעטן. געווען איז אין זײַן קווענקלען זיך אויך א דריטער מיין: ער האָט מיט א קלאפנדיק הארץ געווארט, צי וועט טאקע קיינעם, כוץ אים, ניט פארדריסן אָט די העסלעכקײַט?

און דאָ איז ארײַנגעקומען זשיזעל. זי האָט א קוק געטאָן אפן טאָוול, דערנאָך אף אלבערטן, קיין וואָרט ניט ארויסגעבראכט, בלויז איר אייבערשט פאריסן ליפל האָט זיך א צוק געגעבן, ווי אין א שמייכל פון שאָדנפרייד. דערנאָך האָט זי רויִק פארנומען איר אָרט. אלבערט האָט דאָס אלץ געזען, און אים האָט עס פארדראָסן אפילע מער, איידער דאָס געמעל אפן טאָוול. ער האָט אין געדאנק זיך געווענדט צו זשיזעל: „פארוואָס האָסטו מיך פײַנט, כאָטש דו קענסט מיך לאכלוטן ניט? איך קען דיך אויך ניט, נאָר דו ביסט מיר צום הארצן, ס׳קאָן אפילע געמאָלט זײַן, כ׳זאָל דיך ליב באקומען... ווען עס זאָל זײַן פארקערט, וואָלט דאָך אוואדע ריכטיקער געווען, כאָטש — פארוואָס עפעס ריכטיקער? פארוואָס זאָל צו דיר האָבן א שײַכעס דאָס, וואָס ראָבערט מעוועפלוג, וועלכער איז, מעגלעך, א קאָרעוו דײַנער, איז דערגאנגען צו דער מאדרייגע פון א כײַע?“

ער איז אופגעשטאנען און געוואָלט צוגיין צום טאָוול, נאָר מיט א רעגע פאר אים האָבן אהין זיך אוועקגעלאָזט צוויי אנדערע סטודענטן, און איינער פון זיי האָט מיט א טיכעלע אָפּגעווישט דעם לאגער־צייכן. אלבערט האָט מיט דאנקבארע אויגן א קוק געטאָן אין די עטוואָס בלאסע, אופגערעגטע פּנעמער פון די צוויי סטודענטן, און עס האָט אים שוין ווייניקער געארט זשיזעלס שאָדן־שמייכל.

אינגיכן האָט ער איבערגעלעבט נאָך איין ביטערע אנטוישונג. זשיזעל איז ארויס פון א גרויסארטיקער־שווארצער אווטאָמאשין און גענומען שפאנען איבער דעם אוניווערסיטעט־פלאץ. ווען די אווטאָמאשין האָט זיך צוריקוועגס אויסגעקערעוועט, האָט אלבערט דערזען באם רודער ראָבערט מעוועפלוגן — א פולגעוואָרענעם, מיט קימאט א קוואדראט געזיכט און אראָפּגעקעמטע האָר אפן שטערן...

אין א קורצער צײַט ארום האָבן זיי זיך נעענטער באקענט, אלבערט און זשיזעל. דער קורס זייערער איז געקומען אף א באזוך אין א מעדיצינישן וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט. טיף אין הויף, אין א סאָד, פון יענער זײַט גרוי־געפארבטן פלויט, האָבן אָן אופהער געבילט הינט, א סאך הינט — אוואדע די, איבער וועלכע מע מאכט פרווון. דאָס איז געווען עפּעס א באזונדער מין הווילעניש, א מאָדנע פארגיין זיך.

ס׳קאָן אוואדע זײַן, אז דער גרויער דארער הונט, וואָס אן עלטערע, אָרעם־געקליידטע פרוי האָט געהאלטן פאר א רימענדל, האָט עפּעס־וואָס פארשטאנען פונעם געהויל. ער האָט קלאל ניט געוואָלט נעמען אין אכט דער באלעבאָסטעס פינאנציעלע שוועריקײַטן. און ווײַל ער האָט לעצטנס געשעמט אלס אזא, וואָס אז מע האָדעוועט אים ניט צו זאט, קאָן ער זיך אויסרײַסן און אוועק איבער מיסטקאסטנס, האָט ער אויך דאָ באוויזן, ווער ער איז. א ריס טאָן זיך פלוצעם אזוי, אז די באלעבאָסטע זאָל פאלן און אָפלאָזן דעם רימען, איז אים געווען ניט שווער, — וויכטיק איז געווען אָפטאָן דאָס גראָד דאן, ווען דאָס קליינע טירל אינעם טויער האָט אף לענגער זיך געעפנט. זאָרגלאָזע, לאכנדיקע יוגנט האָט זיך געשאָטן דורך אָט דעם טירל אין הויף ארײַן, און פון יענער זײַט, אף דער פרילינגדיקער גאס, שטייט א פלייש־קראָם, וואָס די גוטע רייכעס אירע האָט דער הונגעריקער הונט פארנומען בייס מען איז נאָך געגאנגען אהער...

ווי א גרויער קנויל האָט דער הונט זיך א לאָז געטאָן צום טירל. ס׳האָט זיך אופגעהויבן א געשריי, יונגוואַרג האָט א שמײַע געטאָן אין די זײַטן, און בלויז זשיזעל, וועלכע איז נאָרוואָס ארײַן אין הויף, האָט שפּעט פארשטאנען, אז דער הונט לויפט גלײַך אף איר. זי איז א פאר־ציטערטע שטיין געבליבן און פארשטעלט מיט די פויסטן די אויגן, ווי א קינד בייס א געפאר. נו, יאָ, ניט נאָר זשיזעל, קיינער פון די, וואָס זײַנען געקומען אף דער עקסקורסיע, האָבן ביז איצט ניט געזען, ווי א צעיושעטער הונט ווארפט זיך אף א מענטשן. בלויז אלבערט האָט אי אליין עס איבערגעלעבט, אי גענוג זיך אָנגעקוקט, ווי דאָס קומט פאָר מיט אנדערע. ער האָט זיך א לאָז געטאָן צום מיידל, אָנגעכאפּט זי פאר א האנט און געוואָלט א שלעפּ טאָן אין א זײַט. אין דער זעלבער ווײַלע איז אויך צוגעלאָפן דער הונט און א וואָרף געטאָן זיך אף ביידן. אלבערט האָט מיט די הענט זיך אײַנגעקלאמערט אין זײַן פעל. ווען עס האָט זיך ווידער געעפנט דאָס טירל, איז דער הונט, איבערלאָזנדיק אין אלבערטס הענט א זשמוט וואָל, ארויס אין גאס.

אלבערט האָט באקומען עטלעכע טיפע ביס און געמוזט זיך ווענדן אין א פאסטער־פונקט. דאָס איז נאָך נייטיק געווען דערפאר, ווײַל דער הונט איז פארשוווּנדן. זשיזעל איז אוועק באגלייטן אלבערטן. די דאָקטוירים האָבן אים צוגעשריבן דרײַסיק אײַנשפּריצונגען.

אף מאָרגן, נאָך די לעקציעס, האָט זשיזעל אים פאָרגעלייגט:

— איר גייט אוואדע מאכן אן אײַנשפּריצונג, וועל איך אײַך אָפּפירן אף אונדזער מאשין. מיר וועלן אלע טאָג פאָרן אהין, ס׳איז שוין א צונויפגערעדטע זאך. דער פאָטער וואַרט.

— א דאנק. כ׳וועל זיך בעסער דורכגיין.

— נאָר ס׳איז דאָך זיי̈ער ווײַט.

— נאָך די לעקציעס שאדט ניט זיך א ביסל דורכגיין... כ׳וועל אויך קאָנען צופאָרן מיטן טראָלייבוס.

— צוליב וואָס? כ׳בין אײַך אזוי דאנקבאר...

— איך שעץ עס, זשיזעל. — ער האָט שוין עטלעכע מאָל דרייסט איר ארײַנגעקוקט אין פּאָנעם. די הינטישע ביס, די אײַנשפּריצונגען, — גאָרנישט האָט קיין ווערט ניט געהאט אין פאר־גלײַך מיט דעם גליק צו קאָנען ריידן מיט איר, קוקן אף איר. נאָר איצט איז זײַן פרייד פארשטערט געוואָרן און, דוכט זיך, אף שטענדיק, — דאָרט, אין עק פלאץ, וואַרט איר פאָטער, ראָבערט מעוועפּלוג. אלבערט האָט ווידער א קוק געטאָן אין זשיזעלס ברייט צעעפנטע, פרעגעוודיק־וואַרטנדיקע אויגן, און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — כ׳וועל ניט פאָרן...

— פארוואָס? ס׳איז דאָך אזא פּאָשעטע זאך... אויב איר ווילט, איז עס אפילע מײַן כויוו.

— א דאנק, זשיזעל. — און פלוצעם האָט זיך בא אים ארויסגעריסן: — ניט בא יעדן מאָנט מען אוף דעם כויוו... — און געזאָגט שוין דאָס דאָזיקע, האָט ער אויך פאָרגעזעצט מיט א ביטערן שמייכל: — איין כויוו גיט זיך ניט אײַן אופצומאָנען, דעם צווייטן וויל מען ניט מאָנען...

זי האָט אים ניט פארשטאנען. — נו, יאָ, ווי האָט זי געקאָנט פארשטיין, אז איר איז נאָך גאָרנישט ניט באוווּסט געווען. — דאָך האָט זי דערפילט א ניט געוויינלעכן ווײַטן אָנדײַט (אין דעם איז זי זיך שפּעטער מוידע געווען אלבערטן, מוידע געווען זיך אויך, אז ס׳האָבן זי שוין פון לאנג געקימערט אייניקע געהיימניסן אין דער היים, וועלכע זי האָט אליך מער באגריפן), און דעריבער האָט זי מיט א פלוצעמדיקער אקשאָנעס געזאָגט:

— נו, איז וועל איך גיין מיט אײַך... צופוס... אלע טאָג. פאר א באגלייטערן ווילט איר מיך האָבן?

— כ'וויל.

נעכטן, ווען מע האָט צוזאַמען געזוכט דעם פאַסטער־פּונקט, האָט מען, אונטערן פרישן איינדרוק פונעם צופאַל מיטן הונט, גערעדט בלויז דערפון. היינט אָבער האָט א צווייטע זאַךביידן אופגערודערט — אלבערטס אָפּזאָגן זיך פאָרן אף דער מאַשין. זשיזעל האָט ווידער און ווידער אומגעקערט זיך צום זעלבן. סיי ערנסט, סיי אין שפּאַס האָט זי זיך געפּרוּווט דערגיין באַ אים די סיבע. אלבערטן איז עס אפילע אָנגענעם געווען, ער האָט אין דעם איינגעזען ניט בלויז דעם פאַרלאַנג אויסקלאָרן א מיספאַרשטייעניש, נאָר אַן אינטערעס צו אים גופע. פון דער צווייטער זייט אָבער, איז אומאָנגענעם געווען, וואָס, גייענדיק באַנאַנד מיט זשיזעלן, האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן איר פאָטער, און די דאָזיקע געדאַנקען האָבן ניט ווילנדיק געוועקט עפּעס פיינט־לעכס אויך צו איר. בעסער וואָלט זיין פראָסט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אף דער וועלט א ראָבערט מעוועפלוג, אַז זשיזעל זעט אים יעדן טאָג, רופט אים „פאָטער". און אלבערט האָט צוגעטראַכט, וויאַזוי זי אָפּוועגדן אף אַן אנדער טעמע: ער ווינט דאָך ניט לאַנג אין פראַנקפורט, וואָלט ער א באַלן זיין, זי זאָל אים אלע מאָל פירן דורך אנדערע גאַסן (זי וועט דאָך טאַקע יעדן טאָג אים באַגלייטן!) און באַווייזן אלץ, וואָס עס איז דאָ פאַראַן מערקווירדיקס.

אין פראַנקפורט איז ווירקלעך דאָ, אף וואָס א קוק צו טאָן. צעטיילט קימאַט אף צוויי גלייכע העלפטן דורכן מיין, איז די שטאָט, ווי מיט א גרינעם רייף, אַרומגערינגלט מיט בולוואַרן, וואָס ציען זיך לענגויס די אמאָליקע פעסטונג־ווענט. אייגנטלעך, באַצייכענען בלויז די בולוואַרן דאָס אָרט, ווו יענע מעכטיקע ווענט, די הויכע ערד־אָנשיטן און טיפע ריוון, זיינען געווען, — איצט איז דאָס אלץ פאַרשוווּנדן. אלטערטימלעכס איז אָבער נאָך פאַרט דאָ א סאַך אינעם אָנבליק פון אָט דער צוווייטוויזנטיאָריקער שטאָט, אפילע נאָך דעם, ווי די באָמבעס פון דער לעצטער מיל־כאָמע האָבן דאָ א היפּשן כורבן געמאַכט. די געביידען אין גאָטישן סטיל — די הויכע, דינע קירכע־שפּיצן, די פּאַלאַץ־טורעמס און סטאַם פאַרשפּיצטע דעכער פון הייזער מיט שמאָלע פענצטערלעך און פיצינקע באַלקאָנדלעך, — אָט די שטיינערנע, בלעכענע און טשערעפּענע אָנהויפונג פון פאַר־גאַנגענע דורעס פאַרפּלייצט מאַמעש די מאָדערנע געביידן, וואָס וואַרפן זיך ווו־ניט־ווו דורך אין צענטער פון שטאָט. וויטער, דעריקער באַ די אומגעגנטן, מערקט זיך בוילעט א צווייטער פייזאַזש, וועלכן עס בילדן אויס די פאַבריקן און זאַוואָדן: די רויכן, וואָס ציען זיך פון הויכע קוימענס, שליסן זיך אין א ריזיקן בלויען שלייף...

דאָס איז — א בליק אף פראַנקפורט ערגעץ פון א הויכן טורעם. ווען מע גייט אָבער איבער די גאַסן, אין געדראַנג פון מענטשן, צעעפנט זיך יעדער פּלאַץ, יעדע גאַס מיט זייער באַזונדערער שיינקייט, און אלע מאָל איז עפּעס דאָ, וואָס צו באַוווּנדערן... אָט איז אינמיטן פּלאַץ, צווישן שטיינערנע סלופּעס, א גלאָק — מע פלעגט אין אים אליאַרמירן אמאָל־אמאָל; אָט איז אף איין פיעדעסטאַל א דענקמאָל דריי מענטשן: גוטענבערגן, פאוסטן און שעפערן — זיי זיינען ניט אויסגעקומען צווישן זיך, די ערשטע דרוקער, דערגאַנגען צו טיפע שטרייטן, אָבער פאַר דער אייביקייט איז וויכטיק דאָס, וואָס זיי האָבן צוזאַמען אופגעטאָן, און מע האָט זיי, בראָנזענע, געצוווּנגען זיך איבערבעטן... עטוואָס וויטער — דער געטע־דענקמאָל: גראָד ניט קיין צופעליקע שכיינעשאַפט... אין הויז, ווו וואָלפגאַנג געטע איז געבוירן געוואָרן, אַן אלטערטימלעך־פּרעכטיקס און ניט באַקוועמס, הערשט די שטילקייט שוין אריבער הונדערט יאָר...

זשיזעל און אלבערט האָבן שוין אין א ביסעלע פאַרשפּעטיקט אף דעם פאַסטער־פּונקט, דאָך האָט דאָס מיידל נאָך דער באַלעבטער ציילשטראַסע און דער פעשענעבעלער נייציילשטראַסע פאַר־קערעוועט אין גאָר א שמאָל געסל, ווו די הענגערע שטאָקן פון עטלעכע הייזער זיינען ברייטער געווען פון די אונטערשטע, אַזוי אַז אויבן האָט מען מאַמעש געקאָנט פון א פענצטער אָדער פון א באַלקאָן פון איין הויז אריבערשפּאַנען אינעם אנטקעגנשטייענדיקן הויז.

— איר ווייסט, וואָס פאַר א געסל דאָס איז? — האָט זשיזעל געפרעגט. — מע זאָגט, אַז ס'איז א רעשט פון די אמאָליקע יידן־קוואַרטאַלן. אָט איז א פּאַרוקער און א שטיקל פון א קייט אף דער וואַנט, — זי האָט באַוויזן אף דער עקסטער שטוב, — דער פּאַרוקער און די קייט זיינען געווען גראַבע, לעפּיש־אויסגעשמידטע. — מיט אָט די קייטן פלעגט מען אף נאַכט פאַרשליסן דאָס געסל, קעדיי די יידן זאָלן פונדאַנען גאָרנישט ניט קאָנען געהיים אַרויספירן...

אלבערט האָט זיך פאַרכידעשט:

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

— מיר האָבן געהאַט אין שול א טשיקאַוון לערער פון געשיכטע, — האָט זי א שמייכל געטאָן און אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אומפאַרשטענדלעך כויזעק־פּייערל, — זיין קוק אף די יידן האָט זיך נאָך דער מילכאָמע ניט געענדערט... ער האָט אונדז א סאַך דערציילט...

— וועגן וויקענטי פּעטמילכן אויך?

— וואָס פאַר א פּעטמילך?

— געווען אזא פּאַגראָמשטשיק אין פראַנקפורט, פּונקט דעמלט, ווען מע האָט זיך באַנוצט מיט אָט די קייטן... אַגעווו, ווען ער האָט מיט זײַן כאַפּטע זיך אַוועקגעלאָזט פאַרניכטן די פאַר־שפּאַרטע יידן, האָבן זיי שוין דאַן, העכער דרײַ הונדערט יאָר צוריק, זיך פאַרטיידיקט מיט געווער אין די הענט.

— און געהאַרגעט פעטמילכן?

— ניין, יענץ מאָל האָט אים אָפּגעגליקט. פעטמילך האָט באַקומען דאָס, וואָס ער האָט פאַרדינט, ערשט שפּעטער, אין א פּאָר יאָר אַרום. מע האָט אים אופגעהאַנגען, געפערטלט און אפילו די שטוב זײַנע צעוואַלגערט און אָפּגעראַמט זי פון דער ערד. געטאָן האָבן עס די דײַטשן אַליין. און די אַרויסגעיאָגטע האָט מען אומגעקערט אין שטאָט אַרײַן. דאָ האָט אײַער לערער ניט דערציילט?

זי האָט געשוויגן און א קאַפּעלע מיט אומגלויבן געקוקט אַף אַלבערטן. ער האָט פאַרגעזעצט:

— פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע מאָל האָט עס זיך אַזוי גוט געענדיקט. דאָ, אין פראַנקפורט, איז די יידן אויסגעקומען נאָך גענוג לאַנג צו לײַדן. וויכטיק איז אָבער, וואָס יעדן פאָלק איז אין טאָך דערווידער דער האַס צו א צווייט פאָלק, און שטענדיק אָטעמט עס אַף לײַכטער, ווען די, וואָס ווילן אָט די סינע, לײַדן א מאַפּאָלע.

זשיזעל האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אַף אים, און ס'איז שווער געווען באַנעמען, צי זי איז מאַסקים מיט אים, צי ניט. ענדלעך, האָט זי געזאָגט:

— דעמלט, ווען איר זײַט ניט געגאַנגען אָפּמעקן דעם לאַגער־צייכן פון טאָוול, האָב איך אײַך שיר ניט פאַרהאַסט. כ'האָב א טראַכט געטאָן: ס'אַרא קליינמוטיקער, א פּאַכדן...

— כ'בין געווען צופרידן, וואָס גראָד ניט איך האָב עס געטאָן...

— יאָ, וועגן דעם האָב איך אויך א טראַכט געטאָן. איר וועט זיך ניט באַליידיקן פאַרן עמעס? — מיך האָט דעמלט פאַרדראָסן, וואָס עס האָבן זיך אָפּגעזוכט מיטפילנדיקע...

— המ... — ער האָט ניט געוואָלט באַליידיקן זיך, ווײַל שוין דאָס אַליין, וואָס זי איז זיך מוידע געווען, האָט באַטײַט, אַז איצט וואָלט זי געטראַכט אַנדערש. כוץ דעם, האָט אים דערפרייט אויך עפּעס אַנדערס:

— און איר האָט דאַן טאַקע געטראַכט וועגן מיר?

— געטראַכט...

— איך האָב געמיינט, אַז איר באַמערקט מיך גאָר ניט...

איר אייבערשט פאַריסן ליפּל האָט זיך א צוק געטאָן א קאַפּעלע פאַרשעמט, א קאַפּעלע שטיפעריש־קאַפּריז:

— א יונג פון א מעטער מיט אַכציק די לענג זאָל מען ניט באַמערקן...

און פּלוצעם האָט זי אָן שום פאַרבינדונג צוגעגעבן:

— איר זײַט א בייזער, אַלבערט!

— א בייזער?

— א שטאָלצער. נאָר כ'וואָלט זייער, זייער וועלן, כ'וואָלט אײַך אפילו בעטן, איר זאָלט מיט מיר זײַן אָפנהאַרציק.

— ווידער וועגן דעם זעלבן?

— יאָ.

איצט האָט זי געקוקט אַף אים א ביסעלע פון א זײַט. אירע אויגן זײַנען געווען ערנסט, אפילו אומרויִק.

— אַז איר קומט אַהיים, זשיזעל, דערציילט איר געוויינלעך וועגן באַזונדערע צופאַלן, וועגן אײַערע אײַנדרוקן פאַרן גאַנצן טאָג? פאַראַן מישפּאָכעס, וווּ מע טיילט זיך מיט אַלץ...

— עפּעס־וואָס דערצייל איך...

— לעמאָשל, וועגן דעם געמעל אַפן טאָוול?..

— דאָס געדענק איך ניט, צי כ'האָב דערציילט.

— א שאָד, איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס אײַער פאָטער זאָגט וועגן אַזעלכע זאַכן...

— איר קענט מײַן פאָטער?

ער האָט אומבאַשטימט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, און קעדיי אויסמײַדן דעם ענט־פער, פאַרגעבן נאָך א פראַגע:

— נו, און ווער כ'בין ביכלאַל, ווייסט ער? איר האָט אים געזאָגט?

— איר מיינט, אַז עס קאָן האָבן באַ אים א ווערט?

— און איר מיינט, אַז ניט?

— פאַרורטיילן קאָנען זײַן, מײַן פאַטערס אָנשויונגען האָבן זיך פאַרמירט אין זייער א שווערער צײַט... זאָגט, אלבערט, פארוואָס זײַנען דאָ אזעלכע מענטשן, וואָס האָבן אײַך, ייִדן, פײַנט, נו, אלעמען?..

— ביכלאל בין איך ניט מעכוּיעוו זיך גריבלען אין פארדאָרבענע הערצער, — האָט ער געענטפערט קאלט. — געטע, אשטייגער, האָט געזאָגט אנערעך אזוי: פעלקער־סינע איז א מיִעסע זאך. גוט, וואָס כ'בין געקומען צום דאָזיקן אויספיר נאָך פאר דעם, ווי כ'האָב אריבערגעשפאנט דעם עלטער פון זעכציק יאָר... אזוי האָט געזאָגט אמאָל דער דײַטש געטע. עס זײַנען דאָ לענדער, ווו אנדערע פעלקער ווערן געווידעפּט מער, ווי ייִדן, — לעמאָשל, נעגערס. ווידער זײַנען דאָ לענדער, ווו ייִדן זײַנען גלײַכבארעכטיקט, — אף מיזרעך. אזוי אז פון מענטשלעכן שטאנדפונקט קאָן מען די סינע צו ייִדן, ווי פעלקער־סינע ביכלאל, דערקלערן פונקט אזוי, ווי מע קאָן דערקלערן, פארוואָס ס'איז דאָ אף דער ערד רויב, מאָרד... וויקענטי פעטמילכן, לעמאָשל, איז גענאנגען אין דעם, וואָס ייִדן האָבן קאָנקורירט מיט זײַן לעקעך־צעך... די נאציסטן, וועלכע האָבן אויסגעראָטן מיליאָנען מענטשן פון פארשיידענע פעלקער, איז געווען באקוועם אָנצוהייבן פון די ייִדן, ערשטנס, דערפאר, ווײַל מע האָט אזויארום געכאָוועט קאדרען מערדער נאָך איידער די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, צווייטנס, האָט מען גלײַך באקומען א גרויסע צאָל נײַע אָנהענגער — סײַ מעכטיקע, אזעלכע ווי פפערדמענגעס, וועלכער האָט פארכאפּט אלע אָפּענהיימערס מיליאָנען, סײַ גאָר נישטיקע שוטפים אינעם אלגעמיינעם רויב און מאָרד... אָט זײַנען אײַך, זשיזעל, די פאַרורטיילן, וועגן וועלכע איר רעדט, און עס קאָן זיך מאכן, אז אויך א דאָקטער זאָל זײַן א שוטעף אין אָט דעם פארברעכן...

זשיזעל איז בלאס געוואָרן.

— אלבערט, איר ווייסט עפּעס וועגן מײַן טאטן? דעם עמעס!

זי איז געווען פארלוירן, אָנגעשטרענגט, נאָר שטארקער פון אלע געפילן האָט אין איר איצט געבושעוועט די בלינדע איבערגעגעבנקײַט פון א טאָכטער. אלבערט האָט פארשטאנען: זי וועט זיך קעגנשטעלן זײַנע באווײַזן מיט אלע קויכעס. ער האָט אָבער באשטימט, אז זי מוז וויסן אלץ, און ביז זי פארורטיילט עס ניט, איז זי אים א פרעמדע.

— עס וועט זיך פאָדערן פון אײַך א סאך מוט, זשיזעל. און פון מיר אויך.

— אך, אזוי — פון אײַך אויך? וואָס איר שטעלט מיט זיך פאָר, ווייס איך שוין, איצט וועט איר זען, ווער איך בין...

— עפשער עס אָפּלייגן אף א צווייט מאָל?

זי האָט אײַנגעשטימט:

— נאָר איר לייגט עס אָפּ אף ניט לאנג?

זשיזעל האָט בעפּייִרעש ניט דערוואַרט אזוינס צו הערן, און כאָטש דאָס, וואָס אלבערט האָט איר דערציילט אין א פאָר טעג ארום, האָט געמאכט אן איבערקערעניש אין איר נעשאָמע, האָט זי פאָרט געפּרוווט זיך קעגנשטעלן, דערווידערן:

— אָבער ער איז דאָך א גוטער דײַטש, מײַן טאטע...

— עס קאָן ניט זײַן קיין גוטער דײַטש אזא מענטש, מיט וועמען די דײַטשן אליין שעמען זיך, די מענטשהײַט שעמט זיך...

— וואָס רעדט איר, אלבערט! כ'פארווער אײַך, איר האָט קיין רעכט ניט...

— רעכט האָב איך דאפקע, נאָר איצט, ווען איר ווייסט שוין, זשיזעל, דעם עמעס, קאָן איך שווײַגן. כ'גיב אײַך איבער די רעכט צו מישפּעטן דעם אייגענעם טאטן... כ'פארטרוי אײַער געוויסן.

זשיזעל איז געוואָרן דער ריכטער איבער איר פאָטער. זי האָט עס געטאָן שטומערהייט, בא זיך אין הארצן. געמישפּעט האָט זי, אייגנטלעך, ניט בלויז דעם טאטן. זי האָט איר אייגן לעבן, א קורצס, און, ווי עס האָט איר געדוכט, קימאט א זאָרגלאָזס, אָן שאָטנס, איבערגעשאַצט. און ס'האָט זיך אנטפלעקט, אז עס זײַנען אין איר לעבן געווען א סאך שטרויכלונגען.

די מאמע — די אייגענע מאמע אירע, ניט די שטיפמוטער — איז זייער א שיינע. זי לעבט איצט אויך, אין שווארצוואלד, אין דער שטאָט לאר. די מאמע איז יונגערהייט געווען א דראָטנווארפערן. היטלער איז געקומען צו דער מאכט, דער נײַער רעזשים האָט געלעכצט נאָך רום אין אלע געביטן, און קלאָר, אז אויך אין ספּאָרט. זשיזעלס מוטער — זשיזעל איז נאָך דאַן אף דער וועלט ניט געווען — האָט דעראָבערט א פאָר גאָלדענע און זילבערנע מעדאלן. דער קאנצלער האָט עס באמערקט. באגליקט זי מיט עטלעכע פּריוואטע אאודיִענצן... און שפּעטער, ווען זי האָט שוין געטראָגן די פאמיליע מעוועפלוג, האָט דעם קאנצלערס גענאָד פארשפּרייט זיך אויך אף איר מאן... זשיזעל האָט געוווּסט: דער „מערסעדעס" איז א מאטאָנע פון דער רײַכסקאנצעלאריע. דערנאָך איז צוגעקומען נאָך איין געשאנק — א ווילע אין שווארצוואלד...

א סאַך זאַכן האָט זי מיט איר קינדערשן מויעך ניט געקאָנט באַנעמען, נאָר צוויי זאַכן גוט פאַרגעדענקט: מילכאַמע־צײַט איז זי אײנמאָל געקומען צו פאָרן מיט דער מאַמען אַהין, וווּ דער פאָטער האָט געדינט, — דאָס אָרט איזווירקלעך ארומגעצוימט געווען מיט שטעכדראָט. עפּעס אַן עלטערער געבראָכענער מענטש אין א געפּאַסעווועטן אַנצוג איז געגאַנגען איבערן וועג, גע־שטופּט א טאַטשקע. דער טאַטע האָט געזאָגט: „שפּײַ אָף אים, ס׳א יודע״. איז זי צוגעלאָפן און געשפּיגן. דערנאָך, סאָף מילכאָמע, האָט דער טאַטע אין אַדליגע־נאַכט זיך אַראָפּגעכאַפּט אהיים און געטראָפן די מוטער ניט אליין... אָבער שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט זיך אומגעקערט פון טפיסע און צוגענומען די טאָכטער צו זיך, איז ער אין אירע אויגן געווען א מאַרטירער, א העלד... די מאַמע איז געבליבן אין דער געשענקטער שוואַרצוואַלד־ווילע: דער צווייטער מאַן אירער האָט ערגעץ דערנעבן געהאַט אַן אײגענעם קוראָרט.

דער טאַטע האָט געפירט זשיזעלן אין זײַנע דראַכים. מיטגענומען זי אָף באַגעגענישן מיט געוועזענע דינסט־קאַלעגן, געוועקט אין איר די האָפענונג, אַז אַלץ וועט נאָך זײַן אַזוי, ווי פריִער. דײַטשלאַנד וועט ווידער אָנווארפן א פּאַכעד אָף דער גאַנצער וועלט. ער איז אויך געפאָרן מיט איר קיין פראַנקרײַך. דאָרט האָט ער א פרײַנט, וועלכער לעבט קימאַט געהיים באַם סאָמע יאַם, און איז שיר ניט אליין קיין פישער. בײס היטלערן האָט ער פאַרנומען הויכע פּאָסטנס ערגעץ אין גריכנלאַנד, אין יוגאָסלאַוויע, און דערנאָך אויך — אין בערלין. אליין איז ער טאַקע א היגער, א פראַנקפורטער, און ביז מע האָט אים איבערגעפירט אין דער הויפּטשטאָט, האָט די מישפּאָכע זײַנע געוווינט בישכיינעס מיט די מעוועפּלוגעס און מע פלעגט זיך פאַרהאַלטן גאַנץ נאָענט.

מיט גוסטאַוון, יענעם פרײַנטס זון, האָט זשיזעל זיך געלערנט אין אײן שול. עמעס, ער איז געווען עלטער פון איר אָף עטלעכע קלאַסן, דאָך, ווי עס מאַכט זיך, האָט ער פאַרבראַכט מיט איר פון דער סאָמע קינדהײַט אָן. גוסטאַוו געפינט זיך אויך מיטן פאָטער אין פראַנקרײַך. אײנמאָל האָט ער זיך א באַרים געטאָן פאַר זשיזעלן, אַז מען איז דאָ ניט סטאַם אַזוי אינעם פרעמדן לאַנד, און ניט אָף לאַנג איז מען דאָ. בײדע זיי, אי דער פאָטער זײַנער, אי ער, גוסטאַוו, האָבן זיך זייער אָרט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אין דער „קאַלאָנע״, און ס׳וועט קומען די צײַט, ווען זיי וועלן גערופן ווערן עס צו פאַרנעמען...

אַלבערט האָט פאַרשטאַנען: מיט אַלץ, וועגן וואָס זשיזעל דערציילט אים, געזעגנט זי זיך אָפּ.

זי האָט זיך אָנגעוואָרפן אָף דער מעמוארן־ליטעראַטור וועגן דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, אָף די ביכלעך מיט שרײַענדיקע הילעס, וואָס זײַנען אומעטום ארויסגעשטעלט געוואָרן אין סאָמע פרונט און וואָס די אווטאָרן זײערע זײַנען צומײנסטנס גענעראַלן אָדער הויכע מעלוכע־אָנגע־שטעלטע, געוועזענע און איצטיקע. זי האָט אויך געלייענט די ביכלעך, וועלכע מע האָט אליין געדאַרפט אויסגראָבן אין קראָם, ארויסגעגעבענע גאַנץ באַשיידן.

אָפט האָט זי פאַרפירט מיט אַלבערטן שמועסן וועגן נײַע קינאָפילמען, און א פּאָר מאָל, ווען זי האָט קלוימערשט צופעליק פאַרקערעוועט מיט אים אָף א סעאַנס, האָט ער באַמערקט, אַז זי ווייסט שוין דעם אינהאַלט פונעם פילם.

בײס מע האָט אנומלטן דעמאָנסטרירט א פילם, וואָס רופט זיך „יאַריד״, האָט זשיזעל געשעפּטשעט:

— זעסט, אליין די עלטערן האָבן מוירע געהאַט באַהאַלטן בא זיך דעם זון, וועלכער האָט דעזערטירט פון דער ארמיי. און ווען? בײס זי האָט שוין געהאַלטן באַם פאַנאַנדערפאַלן זיך... דאָס גאַנצע פאָלק איז אי מיטגעריסן געוואָרן, אי אָנגעשראָקן געווען פון די נאַציסטן, — האָט זי אומדערוואַרט געמאַכט דעם אויספיר.

— ניט דאָס גאַנצע פאָלק, זשיזעל, — האָט אַלבערט זי פאַריכט, — מעגסט מיר גלייבן, דאָס פאָלק דײַנס איז בעסער, ווי דו קלערסט וועגן דעם איצט.

זי האָט מיט דאַנקבאַרקײַט א קוק געטאָן אָף אים, און ווײַטער שוין ניט נאָכגעשפּירט נאָכן עקראַן. אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אין פאַרענטשע פונעם פאָדערשטן שטול, האָט זי מיט די דלאָניעס פאַרשטעלט די אויגן און געזעסן אַזוי ביזן סאָף פון סעאַנס.

אין דרויסן האָט זי אויך געשוויגן, און בלויז באַם ראָג אַנטקעגן איר הויז, וווּ מע האָט זיך געוויינלעך געשיידט, האָט זי געפרעגט:

— טראַכסט טאַקע אַזוי, ווי דו האָסט געזאָגט?

— פאַרשטייט זיך.

— ריכטיק, אַלבערט, א גאַנץ פאָלק איז קײנמאָל ניט שולדיק... מע קאָן אָבער ניט מויכל זײַן קאָנקרעטע מענטשן, די, וואָס האָבן געטאָן דאָס שלעכטס.

— —

א ווינט האָט דורכן שטאַרקן רעגן זיך דורכגעריסן, א בייג געטאָן די שווערע וואַסער־שטראָמען צום אָפענעם פענצטער אזוי, אז די טראָפּנס האָבן א זעץ געטאָן אינעם דרויסנדיקן בלעכענעם ביישטידל און זיך צעשאָטן אף וואַסער־שטויב. די יונגע צעבליטע קאַשטאַן־ביימער, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם ראַנד פון טראָטואַר, זײַנען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן, אָפּגעמעקט געוואָרן, און, ווי דער לעצטער גרוס זייערער, איז א ראָז, נאַס בלימל א פאַל געטאָן אפן אינערלעכן ביישטידל פונעם אָפענעם פענצטער. אלבערט האָט עס גענומען און באַטראַכט א ווײַלע. דערזען, אז אלי קוקט אויך אפן בלימל, האָט ער עס אים אָפּגעגעבן. נאָר דאָ האָט ווידער א שפּאַר געטאָן דער רעגן, טשעקוליײַעוו האָט עטוואָס צוגעמאַכט ביידע העלפט פענצטער. און באַלד האָט צו איינער פון די שויבן זיך צוגעקלעפּט א בלאַט. ניט לאַנג איז ער אזוי געהאַנגען. דאָס וואַסער האָט אים אראָפּגעשווענקט. אלבערט האָט פאַרגעזעצט דערציילן.

— —

אויסערלעך האָט זשיזעל זיך געפירט אזוי ווי פריער. יעדן אינדערפרי פלעגט דער פאָטער זי ברענגען אף זײַן מאַשין צום אוניווערסיטעט. זי האָט אונטערגעהאַלטן פרײַנטלעכע באַציִונגען מיט דעם קרײַז סטודענטן, אין וועלכן זי איז ביז דער באַקאַנטשאַפט מיט אלבערטן געווען פאַרעכנט פאַר אן אייגענעם מענטשן, — געשפּילט מיט זיי אין טעניס, געגאַנגען אף מאַלצײַטן, וואָס זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן צוליב פאַרשיידענע אָנגעלעגנהײַטן, קלוימערשט שטאַרק וויכטיקע און אינדערעמעסן פוסטע, אבי פאַרברענגען. אלבערטן האָט זי ניט ארײַנגעפירט אין אָט דעם קרײַז, און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט, — זי האָט אליין געפילט, אז ער פּאַסט דאָ ניט. זי האָט זיך אויך איבערגעשריבן מיט גוסטאַוון. און דאָס, וואָס זי האָט עס ניט אויסבאַהאַלטן פון אלבערטן, האָט מען געקאָנט דערקלערן אף צוויי אויפנאַנים: אָדער די פרײַנטשאַפט מיט אלבערטן רירט ניט אָן איר געפיל צו גוסטאַוון, אָדער זי דערציילט וועגן יענעמס בריוו דערפאַר, ווײַל זיי האָבן שוין ניט פאַר איר די זעלבע ווערט, וואָס פריער.

אגעווו, האָט זי זיך שטאַרק באַאומרויִקט, וואָס גוסטאַוו קלײַבט זיך פאָרן קיין אלזשיר, קעדיי שלאָגן זיך, ווי ער האָט געשריבן, „קעגן די מידבער־שאַטנס". און ווידער האָט זשיזעלן ניט פאַרדראָסן דאָס, וואָס גוסטאַוו וועט זיך שטעלן קעגן די גערעכטע, זי האָט בלויז מוירע געהאַט, עס זאָל מיט אים ניט געשען קיין בייז. זי האָט עס דערקלערט אזוי: „מיר זײַנען געוואַקסן צוזאַמען. איך געדענק אלע זײַנע ייִנגלשע טרוימען. ער איז א גוטער, דאָס קריגערישע האָט מען אין אים אײַנגעפּלאַנצט שפּעטער. און עפּשער זײַנען טאַקע פאַראַן פאַרשיידענע עמעסן אף דער וועלט, און וויכטיק איז ניט דער עמעס, פאַר וועלכן דער אָדער יענער מענטש שטעלט זיך אײַן, נאָר די לײַדנשאַפט, די אופריכטיקייט, מיט וועלכער ער טוט עס?.."

האָט זי, הייסט עס, גוסטאַוון נאָך אויך געקאָנט פאַרשטיין... אלבערט האָט שוין ניט איין מאָל געטראַכט: צי וועט זי ביכלאַל פייִק זײַן עפּעס ענדערן אין איר לעבן — אפילע נאָך דעם, ווי זי וועט אויסקלאָרן אלע ספּייקעס, ביז דער טיף דערגראָבן זיך צו אלע אינערלעכע שטרײַטן, וואָס האָבן זיך אין איר אנטפּלעקט? ער האָט נאָך אָבער ווייניק געקענט זשיזעלן... זי האָט זיך ניט דערשראָקן פאַרן עמעס, ווען זי האָט זיך איבערצײַגט, אז בלויז איין עמעס איז דאָ אף דער וועלט. שווערע אויספּרוּוון זײַנען אויסגעפאַלן אף איר גוירל, און דעם שווערסטן אויספּרוּוו מאַכט זי דורך גראָד איצט. אָבער ברעכן זי איז שוין אוממעגלעך, זי איז ניט פון די, וועלכע מע קערט אום פון וועג.

איינמאָל, ווען מען איז, ווי געוויינלעך, געגאַנגען צוזאַמען אפן פּאַסטער־פונקט, האָט זשיזעל זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט באַ אן אפישע. אפן פאָן פון אן אויסגעשטשערבעטער שווערד, וואָס האָט איבערגעקרייצט דעם גאַנצן בויגן, איז געווען א לאַקאָנישע אויפשריפט: „דער נירנבערגער פּראָצעס — א פאַרברעכן קעגן דער גערעכטיקייט, קינאָ־לעקציע פון פּראָפעסאָר פּאָל ראַסיני, פראַנקרײַך". דאָס איז געווען א נײַס — א פראַנצויזישער נעאָפאַשיסט... אלבערט האָט א קוק געטאָן אף זשיזעלן, און עס האָט אים פאַרכידעשט דער אויסדרוק פון איר געזיכט. זי איז הײַנט ביכלאַל געווען פאַרקלערט מער, ווי שטענדיק. ס'האָט זי ווי געדריקט עפּעס, און דאָ האָט זי גאָר א שמייכל געטאָן מיט א פאַרטײַעטן ארויסרוף. נאָך מער האָט אלבערט זיך פאַרכידעשט, ווען זי האָט פון פּאָרטפעל ארויסגענומען אן אײַנלאַדונגס־בילעט פונקט מיט אזא געמעל, ווי די אפישע, און קאַטעגאָריש געזאָגט:

— וועסט גיין מיט מיר, אלבערט.

— ניין, — האָט ער פונקט אזוי קאַטעגאָריש געענטפערט. אין דער ווײַלע איז אים דורכגעלאָפן א געדאַנק: „ווו האָט זי גענומען דעם בילעט? — דער פאָטער האָט איר אים געגעבן, צי עמעצער פון די סטודענטן?" פרעגן אָבער האָט ער ניט געוואָלט, אויב זשיזעל האָט ביז איצט

געשוויגן וועגן דעם, איז עס אוודע ניט דערפאַר, ווײַל זי האָט פאַרגעסן. זי האָט זיך געקליבן גיין אָן אים — איז זאָל זי גיין. כאָטש ס׳איז עפּשער וויכטיק געווען גראָד דאָס, וואָס איר האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלט, ער זאָל אויך גיין. — דאָס האָט ווידער דערוועקט אין אַלבערטן אַ וואַרעם געפיל צו איר, אָבער ער האָט דאָך איבערגעכאַזערט:

— ניין, מיך האָט דער פּראָפעסאָר ניט אין וואָס צו איבערצײַגן.

מער האָט זי אים ניט געבעטן.

אַף מאָרגן האָט זשיזעל געפרעגט אַלבערטן:

— ס׳איז עמעס, אַז מע האָט נאָך קיינמאָל ניט געמישפּעט קיין אָנפירער פון אַ מעלוכע דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרשפּילט אַ מילכאָמע?

— פינקטלעכער: פאַרשפּילט אַ מילכאָמע, וועלכע זיי האָבן אַליין פאַרברעכעריש אָנגעהויבן? כ׳ווייס ניט, ווי אין די גאָר ווײַטע צײַטן, נאָר אין די נײַסטע, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך די בלוטיקסטע מילכאָמעס, איז נירנבערג דער ערשטער פּרעצעדענט. מע האָט געזאָלט מישפּעטן נאַפּאָלעאָנען, און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס ער האָט באַקומען אַלס מאַטאָנע אַן אינדזל אַף דער עלבע און פון דאָרטן ווידער אָנגעהויבן אַ שלאַכט-מאַרש... איצט אָבער וועלן די, וואָס קלערן אָנהייבן אַ מילכאָמע, מוזן געדענקען, אַז קיינער וועט עס זיי ניט מויכל זײַן...

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק, אַנטקעגן אַ ברוויזנדיקן פאָנטאַן. זשיזעל האָט דערציילט:

— אַלע האָבן אַפּלאָדירט. מע האָט געטופּעט מיט די פיס, עס האָבן זיך געהערט אויסרופן „הײַל“, און בלויז איינער האָט בייס אַ פּאַוזע אויסגערופן „שאַנדע! פאַלסיפיקאַציע!“ מע האָט אים אָבער טייקעף אַרויסגעוואָרפן פון זאַל. אַפן עקראַן זײַנען באַוויזן געוואָרן קינאָ-קאַדרען: גערינג שפּילט זיך מיט אַ קעצל; קייטעל קוקט, ווי עס מאַרשירט אַ ייִנגעלע אַפן טראָטואַר „אײַנס-צווײַ, אײַנס-צווײַ“; שאַכט גייט אום אַ פאַרקלערטער אין סאָד, די הענט פאַרלייגט אַף דער ברוסט. אין זײַן לאַנגן כאַלאַט איז ער ענלעך אַף אַ הייליקן אַלטיטשקן, אַ קאַרדינאַל... קאַנצלאַגערס: אַרעסטאַנטן כאַוואָן אין גערטנער קוויטן, עס מיִען זיך מויערער, רימערס, שלאָסערס; אַ פאַרווײַלונג-שאַ אין לאַגער: סײַ די באַקסיאָרן אַף דעם רינג, סײַ די צושויער זײַנען פון די אַרעסטאַנטן. און פּלוצעם... דאָס איז געווען, ווי אַ בליץ! — אַפן עקראַן זײַנען אָנגעשווומען קאַדרען, שוידערלעכע קאַדרען: שטעכדראָט, נאַקעטע מענטשן פלייצן אין אַ דורכויסיקן שטראָם. אַלטע, יונגע, אויסגעדאַרטע מאַנצבלען מיט פענעמער צעקרימטע פון טויט-שרעק, צעשויבערטע פרויען דריקן די הענט צו די בריסטן — זיי ווייסן ניט, ווי די נאַקעטקײַט פאַרשטעלן, עסעסאָווצעס לאַכן, פּאַכען מיט נאַהײַקעס, אָט רײַסט איינער באַ אַן אַלטיטשקער אַ קינד פון די הענט... דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום טיש, אָנגעדריקט אַ קנאָפּקע, די קאַדרען אָבער האָבן געפלייצט אויך באַ דער אײַנגעשלאָסענער שײַן... דאָ איז עמעצער פון זאַל צוגעלאָפן און פאַרשטעלט מיט זײַן רעקל די עפענונג פון אַפּאַראַט-בײַדל... ווײ, וואָס עס האָט זיך דערנאָך געטאָן! נאָך דער ערשטער אופטרייסלונג האָט מען מאַמעש געגומען רעווען, ברעכן די בענקלעך, מע האָט געפּאָדערט, דער באַלעבאָס פון זאַל זאָל געבן דערקלערונגען, ווי האָט עס געקאָנט געשען. אַנדערע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טירן — אויב עפּעס מאַכט זיך, זאָל מען דערווײַל זײַן פון יענער זײַט...

— מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן...

— אין דרויסן האָט אַ פּאָליציאַנט דערציילט: צוויי מענטשן זײַנען אַרײַן אין אַפּאַראַט-בײַדל און געצווונגען דעם מעכאַניקער דעמאָנסטרירן די קאַדרען, וואָס זיי האָבן געבראַכט. ס׳אַ סוואָרע, אַז דאָס זײַנען געווען עמעסע דאָקומענטאַלע קאַדרען, וועלכע מע האָט באַוויזן אַפן נירנבערגער פּראָצעס. די צוויי מענטשן האָט מען פאַרהאַלטן.

— זעסט: מענטשן שווײַגן ניט... נו, און ווען דאָס אַלץ וואָלט ניט געווען געשען, וואָלסטו דען געגלייבט דעם פּראָפעסאָר, זשיזעל? אין זאַל זײַנען אוודע נײַן און נײַנציק פּראָצענט געווען אַזעלכע, וואָס ווייסן, אַז שוואַרץ איז שוואַרץ. די האַנאָע איז דאָ באַשטאַנען אין עפּעס אַנדערש: זען, ווי פון שוואַרץ מאַכט מען ווײַס...

זשיזעל האָט שטיל געלאַכט:

— און דו האָסט ניט געוואָלט גיין מיט מיר, וואָלסט אויך געזען...

ער האָט זיך געבייזערט, ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי לאַכט.

— אוי, ס׳איז מיר איצט אַזוי גרינג אַפן האַרצן, — האָט זי געזאָגט. — אַזוי גרינג... דאָס האָט דאָך גוסטאַוו מיר אָנגעשריבן, כ׳זאָל אומבאַדינגט גיין הערן דעם דאָזיקן פאַל ראַסיני. און די אײַנלאַדונג האָט דער פּראָפעסאָר אַליין מיר צוגעשיקט — פאַר מיר און פאַרן פאָטער. דעם פאָטער האָב איך קלאָל גאָרנישט ניט געזאָגט. כ׳האָב דאָס אָרט געהאַלטן פאַר דיר...

ווען אַלבערט און זשיזעל האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן אַריבערגיין אין מיזרעך-דײַטשלאַנד, אין דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, האָט דאָס מיידל געשטעלט פאַר אים בלויז איין באַדינג: זי

דאַרף, דער טאַטע זאָל וויסן, פאַרוואָס זי איז פון אים אוועק און מיט וועמען זי איז אוועק. איבעריק אָפּריידן זי דערפון האָט אַלבערט ניט געוואַגט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זשיזעל מוז אַזוי טאָן, און סאַפּקאָלסאָף איז עס עפּשער אויך פאַר אים נייטיק געווען. דאָס האָט געזאָלט זײַן דער לעצטער אויספּרוּוו, און ווי פּײַנלעך אָט דער אויספּרוּוו זאָל ניט זײַן, האָט מען אים אויסמײַדן ניט געטאָרט. כּוץ דעם, האָט זשיזעל מינאַסטאַם ערגעץ טיף אין האַרצן נאָך אַלץ נאַיִוו געהאָפט, אַז דער טאַטע קאָן זיך אומקוקן אויף זײַן פאַרגאַנגענהײַט, כאַראַטע האָבן.

נאָך דעם, ווי אַלבערט איז אײַנגעגאַנגען צו באַגעגענען זיך מיט מעוועפּלוגן, האָט מען לאַנג באַטראַכט, וויִאַזוי עס איז בעסער אײַנאָרדענען. אַלבערט קומט מיט זשיזעלן צו איר פּאָטער אין קליניק, ער האָט זיך קלוימערשט אויסגעלענקט אַ האַנט... ניין, אַנדערש: אַלבערט איז צווישן די אײַנגעלאַדענע אויף זשיזעלס געבורטסטאָג... צי גאָר אַזוי: מע וועט בעקיוון גיין צוזאַמען איבער יענער גאַס, דורך וועלכער דער פּאָטער פּאָרט פון דער קליניק, ער וועט זיי דערזען און אַ רוף טאָן... די דאָזיקע אַלע וואַריִאַנטן, און אויך אַנדערע, וואָס זײַנען אויפגעקומען, האָבן זיי אָפּגעוואָרפן. זשיזעל האָט ביז גאָר ווייטעקדיק אויפגענומען יעדן וואַריִאַנט, וואָס צומיינסטנס האָט זי אַליין טאַקע אים צוגעטראַכט, — ס'האָט זיך איר פּאַשעט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם קלאַפּ, וואָס האָט געזאָלט דערלאַנגט ווערן איר פּאָטער.

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אויף דעם סאַמע פּאַסיקסטן.

די שטיפמוטער איז אַוועקגעפאָרן צו אירע פרײַנט אין נידעראַד — אַ פאָרשטאָט אויף יענער זײַט מײַן — און מיטגענומען מיט זיך אויך די הויזווירטן און די קעכן, ווײַל עס איז פאָרגעשטאַנען פרעגלען אײַנגעמאַכטס. זשיזעל האָט בעקיוון געבראַכט אַלבערטן צו זיך אַהיים אײדער דער פּאָטער האָט זיך אומגעקערט פון קליניק. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער דער וווינונג. זשיזעל האָט אַלעמאָל באַוויזן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז איר באַזונדערס טײַער געווען, און געזאָגט דערבײַ: אָט דאָס וועט זי מיטנעמען, אָט דאָס וועט זי איבערלאָזן. מיטנעמען האָט זי זיך געקליבן קליינינקײַטן. אַלבערט האָט פאַרשטאַנען איר צושטאַנד, באַזונדערס ווען זיי זײַנען אַרײַן אין איר צימער, וווּ ס'איז געווען וויניק מעבל, וווּ אַלץ איז אויסגעשטעלט געווען מיט געשמאַק. אָט די־אָ פעל, וואָס ליגט בײַ איר בעט, איז פון אַ הירש, וואָס דער פּאָטער האָט געהאַרגעט צו איר ערשטן געבורטסטאָג; אָט יענע צוויי ראָזע וואָלענע שיכעלעך אויף דער וואַנט זײַנען נאָך דער מאַמעס — די מאַמע האָט זיי געטראָגן ביז זי האָט אָנגעהויבן גיין, און דערנאָך האָט זשיזעל זיי געטראָגן... ער מעג אויך אַ קוק טאָן אין אַלבאָם, אַלבערט. יאָ, יאָ, אָט דאָס איז די מאַמע... אַ שיינע? און דער טאַטע איז אויך אַ שיינער, יונגערהייט איז בײַ אים געווען אַן איידל געזיכט. נו, און דאָס ווײַטערדיקע בלעטל מעג ער איבערבלעטערן — דאָרט איז גוסטאַוווס פּאָטאָ. ס'הייסט, זיי זײַנען דאָרט צוזאַמען, בײַם יאַם, זי און ער. ערשט פאַראַיאָרן איז עס געווען. אַלבערט האָט געקוקט אויף דער פּאָטאָ: זשיזעל איז אין אַ באָד־קאָסטיום, זיצט אין זאַמד, אַרומגענומען מיט די הענט די קני. גוסטאַוו ליגט, מיט איין האַנט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און מיט דער צווייטער שאַרט ער צונויף אַ בערגעלע זאַמד; אויף זײַן שמאָלן פּאָנעם האָט זיך צעגאָסן אַ כויזעק־שמייכעלע... נידעריקער, אויפן זעלבן אַלבאָם־בלעטל, איז צוגעקלעפּט בלויז גוסטאַוווס אַ פּאָטאָ: אַ יונג בײַ די דרײַסיק יאָר מיט אַ שווערן בליק, די האָר אַראָפּגעקעמט אויפן שטערן, פעסט צונויפגעדריקטע ליפּן... עפּעס איז געווען בעקיוונדיק־אַכזאָריעסדיקס אין אָט דעם געזיכט.

— ער איז דיר ניט געפעלן? — האָט זשיזעל שפּילעוודיק געפרעגט.

און דאָ האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. מען איז אויף די שפּיצפינגער אַרויס אין עס־צימער, אַלבערט האָט זיך צוגעזעצט בײַם פענצטער, זשיזעל איז אוועק עפענען.

— מיר האָבן אַ גאַסט, פּאַפּאַ, — האָט פון פּאָדערצימער זיך דערטראָגן איר שטים, — כ'האָב פאַר דיר אַ סורפּריז, פּאַפּאַ... ווּעסט באַלד זען, ווער עס איז געקומען...

— אַזוי? ווער זשע? אַך, דו קליינע העקסע![1]

ראָבערט מעוועפּלוג האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל — אַ הויכער, אַ ברייטער, אַן עלטערגעוואָרענער, מיט אָפּגעצויגענע באַקן און עטוואָס באַזילבערטע שלייפן. זײַן געזיכט איז מיטאַמאָל ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, און בלויז די ברעמען האָבן קאַסדיק זיך אַ הייב געטאָן בײַס ער האָט דערזען אַלבערטן.

— מײַן כאַווער פון קורס, דאָס האָט ער מיך באַשיצט פונעם הונט! — האָט זשיזעל געזאָגט. גייענדיק עטוואָס אין אַ זײַט און אַ ביסעלע הינטערן פּאָטער, זעענדיק אים אין פּראָפיל, האָט זי דאָך גאַנץ קלאָר באַמערקט, אַז ער איז בלאַס געוואָרן, צוגעביסן אַ ליפּ.

— זייער אָנגענעם! — האָט מעוועפּלוג געלאַסן געזאָגט. זײַן קאָל האָט עטוואָס געציטערט, — זײַט איר דאָס?..

---

[1] — מעכאַשייפע (דײַטש).

— אלבערט...

די רעכטע האַנט האָט זיך א צוק געטאָן בא מעוועפּלוגן. נאָר ער האָט זי ניט אופגעהויבן און ניט אויסגעשטרעקט דעם גאַסט.

— נו, וויל, וויל, — מעוועפּלוג האָט געוואָרפן אַן אומגעדולדיקן בליק אַף דער טיר פון זײַן קאַבינעט. — כ'וועל זיך איבערטאָן... זיצט, צי עפּשער אײַלט איר זיך?

— ניין, איך האָב צײַט, — האָט אלבערט געענטפערט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען די אַנצוהערעניש.

מעוועפּלוג האָט ווידער א שאַרפן קוק געטאָן אַף אים און, שטייענדיק שוין בא דער טיר, געפרעגט:

— איר זײַט אוואדע ניט קיין היגער? אַן איטאַליענער, צי...

— קימאַט א היגער, הער מעוועפּלוג... כ'בין... — אלבערט האָט א שמייכל געטאָן, ווי אין א פאַרלעגנהײַט, און דאַך פאַרגעזעצט מיט אַן אַרויסרוף, — כ'בין אין א געוויסער מאָס א געשפּענסט...

— כאַ־כאַ־כאַ! — ראָבערט מעוועפּלוג האָט צונויפגעלייגט ביידע הענט אַף דער ברוסט. — אָט דאָס געפעלט מיר דאַפקע... אַנטשולדיקט, אלבערט, כ'מוז זיך איבערטאָן.

מעוועפּלוג איז שוין עטלעכע מינוט געווען בא זיך אין קאַבינעט. אלבערט און זשיזעל האָבן געשוויגן, גערעדט נאָר מיט די אויגן: „ער האָט דיך ניט דערקענט?“ — האָט געפרעגט איר בליק. „ס'א סוואַרע, אַז ניין, נאָר אַנציקט איז ער פון מיר ניט“ — האָט געענטפערט אלבערט מיט די אויגן. „אוי, ווי וועט עס ווײַטער זײַן?“ — האָט זי ווידער געפרעגט. — עפּשער האָבן מיר ניט גדאַרפט דאָס טאָן?..“ „איך קאָן אַוועקגיין...“ „ניין, ניין!“ — האָט זי פאַראַקשנט א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

אין קאַבינעט האָט מעוועפּלוג מיט עמעצן גערעדט דורכן טעלעפאָן: ער האָט אײַנגעלאַדן עפּעס א גאַסט צו זיך, געבעטן קומען טייקעף. דער טעלעפאָן האָט ווידער א קלימפּער געטאָן, נאָכאַמאָל א קורצער, שטילער שמועס, און גלײַך נאָך דעם:

— טאַכטערלײַן, קום, ביטע, אַרײַן אַהער!

זשיזעל איז אוועק צום פאָטער, נאָר דערבײַ געלאָזט א קאַפּעלע אָפן די טיר און צו אלבערטן האָט זיך דערטראָגן א שעפּטשען, וואָס איז אַלץ העכער און העכער געוואָרן. זשיזעל האָט אָפּגעבראַכט געזאָגט: „ניין. כ'וועל עס ניט טאָן!“ און באַלד נאָך דעם העכער: „יאָ, א יודע... און ער קען דיך, ער קען דיך!“ מע האָט פון אינווייניק צוגעמאַכט די טיר, איצט האָט זיך שוין קיין איין קלאַנג ניט דערטראָגן פון קאַבינעט. נאָר אָט איז זשיזעל אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן קימאַט א רויִקע, בלויז לויטן גלאַנץ פון אירע אויגן און לויט דער בלאַסקײַט פון געזיכט האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, אַז זי האָט געוויינט. ראָבערט מעוועפּלוג איז געגאַנגען הינטער איר. ער האָט זיך ניט איבערגעטאָן, בלויז איבערגעביטן דאָס רעקל אַף א ליכטיקערן און גערוימערן.

— זשיזעל זאָגט, אַז איר קענט מיך, — האָט ער מיט א גענויטן שמייכל זיך געווענדט צו אלבערטן. — זייער אָנגענעם... איך האָב אײַך, הייסט עס, געראַטעוועט דאָס לעבן, און איר האָט געאָפּפערט מיטן געזונט צוליב מײַן זשיזעל... זייער, זייער גוט... אַלזאָ, מע וואָלט אַפילע מעגן צוליב אַזאַ אָנגעלעגנהײַט... גרייט עפּעס צו, טאָכטערלײַן...

זשיזעל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עס האָט זי אוואדע איבעראַשט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיטן פאָטער. עפּשער האָט זי שוין דערשפּירט עפּעס שלעכטס אויך? זי האָט א קוק געטאָן אַף אלבערטן, און געווען איז אין איר בליק סײַ פאַרדראָס, וואָס זי קאָן אים ניט זאָגן עפּעס נייטיקס, סײַ געבעט, ער זאָל ניט צערייצן דעם פאָטער. צי עפּשער האָט זי, פאַרקערט, געפאָדערט, אַז ער זאָל אַלץ אופדעקן ביזן סאָף. אַלע האָבן געשוויגן. אלבערט האָט באַשטימט: „היטן זיך און פעלשעווען איז ניטאָ צוליב וואָס, צופיל אומגעבראַכטע מענטשלעכע לעבנס פאָדערן אָט דעם עמעס!“

— הער מעוועפּלוג, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איר שאַצט עפּשער איבער מײַן אָפּפערן מיטן געזונט פאַר זשיזעל... און ס'איז שוין קלאָר קיין ספק ניט, אַז די אומשטענדן, וואָס האָבן מיך צונויפגעשטויסן מיט אײַך אין לאַגער, זײַנען ניט געווען קיין רעטונגס־אַקציע...

מעוועפּלוג האָט טיף אַן אָטעם געטאָן, ווי ער זאָל מיט דעם וועלן באַווײַזן, ווי געדולדיק ער איז און ווי ער קען זיך באַהערשן.

— ווער קאָן עס איצט ריכטיק אָפּשאַצן, יונגערמאַן? — האָט ער געזאָגט מיט א טרויעריק־לעכן שמייכל. — יעדנפאַלס, איך לעבט...

— פון די, וואָס מ'האָט געפּײַניקט אין די לאַגערן, זײַנען לעבן געבליבן א סאַך ווייניקער, איידער פון יענע, וואָס האָבן זיי געפּײַניקט... אָבער יעדער לעבעדיקער איז דער זיקאָרן פון טויזנטער קאָרבאָנעס און א וואָרענונג פאַר די, וואָס טרעטן ערשט אַרײַן אין לעבן.

אין פּאָדערצימער האָט זיך דערהערט אַ קלונג.

— עפן, ביטע, טאָכטערליַין, — האָט מעוועפּלוג געזאָגט.

זשיזעל איז אַוועק. מעוועפּלוג האָט מאָדנע שוויַיגנדיק געקוקט אויף אַלבערטן. אין פּאָדערצימער האָבן זיך דערהערט מאַנצבלשע שטימען. מעוועפּלוג האָט בליצשנעל זיך פאַרענדערט: „דאָנער־וועטער!״ — האָט ער אַ זשיפּע געטאָן מיט אַן אויסגעקרימט געזיכט, אַ שפּאַן געטאָן צו אַלבערטן און אים געגנומען שלאָגן מיט די פויסטן...

וויַיטער איז, אייגנטלעך, ניטאָ וואָס צו דערציילן. ראָבערט מעוועפּלוג האָט אויסגעקליבן די איינציקע טייַוולאָנישע מעגלעכקייַט אויף צו פאַרטיידיקן זיך. שוינען די טאָכטער האָט ער שוין אין דער געשאַפּענער לאַגע ניט געקאָנט. בייס ער האָט פון קאַבינעט געקלונגען אין טעלעפאָן, האָט ער דרינגענדיק געבעטן אַריַינקומען צוויי שכיינים, צוויי גוטפריַינט זייַנע. זיי זייַנען עס געוואָרן די איידעס פאַר דער פּאָליציי, וואָס איז שפּעטער אַרויסגערופן געוואָרן. די ווערסיע איז געווען אַזאַ: בלויז אַדאַנק אַ גליקלעכן צופאַל, וואָס דער דאָקטער האָט זיך אומגעקערט פאַר דער ציַיט אַהיים, איז זייַן טאָכטער געראַטעוועט געוואָרן פון שאַנד...

ביז וואָס־ווען איז אַלבערט אַריַינגעוואָרפן געוואָרן אין טפיסע, ראָבערט מעוועפּלוג האָט זשיזעלן מיט גוואַלד אַוועקגעפירט צו דער מוטער — אין שוואַרצוואַלד. אָבער אינגאַנצן פּלעטן זי איז אים ניט געלונגען: אירע ברייוו זייַנען אָנגעקומען סיַי צום פראַנקפורטער פּראָקוראָר, סיַי אין דער ליגע פון מענטשן־רעכט. דער פּראָקוראָר איז, עמעס, ניט געניַיגט געווען גראָבן צו טיף, איינס האָט ער אָבער געמוזט טאָן נאָך אַ באַזוך פון די ליגע־פאָרשטייער: הייסן באַפריַיען פון אונטער דער וואַך אַלבערט קרישנערן.

ווען אַלבערט איז אַראָפּגעקומען קיין שוואַרצוואַלד, איז צווישן אים און זשיזעלן ווידער געשטאַנען אַ וואַנט — די מאַמע. מע האָט אים אַפילו ניט אַריַינגעלאָזט אין הויף. זשיזעל האָט ניט געוווּסט, אַז ער גייט דאָ אַרום אין וואַלד... אַריַינגעדרונגען צו איר איז אַ כאַוועריטע פון אוניווערסיטעט, און דורך יענער איז אַלץ דערעדט געוואָרן: אַלבערט ליקווידירט די יערושע־אַפּטייק, ווי דאָס איז אויך פריִער פּלאַנירט געווען. ער פאָרט אַריבער ניט קיין מיזרעך־דייַטש־לאַנד, נאָר קיין פראַנקריַיך און וואַרט דאָרט אויף זשיזעלן. אַהין דאַרף זי מיט דער ציַיט זיך אַרויסריַיסן, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז זי פאָרט צו גוסטאַוון.

די לאַגע איז אָבער פאַרשווּעריקט געוואָרן דורך צוויי זאַכן: זשיזעל האָט אַזוי גיך ניט געקאָנט קומען קיין פראַנקריַיך דערפאַר, וויַיל גוסטאַוו האָט זיך טאַקע אַוועקגעלאָזט ערגעץ קיין אַלזשיר, און בא אַלבערטן האָבן זיך שוין אויסגעשעפּט די קנאַפּע מיטלען. כוץ דעם, איז אים שווער געווען פאַרזעצן די לערע אין מאַרסעל, ווו ער האָט זיך באַזעצט, — ער האָט אין פלוג געמוזט באַהערשן אַ ניַיע שפּראַך. איז אַנטשטאַנען אַן אַנדער וואַריאַנט, וואָס דערטראַכט זיך צו אים האָבן זייַנע כאַווירים. אין רוסלאַנד עפנט זיך אַן אוניווערסיטעט פאַר פעלקער־פריַינטשאַפט. אַלבערט פאָרט אַהין אַוועק. און ווי נאָר זשיזעל וועט קומען קיין פראַנקריַיך, וועלן זייַנע פריַינט איר אויך מיטהעלפן אַריבערפאָרן אויף לערע קיין רוסלאַנד. דער פּלאַן איז מיטגע־טיילט געוואָרן אין שוואַרצוואַלד, און זשיזעל האָט איַינגעשטימט.

אַלבערט קרישנער האָט זיך פאַרקוקט אין פענצטער. דער רעגן איז שטילער געוואָרן. דורך די שיטערע וואַסער־שטראָמען זייַנען ווידער אַרויסגעשוווּמען די ביימער באַם טראָטואַר, דער פּאַרק פון יענער זיַיט גאַס מיטן הויכן שוואָטשענקאָ־דענקמאָל, די נעפּלדיקע קאָנטורן פון דער גרויסער שטאָט. טיפע בענקעניש איז געווען אינעם יונגס עטוואָס צוגעזשמורעטע אויגן.

טשעקולייַעוו האָט אין קאַרגע ווערטער איבערגעזעצט פאַר אַלי אַבדוראַכימען דאָס, וואָס אַלבערט האָט, מישנדיק רוסיש מיט דייַטש, דערציילט. איצט, ווען אַלבערט איז אַנשוויגן גע־וואָרן, האָט טשעקולייַעוו אַ ביסל גענויער איבערגעזעצט דעם סאָף פון זייַן געשיכטע. אַלי אַבדו־ראַכים האָט מיטביידע הענט אַ שויבער געטאָן זייַן פּעך־שוואַרצן קאָפּ האָר, דערמונטערנדיק זיך צעשמייכלט צו אַלבערטן און געזאָגט עפּעס אויף אַראַביש. טשעקולייַעוו האָט געוואָלט איבער־זעצן, נאָר אַלי האָט לייַכט זיך צוגעריררט מיט די פינגער צו זייַן אַקסל און, אונטערקלייַבנדיק רוסישע ווערטער, געזאָגט:

— ניט נאָר לאַנד־גרענעצן — אַזוי? — נאָר גרענעצן, וואָס מע מאַכט צווישן מענטש און מענטש, — אַזוי? — צעשיידן געליבטע... צעשיידן ברידער מיט שוועסטער... — אַזוי? — אַ סאַך ברידער... אָבער... — ער האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן, פונקט ווי די ווערטער זאָלן זייַן ערגעץ דאָ, אויף די הויכע וויַיסע ווענט, אויף די לאַנגע טישן, וואָס האָבן ווי יאַרוסן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער געשניצטער קאַטעדרע, — ליבע לעבט... — אַזוי? — דער מענטש קומט מיט איר אויף דער וועלט... — אַזוי?

אלי האָט עפּעס גיך־גיך, רעגנדיק זיך, געגומען ריידן אַף אַראַביש. טשעקולײַעוו האָט איבערגעזעצט:

— אַן ענלעכע געשיכטע, נאָר געשען איז זי אין אַן אַנדער עק וועלט. אלי זאָגט, אַז די וועגן קיין רוסלאַנד זײַנען אַפּט געשלענגלטע, נאָר זיי פירן שוין פון אומעטום, פונעם גאַנצן ערד־קײַלעך... קעדיי קומען אַהער, האָט אלי זיך פאַרדונגען אַלס אַנטרײַבער אין אַ קאַראַוואַן פון קעמלען, וואָס האָט עטלעכע מאָל איבערגעשניטן דעם מידבר, — פונעם טויטן יאַם ביזן רויטן, און ענדלעך איז אים געלונגען ארופכאַפּן זיך אַף אַ שיף, וואָס האָט אים געבראַכט קיין אַדעס. ער איז אַ שוסטערס אַ זון, אלי, פון אַלט־ירושלאַים. דעם טרוים לערנען זיך ווײַטער, קומען קיין רוסלאַנד, האָט אין אים דערוועקט זײַן לערער — מוכאַמעד ראַכמי. מיט יענעם לערער איז געשען קימאַט דאָס זעלבע, ווי מיט אַלבערטן.

די שול געפינט זיך ניט ווײַט פון יענעם אָרט, ווו ס׳איז אַף אַ גרויען פעלדז געבליבן אַ גריבל, וואָס דערמאָנט דעם שפּור פון אַ מענטשישער פּיאַטע, — פונדאַנען, קלוימערשט, איז יעזוס אַוועק אין די הימלען. ניט ווײַט פון דער שול געפינט זיך אויך די גראַנדיזע אָמאַר־מעטשעט און דער קויסל־מאַאַראַווי, די וויג פון דרײַ גלויבנס איז דאָ געשטאַנען, און קיין איינער פון זיי האָט ניט געהאָלפן פאַרברידערן די מענטשן — בלויז צעשיידט זיי...

פון שולהויף, אַ געפלאַסטערטן מיט אַלטע שטיינער, וואָס זײַנען אַמאָל עפּשער געווען דער דיל פון עפּעס אַ טעמפּל, איז צו זען די בעטאָנירטע שייד־וואַנט, וואָס שנײַדט איבער די שטאָט. מע קאָן אויך זען פונדאַנען, אויב מע זאָל זיך אַראָפּלאָזן עטוואָס נידעריקער מיטן געשלענגלטן געסל, דעם „מאַנדעלבאַום־הויף" — דאָס איינציקע אָרט, ווו עס איז פאַראַן אַ מין טויער אין דער שייד־וואַנט. צוויי מאָל אַ יאָר — אַף ריזל און אַף פּייסעך — איז דער טויער אָפן, און די קריסטלעכע אַראַבער, וואָס וווינען אין דעם נײַעם, מײַרעווודיקן טייל פון שטאָט, באַקומען די רעכט אַף צוויי טעג אַוועקגיין אין דעם אַלטן טייל, קעדיי דאָרט מיספּאַלעל זײַן. אָט דאַן לאָזט דער לערער, מוכאַמעד ראַכמי, זיך אַראָפּ צום „מאַנדעלבאַום־הויף" אוןביידע טעג, פון סאַמע פרי ביז שפּעט, קוקט ער אין אָפענעם טויער. די מענטשן ווייסן: דאָס קוקט ער אַרויס, עפּשער וועט אַף יענער זײַט זיך באַווײַזן כאָטש אַף אַ ווײַלע מיריאַם, זײַן געליבטע. שוין העכער צען יאָר איז ער צעשיידט מיט דער טאָכטער פון זײַן געוועזענעם יידישן לערער, ער ווייסט וועגן איר גאָרניט: עפּשער האָט זי שוין אַפילע קינדער פון אַ צווייטן, און עפּשער לעבט זי גאָר ניט, פאַר־שמאַכט פון לייד און בענקעניש.

אלי אַבדוראַכים האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ בייס טשעקולײַעוו האָט דאָס איבערדערציילט. דערנאָך האָט ער געזאָגט אַף רוסיש:

— ליבע לעבט. — אַזוי?..

— —

ס׳איז אַריבער אַ היפּשע צײַט. כ׳בין אַף עטלעכע כאַדאָשים אַוועקגעפאָרן פון שטאָט. וואָס עס באַטײַט די אויפשריפט אַף דער סקולפּטור, האָב איך נאָך אַלץ ניט געוווסט. איך האָב אָפּט געטראַכט וועגן אַלבערטן, זשיזעל, אלי אַבדוראַכימען, וועגן דעם פאַשיסט ראָבערט מעוועפלוג, וואָס וועט בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס זײַן טאָכטער איז לויטן געזעץ פון קרויוושאַפט ניט אַוועק אין זײַנע דראַכים, אַזוי ווי וועלן אַנדערע מענטשלעכע קריפּלס ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס וועט ניט דערוואָרגן די ליבע אין מוכאַמעד ראַכמיס האַרצן...

איינמאָל, ווען כ׳בין געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן געסט: טשעקולײַעוון און אלי אַבדוראַכימען.

— פאַרוואָס האָט איר ניט געבראַכט מיט זיך אויך קרישנערן? — האָב איך געפרעגט, דריקנדיק זיי די הענט.

— ניטאָ, ווײַט, — אלי האָט אַ שמייכל געטאָן, — ער איז געפאָרן נאָך זײַן זשיזעל.

— יאָ, יאָ, ער איז אין פראַנקרײַך, — האָט טשעקולײַעוו באַשטעטיקט, — דאָס מיידל האָט זיך אַהין אַרויסגעריסן... מע האָט יענעם „אולטראַ" געבראַכט צוריק פון אַלזשיר אַ פאַרוווּנדעטן.. האָט מען איר דערלויבט פאָרן צו אים...

מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין צימער, ווו די סקולפּטור איז געשטאַנען. אלי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום טיש. פונקט ווי ער וואָלט דערזען אַ לעבעדיקן לאַנדסמאַן, האָט ער אײַנגעקוקט זיך אינעם אַראַבערס איידעלן געזיכט, אַ גלעט געגעבן די בראָנזענע פאַלדן פונעם צײַג, וואָס האָט אַרומגעהילט דעם שלאַנקן גוף, צוגערירט זיך מיטן פינגער צו דער שווערד, וועלכע האָט שטיל אַ קלונג געטאָן... ער האָט זיך אָנגעבויגן צום פּיעדעסטאַל און איבערגעלייענט: „כורריאַ".

אלי האָט, ניט אויסגלײַכנדיק זיך, אַ הייסן קוק געטאָן אַף טשעקולײַעוון און אַף מיר. ער האָט איבערגעכאַזערט:

— כורריאַ...

טשעקוליײַעוו האָט זיך אויך אײַנגעקוקט אין דער אופשריפט און איבערגעזועצט:
— פרײַהײַט.
אלי האָט זיך אויסגעגלײַכט, זײַן דארלעך־ברוין געזיכט האָט אויסגעזען ערנסט און א קאפּעלע אופגערעגט. ער האָט געזאָגט:
— מוכאמעד ראכמי פלעגט אונדז לערנען: „סינע טוט אָן אף מענטשן קייטן". איך פאַרשטיי עס אזוי: כורריאַ — דער מענטש דארף זײַן פרײַ, פעלקער דארפן זײַן פרײַ, דעמלט וועט די שווערד באהאלטן ווערן אין שיידל, פון דער ליבע וועלן אראָפּפאלן די קייטן, יענע קייטן, וועלכע עס טוט אף איר אָן די סינע...

הירש רעלעס

ליאַוואָניכע

טאנצט א ליאַוואָניכע מערע־מארינקע,
נאָכעמס מיזינקע, נאָכעמס מיזינקע.

אין שיכעלעך רויטע שפּרינגט זי און טופּעט,
זיך שלענגלען די לענטעס איבער לײַנענער יופּע.

אין זײַדענעם העמדל מיקאָלע שפּרינגט אונטער,
ער נעמט זי ארום און אָט שווימען זיי מונטער.

זײַן מוטער אהאטע וויינט אזש אין פריידן,
טײַערע קינדערלעך, מיר פאר אײַך ביידן.

רודערט דער זאל אוף פון ווינקל ביז ווינקל:
— בראוואָ, מיקאָלע! בראוואָ, מארינקע!

אין האסטיקן אימפּעט פון אָרט נעמט מיך טראָגן,
ברידערלעך מײַנע, נו וואָס זאָל איך זאָגן?

איך בענק נאָך א פריילעכס, איך בענק נאָך א ניגן,
וואָס האָט אונדז נאָך קליינע געוועקט אין די וויגן.

נאָר איצט ווילט זיך טאנצן מיט כאָסן און קאלע —
שפּילט א ליאַוואָניכע, שפּילט מיר, צימבאַלעס!

ל י א ו ו אָ נ י כ ע — א ווײַסרוסישער פאָלקס־טאנץ.

סאלוואדאָר באָרזשעס

געבוירן אין 1900 אין שטעטל ראָזשישטש (אוקראַינע).
אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1928. וווינט אין ביראָבידזשאַן.

רעכט אַף סימכעס

אומגעריכט האָט זיך געביטן דער וועטער.

— זע נאָר, וואָס דאָ טוט זיך, א מין צולאָכעס, — האָט יורי מיט פאַרדראָס זיך אָנגערופן צו אליקן, ווען זיי זײַנען ארויס פון דער עלעקטראָסטאַנציע, ווו זיי האָבן געארבעט, — זע נאָר, ווי ס'דרייט.

געזעגענענדיק זיך, האָט יורי נאָכאמאָל דערמאָנט אליקן:

— געדענק זשע, נײַ־יאָר באַגעגנסטו הײַנט בא מיר!

זײַן יונג ווײַבל, פריידלען, האָט יורי געטראָפן אין קיך זיך אייסעקן בא דער פליטע. די שוויגער, א פולבלעכע, נאָר א רירעוודיקע פרוי, האָט איר צוגעהאָלפן.

די ערשטע האָט דערזען יורין די שוויגער. זי האָט מיט א געמאַכטן רויגעז א זאָג געטאָן:

— שטיי ניט אין קיך! זעסט דאָך, אז ס'איז בא אונדז הײַנט דער קורצער פרײַטיק...

פריידל האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן. ס'איז שוין א היפש ביסל צײַט נאָך זייער כאַסענע, נאָר אלע מאָל, ווען ער קומט ארײַן, פאַרלירט זי זיך. דער בעקן מיטן געבעקס איז בא איר שיר ניט ארויסגעפאלן פון די הענט. זי האָט א שמייכל געטאָן און שטיל זיך אָנגערופן:

— גיי וואש זיך...

אז ער איז ארויס פונעם וואַנע־צימער אין דער בלוי־געשטרײַפטער פיזשאַמע, א ראָזער, אָן אויסגעצוואָגענער, אָן אָפּגעפרישטער, האָבן אים די פרויען געצוווּנגען פאַנאַנדערשטעלן די מײַכאָלים אפֿן טיש.

פאַרענדיקט די ארבעט, איז יורי ווי א קינסטלער בא זײַן פאַרטיק בילד, עטוואָס אָפּגעגאַנגען אין א זײַט און מיט צוגעזשמורעטע אויגן באַטראַכט דעם לאַנגן טיש מיטן ווײַסן טישטעך. ער האָט געקוקט אף די פאָלומעסקעס מיט אָנגעשניטענעם הערינג, ארומגעלייגטן מיט ווײַסע ציבעלע־ריפּטלעך, אף דער מאָזאַיִק פון די ווינעגרעטן, אף די ברוין־צוגעפלאַמטע שטיקער געפילטע פיש, אף די גײַוועדיק־בײַכיקע פלעשער שאַמפּאַניער און טונקעלן קאָניאַק.

א פאַרהאַוועטער איז ער ארײַן אין קיך, ארומגענומען בא די אקסל די שוויגער און פריידלען, צוגעפירט זיי צום סערווירטן טיש און האָפערדיק געפרעגט:

— נו?

די מאַמע האָט פלוצעם א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— וואָס זאָגסטו, עס פעלט דאָך דער איקער!

— וואָס?

— כריין צו די געפילטע פיש...

אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען די ערשטע געסט: יוריס צאַד — פון דער עלעקטראָסטאַנציע, פריידלס — פון דער מאָדע־אטעליע.

— נו, א וועטער... ס'וואַלגערט אום פון די פיס! — האָט אליק, ארײַנקומענדיק, אויסגערופן.

— ס׳פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם! — האָט צוגעגעבן ליזע, אויסזינגענדיק די ווערטער. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פוטער, איז זי צוגעגאַנגען צום אַלמער־שפּיגל און גענומען ברענגען אין אָרדענונג אירע שיינע געקרויזטע האָר, דאָס קלייד, וואָס זי האָט היינט דאָס ערשטע מאָל אָנגעטאָן, און אַ פרעג געגעבן:

— ס׳ליגט גוט?

די פרויען האָבן גענומען זאָגן מעווינעס, די מאַנצבלען האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— הערט, עפּשער ווילן מיר גאָר עפּעס אָנהייבן טאָן? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די געסט.

— ביז נײַ־יאָר איז געבליבן נאָך קימאַט אַ גאַנצע שאָ.

— יאָ, אָבער ס׳אַלטע יאָר דאַרף מען דאָך אַרויסבאַגלייטן.

— לאָמיר נאָך צוּוואַרטן אַ ביסל, — האָט געזאָגט יורי. אים האָט באַאומרויִקט, וואָס דער בריגאַדיר אַלעקסיי דמיטריִעוויטש, אַ מענטש, וואָס איז געווען באַוווּסט מיט זײַן פּינקטלעכקייט, איז נאָך ניט געקומען.

די געסט איז שוין נימעס געוואָרן צו קוקן אין טעלעוויזאָר, אַליקס פרוי, ליזע, האָט אונטער די קלאַנגען פון דער ראַדיאָלע שוין געטאַנצט קימאַט מיט אַלע מאַנצבלען, נאָר אַלעקסיי דמיטריִע־וויטש איז נאָך אַלץ ניטאָ. מע האָט געקלונגען צו אים אַהיים, קיינער ענטפערט ניט.

דער זייגער איז שוין געווען אָן צען מינוט צוועלף. אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש, אָנגע־גאָסן ווײַן און געוואַרט, אַז די ווײַזערס פונעם וואַנטזייגער זאָלן זיך צונויפגיין אויף דער ציפער צוועלף. פּלוצעם איז געוואָרן פינצטער.

ס׳איז דורך אַ מינוט, צוויי, דרײַ — קיין שײַן איז ניטאָ.

מע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט. דאָס שוואַכע ציטעריקע פלעמל האָט קוים באַלויכטן דאָס צימער. אין דער זעלבער רגע האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן.

— אײַ, אײַ, אַלעקסיי דמיטריִעוויטש, מיר וואַרטן דאָך אויף אײַך! וואָס? וואָס? אַן אַוואַריע?.. דער ווינט?.. אין עטלעכע ערטער איבערגעריסן די דראָטן?..

יורי האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און האַסטיק גענומען זיך איבערטאָן.

— אַליק, דו גייסט?

יורי האָט אין דער האַלב־טונקלקייט פון צימער גיכער זיך אָנגעשטויסן, איידער דערזען, אַז אָנשטאָט אַליקן שטייט פאַר אים ליזע.

— ער וועט אינערגעץ ניט גיין!

— ער קאָן, דוכט זיך, אַליין ריידן, — האָט יורי באַמערקט.

אַליק האָט ווירקלעך עפּעס געזאָגט, נאָר ליזע האָט אים אין דער זעלבער רגע איבער־געשלאָגן:

— און איך זאָג, אַז ער וועט בא מיר אינערגעץ ניט גיין!

און צו אַליקן:

— שוין, די רגע קום אַהיים! זאָלן אַנדערע אַרויסווײַזן העלדישקייט... האָסט נעכטן גע־אַרבעט אַ גאַנצע נאַכט.

— און יורי איז געשלאָפן אין דער היים? — האָט זיך אַרײַנגעמישט פרײדל.

דער ווינט האָט געריסן שטיקער, פאַרשלאָגן דעם אָטעם. נאָר יורי איז געלאָפן פאָרויס און דערבײַ געטראַכט: „צוויי אַוואַריעס מיטאַמאָל: איינע — אויף דער עלעקטראָסטאַנציע, די צווייטע — אַליק... אַזוי אונטערגעבן זיך ליזען! נו, און אַז זי איז אַ שיין ווײַבל, איז וואָס?“

בא דער עלעקטראָסטאַנציע האָט אים עמעצער אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַליקן.

— דו?..

— איך.

— און וווּ איז זי?

— ליזע?.. — אַליק האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אָפּגעפירט זי אַהיים.

...אויפן הויכן טורעמל פון דער אַוואַריע־מאַשין איז יורי אַרײַנגעטאָן אין פאַריכטן די דראָטן. ניט ווײַט פון אים, צוגעפּעסטיקט מיט דער קייט צום סאַמע שפּיץ סלופּ, שטייט אַליק. זײַנע פיס האַלטן זיך קוים אין די שטאָלענע נעגל. דער ווינט פאַרשיט די אויגן מיט שניי, עס פרירן די הענט, נאָר ער גיט זיך ניט אונטער, רײַסט ניט איבער די אַרבעט.

— אַליק!

— אָט ע־נ־דיק איך! — האָט דער ווינט צעריסן אַליקס ענטפער.

האַלטנדיק זיך קוים אויף די פיס, האָבן יורי און אַליק זיך צוריקגעקערט אויף דער עלעקטראָ־סטאַנציע. דאָרט האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט אויך די, וואָס האָבן פאַריכט די צעשעדיקונגען אויף

אנדערע באַצירקן. דער בריגאַדיר אַלעקסיי דמיטריִעוויטש, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער און שטאַלטנער, ווי אַ מיליטער־מאַן, האָט זיך דאָ געפילט, ווי נאָך אַ געלונגענער שלאַכט־אָפּעראַציע...

— פײַן אַן אַרבעט געטאָן, אַ? — האָט ער זיך אָנגערופן. און, ווענדנדיק זיך צו יורין, האָט ער פריילעך געזאָגט:

— איצט קאָן מען גיין זעצן זיך צום טיש! יאָ, נאָר מיט איין טנאַי — נעמסט אונדז אַלעמען מיט זיך!

— ווי דען אַנדערש? — האָט יורי געענטפערט.

— פאָ קאָניאַם![1] — האָט, ווי אַן אַלטער קאַוואַלעריסט, באַפוילן אַלעקסיי דמיטריִעוויטש, און כעוורע איז אַרויף אויף דעם צוגעגרייטן לאַסטאַווטאָמאָביל.

פריידל און די מאַמע, וואָס האָבן געדרעמלט אין דער פינצטער, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דער אומגעריכט העלער שײַן. זיי האָבן געקוקט מיט פאַרווונדערטע אויגן אויף דער גרויסער צאָל מאַנספאַרשוינען, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין צימער פונעם פראָסטיקן דרויסן.

די מאַמע האָט גאַסטפרײַנטלעך פאַרבעטן אַלעמען צום טיש.

אַלעקסיי דמיטריִעוויטש, שטייענדיק מיטן קאָס גרייט אָפּצוגעבן זײַן באַליבטע קאָמאַנדע „פאָ קאָניאַם”, האָט פּלוצעם אומרויִק אַ פרעג געטאָן:

— און ווו איז אַליק? פאַרוואָס איז ניטאָ ליזע? אַזאַ יאָמטעוו, אַ באַגעגעניש פון נײַ־יאָר, און...

— אַלעקסיי דמיטריִעוויטש, — האָט געענטפערט יורי, — אַליק איז אויף אַ רעגעלע אַרײַן צו זיך... טאַקע אַ רוף טאָן ליזען וויל ער... שאַט, שאַט! איר הערט: אָט גייען זיי...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָס, וואָס האָט העל אַ שײַן געטאָן קעגן דער ליכט:

— איך לייג פאָר אַ טאָסט פאַר די, וואָס קענען אַרבעטן און קענען זיך פרייען. אַ טאָסט פאַר דעם, אַז אַלע זאָלן פאַרדינען דאָס רעכט צו זײַן אויף אונדזערע סימכעס!

[1] אַ מיליטערישע קאָמאַנדע: זעצן זיך אויף די פערד!

עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש

1962—1913

עס איז אַוועק פון אונדז איינער פון די באַדײַטנדיקסטע סאָוועטישע שרײַבער, אונדזער האַרציקער פרײַנט, וואָס איז אין מעשעך פון פיל יאָרן געווען אויך אַן אַקטיווער מיטבויער פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, — עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש.

די ווערק, וואָס קאַזאַקעוויטש האָט געשאַפן אין רוסיש און אין ייִדיש, וועלן אויף שטענדיק פאַרבלײַבן אין גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

עמ. קאַזאַקעוויטש האָט ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן אַרויסגעוויזן טיפן אינטערעס צו דער שאַפונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. צוזאַמען מיט אונדז האָט ער זיך געפרייט מיט יעדן געלונגענעם ווערק.

אין איינעם פון די נאָענטסטע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד” וועלן מיר פאַרעפנטלעכן אַ ציקל ווייניק באַקאַנטע לידער פון עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש.

ערע זײַן אָנדענק.

ה י ר ש אָ ש ע ר אָ ו ו י ט ש

מאַיאָר קלאָד איזערלי

דער מאיאָר פון דער אמעריקאנער ארמיי קלאָד איזערלי, וואָס האָט אראָפּגעוואָרפן די אטאָם־באָמבע אף כיראָסימע, איז אראָפּ פון זינען...

(פ ו ן ד י צ ײַ ט ו נ ג ע ן)

1. אמאָל

אמאָל, מיט דרײַסיק יאָר צוריק, אין טעקסאס,
געלערנט האָט ער אין דער שול די ביבל.
געווען זײַנען די טעג א ראָזע פאָרשפּיל
צום לעבן, וואָס האָט צוגעזאָגט זײַן העל.

אין בוך דעם אײַנגעבונדענעם אין לעדער,
וואָס פון זײַן טאָוול קוקט אראָפּ א ציילעם
און וואָס די ווײַסע שטײַפע בלעטער זײַנע
באַזוימט זײַנען מיט גלאנצנדיקן גאָלד,

האָט ער געלייענט אויסטערלישע זאכן —
געשיכטעס דורכגעפלאָכטענע מיט ניסים,
דערציילונגען, וואָס צינדן אָן דעם דימיען
און פירן אין א וואונדער־וועלט אוועק.

געלייענט האָט ער וועגן בוים פון לעבן,
געלייענט האָט ער וועגן נויעכס קאסטן,
געלייענט האָט ער וועגן באָוועלס טורעם,
געלייענט וועגן פארעס דארע קי.

דערצו נאָך זײַנען צוגעקומען בילדער,
וואָס בלײַבן אין געדעכעניש אף אייביק:
א שלאקסרעגן פון שוועבל און פון פײַער,
און סדוים גייט אונטער אין א יאם פון פלאם...

2. אין מידבער ניו־מעקסיקאָ

אין ניו־מעקסיקאָ,
אין ניו־מעקסיקאָ —
אינעם קאנט, וואָס הארב און וויסט,
וואקסן קאקטוסן,
וואקסן קאקטוסן —
סאמע עלנטער געוויקס.

אינעם מידבער־קאנט —
קווארן מידבער־לאנד
עפּעס, עפּעס קומט דאָרט פאָר...

עפּעס האוועט מען,
עפּעס פראוועט מען
אזש פון פרײַקן קאיאָר...

אין ניו־מעקסיקאָ,
אין ניו־מעקסיקאָ
עפּעס גרייט זיך פאר דער וועלט...
ס'זײַנען קאקטוסן
ניט קיין קאקטוסן,
דאָס האָבן מענטשן זיך פארשטעלט...

3. די אנטדעקונג

אין לאָס־אלאמאָס דער אָוונט
ווערט אין שווארצער נאכט פארוואנדלט.
א פארכאלעשטע לעוואָנע
צווישן גרויע וואָלקנס וואנדלט.

ס'איז די שטאָט אין שלאָף פארזונקען,
מערניט צוויי־דרייַ פענצטער גליִען.
ס'פינקלען פריידיק אויגן־פונקען,
טעלעפאָנאגראמעס פליִען...

אָפּענהיימער — הארי טרומען
בא די עקן פון די דראָטן;
ס'איז די גרויסע נאכט געקומען,
גרעסטער אופטו איז געראָטן:

מענטש אין האנט א קראפט וועט האלטן,
וואס אויך די נאטור האָט זעלטן;
מע וועט קליינעם אטאָם שפּאלטן,
און מיט אים צעשפּאלטן וועלטן...

פרעזידענט און פּראָפעסאָרן
שטארק צופרידן זיך באלעקן.
— ס'האָט לאָס־אלאמאָס געבאָרן
דאָס, וואס געטער קאָן דערשרעקן, —

ווייצלט זיך דער פרומער טרומען
און כיכיקעט אינעם טרייַבל, —
ס'איז די גרעסטע נאכט געקומען:
מענטש א גאָט ווערט און א טייַוול...

4. ערעוו...

א טאָג מיט אלע זומערדיקע כיינען —
א טאָג, ווי א צעבליטע ווייַסע ליליע,
און ס'טראָגט זיך איבער טאָלן, בערג און פליינען
א שווערע סוידעספּולע עסקאדריליע...

זיך אופגעהויבן ערגעץ אין די שטאטן,
אוועקגעלאָזן זיך צום מיזרעך ווייַטן.
ווי געסט, וואס קיינער האָט זיי ניט געלאדן,
זיי קוקן זיך ארום אף אלע זייַטן...

„זייַן פארזיכטיק!.. זיך מער פון טאָמיד היטן!..
לאווירן, ווי א סארוווער, וואס טראָגט טעלער!
אזוינס, וואס הייסן מעג: צען טויזנט דינאמיטן,
קאָן פרייַ ווערן פון אייַער קלענסטן פעלער!..“

אזוי געוואוען איז דער באפעל דער שטרענגער,
און זיי הייַנט דעם באפעל באזונדערס פאָלגן:
מע היט זיך פליִען אין א נאָנטקייַט ענגער,
מע היט זיך אנצורירן אָן א וואָלקן...

דער וועג גייט איבער פעלדער, איבער טייַכן,
פון דאָרט — איבער דעם אָקעאן דעם שטילן.
ארכיפּעלאגן קומען און זיי ווייַכן,
די שטראלן בריִען, די מוסאָנען קילן...

אף אינדזלען, ריפן, בוכטעס און וואולקאנען —
דער זומער־טאָג, ווי א צעבליטע ליליע,
און ס'טראָגט זיך איבער די מערידיאנען
א שווערע סוידעספּולע עסקאדריליע...

זי טראָגט זיך און עס פאלן אירע שאָטנס,
ווי שווארצע שטריכן, וועלכע שטרייַכן איבער
מיט עפּעס גרויליקס, זינדיקס און פארבאָטנס
די וועלט, וואס ענדיקט בייַקומען איר פיבער...

און אף ווייַטמיזרעכדיקע פּאָליגאָנען
עס ווערן רויק די פּראָפּעלערס, הערט זיך,
ס'איז ערעוו בייז, וואס האָט נאָך ניט קיין נאָמען,
ס'איז אָנהייב אווגוסט נייַנצן פינף און פערציק...

5. „B-29“

„B“ — אָן אס, נאָך אים: צוויי ציפער,
„בע־נייַן און צוואנציק“.

אויסראָטונג האָט אויך א שיפער —
„בע־נייַן און צוואנציק“.

שווערער סופערבאָמבארדירער
„בע־נייַן און צוואנציק“

ווערט דעם כורבנס אונטערפירער.
„בע־נייַן און צוואנציק“...

בלייַבן וועט אין וועלטס אנאלן
„בע־נייַן און צוואנציק“.

כיראָסימע איז באפאלן —
„בע־נייַן און צוואנציק“.

נאגאסאקי האָט צעקאָדערט
„בע־נייַן און צוואנציק“.

ס'האָט געבראכט דעם טויט אין יאָדער
„בע־נייַן און צוואנציק“...

6. א זומער־טאָג

באַגינען. ס'איז וואַרעם. עס פליעסקעט דער יאַם,
ווי אויסקלאַפּן טאַקט וואָלט א גרויסער טאַם־טאַם...

די שטאָט די פאַרשלאָפענע גיט זיך א ריר —
עס טוען זיך עפענען טיר נאָך א טיר.

ס'נעמט ווימלען אין הויפן, אין גאַס — א געוויש
פון מענטשן, פון פורן מיט קאַסטן און קויש.

די פּריזיקע, מונטערע זוניקע שאָ
הילט אײַן איטלעך הויז אין א גאָלד־קימאָנאָ...

סע שפילן זיך קינדער אין יעטווידן הויף —
געדראַנג און געפילדער און זאַרגלאָזער לויף...

מיט שטעקעלעך באַמבוק אף בערגעלעך זאַמד
מע בויט, און מע מײַסטרעוועט און מע פאַרצאַמט...

און פּלוצעם א מיידעלע פון א יאָר פיר
טוט הענטעלעך ביידע צום הימל א פיר,

קוקט צו זיך דאָס יינגל, וואָס שפּילט זיך דערבײַ,
דערזעט ער, עס רוקן זיך פינטעלעך דרײַ;

שפּרינגט אוף ער, צעטאַנצט זיך, באַווײַזט אף דער הויך.
דערזעט עס, דערפרייט זיך דער גאַנצענער הויף:

„דרײַ פליִער פון טאָקיאָ אײַלן אהער!" —
מע טאַנצט און מע פויקט מיט אן אײַזערנער רער,

מע קוליעט זיך, קײַקלט זיך, שפּרינגט און מע לויפט —
די פרייד כאַפּט ארומעט א הויף נאָך א הויף.

ביז עפּעס א שרעקלעכע קראַפּט טוט א פּלעט,
און ס'פּלאַצן פון וועלט און פון לעבן די נעט...

7. * * *

א כוואַליע פון ריזיקע פונקען
די העלקײַט פון טאָג האָט פאַרטרונקען.
די זון איז געבליבן א בלייכע,
געוואָרן די בערג זײַנען ווייכע.
עס האָבן זיך שטיבער צעשאָטן,
געפּלאַקערט, ווי שטרוי, האָבן שאָטנס...
ס'איז שטיינער, גראַניט און מעטאַלן
א שרעקלעכע שוואַכקײַט באַפאַלן...
עס האָט זיך געקאָרטשעט דער באָדן,
דער יאַם, ווי א טאָפּ, האָט געזאָדן.

דער טויט האָט גענומען זיך צירן
אין מוירעדיק בונטע קאָלירן...
עס שטײַגט אוף א שווערער געווימל —
א שוואָם הייבט זיך אוף ביז צום הימל,
עס הערן זיך ווילדע יעלאָלעס...
שוין אויסגעדאַמפט אײַזן און שטאָל איז,
צעגאַנגען, ווי שניי, זײַנען פעלדזן,
און ס'טוט נאָך זיך שמעלצן און שמעלצן...
זיך שמעלצן און שמעלצן...
. . . .

8. נאָך מער, ווי אין דער ביבל...

— „...א שלאַקסרעגן פון שוועבל —
א שלאַקסרעגן פון פײַער
אראָפּ איז פונעם הימל
און האָט פאַרגאָסן סדום"...
אָ־ווײ, ווי עס דערמאָנט מיר
די געטלעכע באַצאָלונג!

אזוי, ווי אין דער ביבל,
א גאנצע שטאָט קומט אום...
נאָך מער, ווי אין דער ביבל,
ווערט אלצדינג אויסגעריסן;
נאָך מער, ווי אין דער ביבל,
פארפלייצט איז אלץ מיט פלאם...

ווער האָט געקאָנט עס טראכטן,
ווער האָט געקאָנט זיך ריכטן,
אין איין געפעס זאָל שטעקן
אזויפיל ווילדע קראפט?..

אזויפיל בייזע קראפט?...

9. צוויי הונדערט טויזנט...

— כ׳האָב געמיינט, אז הונדערט נאָר,
און פארטיליקט — הונדערט טויזנט...
מע ט׳געזאָגט מיר: „ליבסט דייַן פאָלק,
מעגסטו, דארפסטו טייטן פרעמדע"...
כ׳האָב געמיינט, אז הונדערט נאָר;
און צו הונדערט כ׳בין געווינט שוין...
ס׳טרעפט אינמיטן פרישטיקן
טו איך אָפּ מייַן אויסראָט־ארבעט:
ברויט — א ביסן, מילך — א שלוק,

פלינק דעם טויט אראָפּגעוואָרפן
און געגעסן ווייַטער זיך
דעם געשמאקן, פרישן סענדוויטש...
כ׳האָב געטראכט, אז הונדערט נאָר,
מיטאמאָל — גאָר הונדערט טויזנט...
און סע שטייַגט נאָך, שטייַגט די צאָל,
יעדן טאָג עס שטארבן נייַע —
צוויי מאָל הונדערט טויזנט שוין!!..
ווער וועט מיך דערפון באפרייַען?..

10. די שקיִע...

א רויטער שקיִע־טעפעך שפרייט זיך איבערן אעראָדראָם,
עס שפּיגלט זיך די זון אין שויבן פון אנגארן,
און מייַנע אויגן זעען גאָר א שווידערלעכן שוואָם,
און מייַן געוויסן שרייַט: „דו ווערסט מיך מער ניט נארן!"...

זיך אָנגעהויבן האָט עס פון דער צאָל —
די פילקייַט האָט מיך פון מייַן גלייַכגעוויכט ארויסגעשלאָגן,
דערנאָך דערגאנגען איז צו מייַן געהער א קאָל,
וואָס האָט געהאט נאָך עפּעס גרויליקערס צו זאָגן —

ער האָט ארייַנגערוימט אין אויער מיר א סאָד:
„אומזיסט האָסטו פארשאפט אזוי פיל ווייטיק!
אומזיסט האָסטו פארלענדט אן אומשולדיקע שטאָט!
אָ, ווערמען, וועמען איז געווען עס נייטיק?..

דער פייַנט געווען איז סייַווי שוין באזיגט,
און דו ביסט מענטשן פרידלעכע באפאלן,
מיט טויזנטפאכער קראפט די מאכטהאָבער אנציקט,
געטייט מיט זעבארע און אומזעבארע שטראלן..."

אָ־ווי, ווי פלוצעם אויסגערונען ס׳איז מייַן גרויסע טאט!
ווי לעסטערונגען קלינגען די מיך לויבנדיקע ווערטער;
ס׳איז מייַן געדאנק צווישן קאָשמארן נאוונאד,
עס שלייַדערט אום מיך צווישן „העלד" און „מערדער"...

11. דער העלד...

— מייַן ברוסט איז באהאנגען מיט שווערע מעדאלן.
ארויס מיט געזאנג און מיט קלאנג פון פאנפארן
איז טעקסאס באגריסן איר „העלד נאציִאָנאלן".
וואָס וויל מען פון מיר?

די גאסן געפּוצטע מיט גרינס און מיט פֿאָנען,
די פענעמער טראָגן א נארישן שמייכל.
ווער וויל עס? ווער דארף עס? ווער בעט זיי דערמאָנען?
וואָס וויל מען פון מיר?

געשטאַנען איך בין צווישן זיי, ווי געקאָוועט,
געקוקט מיט פארגלעזערטע אָקסענע אויגן.
ווי שרעקלעך עס איז אזא גרויליקער קאָוועד...
וואָס וויל מען פון מיר?

דער שטאָט־מער גערימט האָט מײַן מוט און מײַן וואָפן —
די טייטער פון צוויי הונדערט טויזנט יאפּאַנער.
אינמיטן זײַן רעדע פון פּלאַץ כ'בין אנטלאָפן.
וואָס וויל מען פון מיר?

איצט ליג איך אין שײַער און ס'רינען די טרערן —
עס כליפּעט דער „העלד" אינעם היי אײַנגענורעט...
ווער דארף אזא רום? ניט געדאכט זאָל ער ווערן!
וואָס וויל מען פון מיר?..

12. באנאכט

— און וואָס מײַנע נעכט ציִען אויס זיך אלץ לענגער,
מיר ווערט אין זיי ענגער...

ליג איך אָן שלאָף און איך ווארט, ס'זאָל דער כוישעך צעפאלן,
שרעקט מיך די העלקײַט פון שטראלן.

שטיל...
עס פּאָרעט א מײַזל זיך אונטערן דיל.

גראבל זשע, מײַזעלע, שווין ניט מײַן רו!
איך שלאָף ניט, איך שלאָף ניט, איך הער זיך גוט צו...

דו דארפסט דאָך פארשטיין, ס'ארא גליק ס'איז צו הערן
א מויזישן קראַץ נאָך א דונער א שווערן...

געוועזן כ'בין די שטאָלץ פון די בעסטע פּילאָטן,
פון לויטערן הימל כ'האָב דונערס געשאָטן.

פארשפּרייט האָב איך פלאַם און געזייט האָב איך ווייטיק,
געטייט כ'האָב א שטאָט און געוועזן ס'איז ניט נייטיק!...

דערצו אזוי לײַכט נאָך: איין אויסדריי א גרינגער,
א צי אויס די האנט און איין דריק מיטן פינגער...

אָט איז ער, מײַן פינגער — דער שעפער פון גוואלדן.
ניין, כ'קאָן ניט מער! — מיד כ'בין אים אויסצובאהאלטן;

כ'מוז נעמען א האק, אים אָף שטיקער צעהאקן.
נישקאָשע, ס'וועט סטײַען מיר קראפט עס צו וואגן...

די האק איז אין קיך, און די קלאָץ — בא די שטאלן...
שלאָף־שלאָף!...

עס איז גאָרנישט... —
א שטול איז געפאלן...

13. דער אורטייל

— באשולדיקטער קלאָד איזערלי, עס איז דערוויזן,
איר האָט א שלאָס אראָפּגעריסן.
א צווייט מאָל האָט איר בא א שאָכן
א קליידער־אלמער אופגעבראָכן.
א דריט מאָל: א פארבײַגייער איר זײַט באַפאַלן,
א פערט מאָל: בא א קאַצעווּ קי ארויסגעפירט פון שטאַלן,
א פינפט מאָל: אויסגעזעצט וויטרינע־שויבן,
א זעקסט מאָל: שטארק צעשלאָגן, וועלנדיק בארויבן.
און דאָס מאָל שוין איר זײַט ארײַנגעפאלן,
ווען איר אין באר געמאכט האָט דרײַ מאָל נאָכאנאנד סקאנדאלן.

קלאָד איזערלי, איר ווערט באשולדיקט איצט אין רויבן, גאַנוועגען און שלאָגן.
וואָס האָט איר אונדז אף דעם צו זאָגן?

— באַזונדערס גאָרנישט. איך האָב נאָר צוצוגעבן:
זײַט וויסן, ריכטער, אז איך האָב פארניכטעט לעבן!

— דאָס הייסט, איר זײַט זיך מודה אויך אין מאָרד?

— ס'איז ניט דאָס צוגעפאסטע וואָרט...
איך האָב קיינעם ניט געמאָרדעט! מאָרד האָט הינטער זיך א ציל,
מאָרד איז דאַן, ווען הארגענען מע וויל.
איך האָב ניט געהאט קיין ציל און ניט געוואָלט...
אזוי טײַער, דוכט, באַצאָלט, און אלץ נאָך ניט באַצאָלט!

— באשולדיקטער קלאָד איזערלי, רעדט קלאָר,
אויב מודה זײַן, איז אלצדינג ביז א האָר!
דערמאָרדעט האָט איר ווער?

— איך ווייס ניט קיינעמס נעמען...

— טאָ זאָגט זשע ווו און ווען?

— איך האָב זיי ניט געזען!
איך ווייס ניט זייערע פארברענטע נעמען.
צי קאָן דען אײן זיקאָרן אזויפיל פארנעמען?
גענוג איז מיר, איך ווייס די צאָל —
צוויי הונדערט טויזנט מיטאמאָל!...

— באשולדיקטער קלאָד איזערלי, ס'איז אומווירדיק און פרעך
צונויפצומישן גרעסטן העלדנמוט מיט שאָפלן פארברעך!
איר ווערט באשולדיקט דאָ אין רויב, אין גנייווע און סקאַנדאַל.
אזוי־אָ וויטעקדיק פאר אונדז איז אײַער פאַל!
ווי קומען עס צו אײַך אזעלכע פינצטערע פארלאַנגען?
ווי זײַט איר צו פארברעך דערגאנגען??

— כ'בין ניט דערגאנגען, מע האָט מיך דערצו דערבראכט:
אן אויבער־אויסראָטער פון מיר געמאכט,
און אָפּגעזאָגט זיך פאר מײַן שרעקלעכן פארברעך מיך צו באַשטראָפן...

אף וואָס זשע, פרעג איך אײַך, בלײַבט מיר צו האָפן?
ווי זאָל איך מײַנע צוקינפטיקע טעג אויסלעבן?
ווער וועט די נויטוועגדיקע רו מיר געבן?
אויב כ׳וויל צוריקבאַקומען כאָטש א טייל נאָר פון מײַן שלאָף,
מוז איך דערוווערבן מײַן פאַרדינטע שטראָף,
מעג זײַן עס מיט דער הילף פון רויב, פון גנייווע, גזיילע, צי סקאנדאַלן,
קיין פּיצעלע פון איר ניט ווערן טאָר פאַרפאַלן!
כ׳וועל זוכן, בעטלען, קלײַבן, זאַמלען אָן א סאָף,
כ׳וועל אלצדינג טאָן אף צו באַקומען שטראָף!..

. . . .

— „אין נאָמען פון גערעכטיקײַט, אין נאָמען פון די שטאַטן,
קלאָד איזערלי איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע טאַטן —
אים האָט דער קלאָרער זין פאַראַטן״...

.14 * * *

אין לאָס־אַלאַמאָס דער אָוונט
ווערט אין שוואַרצער נאַכט פאַרוואַנדלט.
א פאַרכאַלעשטע לעוואָנע
צווישן גרויע וואָלקנס וואַנדלט.

איבער וויסטער כיראָסימע
שלענגלט זיך א שוואַרצער וואָלקן —
דאָס איז טרומענס בייזע כסימע,
וועלכע טוט די וועלט פאַרפאָלגן.

איזערלי זיצט הינטער שלעסער
פון צווילדעוועטן דולהויז,
און א צווייטער שלײַפט א מעסער
גרייט פאַר מענטשן טרונעס, קוליעס...

אין לעוואָנע־גלאַנץ דעם בלייכן
גרינלעך־געל די ערד, ווי כאַקי,
און אף איר צוויי קאַין־צייכנס:
כיראָסימע, נאַגאַסאַקי...

סעם ליפּצין

גערוירן אין 1893 אין שטעטל ליפּסק, סוואַלקער גובערניע. אין 1909 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1914. וווינט אין ניו־יאָרק.

אַ מענטש אַ מענטשן איז אַ וואָלף

(אַן אַמעריקאַנער דערציילונג)

פון וואָס איר זאָלט ניט אָנהייבן צו ריידן מיט מיסטער דזשעק זענבערגן, וועט ער אײַך גלײַך אַרײַנפּאָרן מיט די מילכאָמע־יאָרן. די מילכאָמע־יאָרן זײַנען פאַר דזשעקן געווען פון די גוטע צײַטן — ער קאָן זיי ניט פאַרגעסן.

* * *

ווען דזשעק איז אָנגעקומען צו זײַן פעטער אין דעם קליינעם שטעטל לעבן ניו־יאָרק, האָט דער פעטער א קוק געטאָן אויף דעם גאַסט און זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין: צו וואָס האָט ער אים גאָר געבראַכט אַהער?

— דאָ, — האָט דער פעטער גערעדט צו דער מישפּאָכע אין הויז, — דאַרף מען א רירעוודיקן מענטשן. אָבער וואָס וועט אַזאַ־אָ דאָ קאָנען טאָן?

— ער'ט זיך אויסלערנען די טוירע, — האָט די מומע באַרויִקט, — ער'ט קאָנען זײַן א פעדלער (א קאָראָבייניק), ווי אַלע אַנדערע פעדלער, און א דזשאַנק[1]־פעדלער — אַוואַדע און אַוואַדע.

אַז דזשעק האָט זיך איבערגעטאָן, זיך אָפּגעראַזירט און פאַרקעמט זײַן קוטשעראַווען קאָפּ האָר, האָט דער פעטער זיך אינגאַנצן באַרויִקט. ער איז איצט זיכער געווען, אַז דזשעק וועט ווערן א גוטער דזשאַנק־פעדלער.

דזשעק האָט באַם פעטער געקראָגן א זאַק, אים פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע און זיך אַרויסגעלאָזט האַנדלען. פאַרקויפט קליינינקייטן און געקויפט אַלטוואַרג. אַז דזשעק איז געוואָרן געניטער אין די געשעפטן, האָט ער געקראָגן פון פעטער א פערד־און־וואָגן.

ווען די וועלט־מילכאָמע האָט זיך צעפלאַקערט און דזשעק האָט געזען ווי מענטשן מאַכן גאָלד פון פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, האָט ער גענומען אַן אייגענעם זאַק און — זיך אַוועקגעלאָזט טאָן ביזנעס פאַר זיך.

די געשעפטן זײַנען אים אַוועק גוט. אַלטע שמאַטעס זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דאָלאַרן און שטיקער אײַזן, טשוהון — אין גאָלד און זילבער.

* * *

דזשעק איז געזעסן אויף דער וועראַנדע אין א וויגשטול מיט א דיקן ציגאַר אין מויל און געוואָרפן זײַנע כיטרע אויגן אויף די הורבעס אײַזן, וואָס זײַנען געלעגן אַרום הויז, און צו זיך געטראַכט:

„ווער ווייסט, וואָס זיי מאַכן פון דעם דזשאַנק, — האַרמאַטן, קאַנאָנען, צי עפּשער גאָר קוילן?

[1] דזשאַנק — אײַזנבראָך.

ער האָט דערבײַ א וואָרף געטאָן זײַן בליק צום בארג ברוכוואַרג און אויסגערופן צו זײַן ווײַב מיימי:

— ווייסט, איך האָב דאָ געגונג דזשאַנק פאַר א הונדערט קאַנאָנען, אפילו פאַר עטלעכע קריגסשיפן. זאָל נאָר גאָט געבן, אז די מילכאָמע זאָל אָנהאַלטן, וועלן מיר מאַכן ניט קיין שלעכטע ביזנעס.

מיימי, שוין א ביסל אַמעריקאַניזירט, ניט קיין נארישע, האָט געוווּסט, אז איר מאַן איז ניט קיין איבעריקער כאָכעם, דערפאַר טאַקע איז זי געווען זייער פּראַקטיש מיט א וואָרט, אָבער דאָס מאָל האָט זי ניט געקאָנט פאַרשווײַגן.

— מיך שרעקט די מילכאָמע. מיר האָבן דאָרט אויך אייגענע...

דזשעק האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן און זיך צעבייזערט:

— א שיינער פּאַטריאָט פון אַמעריקע. מע הארגעט די סאָנים, טראַכט זי גאָר פון אייגענע...

א פאַרטראַכטע איז מיימי אוועק אין קיך. דזשעק האָט זיך צעוויגט אין שטול און געלאָזט שטאַרקער דעם רויך אינדערלופטן.

— הערסטו, מיימי, — האָט ער זיך אופגעהויבן פון דעם שטול און אוועק צום ווײַב אין קיך אַרײַן, — ווי מיינסטו? איך קלער, אז דעם דזשאַנק טאָר מען ניט פאַרקויפן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אז די פּרײַזן וועלן זיך נאָך הייבן...

מיימי קוקט אים אין די אויגן אַרײַן און, ניט וועלנדיק זיך שפּאַרן מיט אים, ענטפערט זי מיט אונטערטעניקײַט:

— וואָס פרעגסטו מיך, איך קאָן דיר דען עפּעס זאָגן?

דזשעק איז זייער צופרידן פונעם ווײַבס ענטפער. ער וויל איר ווידער באַווײַזן זײַנע פייַקײַטן אין געשעפט. גיט ער זי א שלעפּ פאַרן קלייד און רעדט צו איר שטיל:

— מיימי, איך וויל, אז דו זאָלסט אויך וויסן. מיר זײַנען באַזאָרגט זײַנען מיר! זעסט דאָס־אָ, — ווײַזט ער אָן אָף די דזשאַנק־הורבעס, — דאָס איז נאָך גאָרניט...

מיימי קוקט אָף אים מיט פאַרוואונדערטע, קימאַט צעשראָקענע אויגן. דאָס ערשטע מאָל, אז דזשעק רעדט צו איר אַזוי ווי מיט זײַנס א גלײַכן. אירע אויגן פרעגן:

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

דזשעק קוועלט פון זיך אליין:

— מיימי, מירן אינגיכן אויך האָבן דעם פעטערס דזשאַנק... שאַ נאָר, שאַ. דאָס גאַנצע ברוך פון פעטער איז שוין אָט אָ דאָ־אָ באַ מיר אין קעשענע...

— וואָס רעדסטו? — שטעלט זיך מיימי אוף פון שטול, און אָף איר פּאָנעם באַווײַזט זיך שרעק, געמישט מיט פרייד, — וויאַזוי?

דזשעק זעצט זי ווידער אוועק:

— כ'האָב באַשלאָסן דיר דערציילן... פאַרלאָז זיך אָף מיר, — וואַרפט ער די ווערטער צוזאַמען מיטן רויך פון ציגאַר, וואָס שלאָגט איר שטאַרק אין פּאָנעם אַרײַן. — איך, פאַרשטייסטו מיר, האָב אוועקגעשריבן צו מײַן ברודער אין ניו־יאָרק, — אָבער געדענק, עס זאָל נאָר זײַן שאַ! — ער זאָל מיר גלײַך אַרויסשיקן אַזאַ־אָ טעלעגראַמע: דזש. זונענבערג, פאַרקויף גלײַך דײַן דזשאַנק, וואָס דו האָסט באַ זיך. די מילכאָמע ענדיקט זיך, פּרײַזן פאַלן. אונטערגעשריבן: אינ־פאָרמאַציאָנס־ביוראָ, ניו־יאָרק". נו, וואָס זאָגסטו אָף אַזאַ אײַנפאַל?

מיימי בלײַבט זיצן פאַרגליווערט און רעדט אַרויס שטיל, ווי צו זיך:

— נו, איז וואָס?

— פאַרשטייסטו טאַקע גאָרניט קיין ביזנעס, — גיט זיך דזשעק האַסטיק א וויג אין שטול און קערט זיך שיר ניט איבער אָף מיימין. — וואָס פאַרשטייסטו ניט, איך האָב געשריבן מײַן ברודער, ער זאָל מיר שיקן די טעלעגראַמע אָפן פעטערס אַדרעס...

* * *

דזשעק מיטן פעטער האָבן א לענגערע צײַט ניט גערעדט איינער מיט דעם אַנדערן. דער פעטער איז געווען זייער בערויגעז אָף דזשעקן און פלעגט זיך אָפּט באַקלאָגן פאַר די שכיינים:

— איך האָב געבראַכט אים אַהער, געגעבן א זאַק, א פערד־און־וואָגן; געמאַכט אים פאַר א מענטשן. גייט ער איצט און ווערט א גאַנצער כאָכעם! כאַפּט באַ מיר אוועק די ביזנעס פון אונטער דער נאָז.

גאָר ווען דער פעטער האָט דערהאַלטן די טעלעגראַמע פאַר דזשעקן, האָט ער זי עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד דורכגעלייענט, ווי ער וואָלט זײַנע אויגן ניט געגלייבט. ער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, פאַרברענט דאָס פּאַפּירל און אכטונג געגעבן, אז אפילו דאָס אַש פון דער טעלעגראַמע זאָל ניט פליִען אין דזשעקס ריכטונג...

יענעם אָוונט טאַקע האָט דער פּעטער געכאַפּט אַ שפּאַציר פֿאַרבײַ דזשעקס הויז... אַז ער האָט אַ דרײַ־פֿיר מאָל דורכגעשפּאַנט די גאַס און קיינעם ניט באַגעגנט, האָט ער זיך גוט אויסגעהוסט, אַרומגעוווישט דאָס קליינע גרוילעכע בערדל און אָנגעקלאַפּט צו דזשעקן אין דער טיר.

ווען מיימי האָט פֿאַר זיך דערזען דעם פּעטער, האָט דאָס האַרץ איר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן.

דער פּעטער האָט טאַמעוואַטע אַ ברום געטאָן זיך אין בערדל אַרײַן:

— שרעק זיך ניט, איך בין געקומען מיט אײַך זיך מעיאַשעוו זײַן. מ־מ־מײַנע, אַ געזונט אױף איר, און אויך די קינדער, ווילן זיך אַריבערקלײַבן אין שטאָט. איך אַליין וואָלט שוין אויך געוואָלט אַוועק...

דזשעק איז אַרײַנגעקומען. ער האָט זיך אַ ווײַלע ווי פֿאַרלאָרן. מיימי האָט האַלב שטאַמלענ־דיק געזאָגט:

— הערסטו, דזשעק? דער פּעטער קלײַבט זיך אַריבער אין שטאָט.

אױף דזשעקס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ שמייכל. דאָס איז געווען אַ שמייכל פֿון אַ יעגער, וואָס האָט אַרײַנגעכאַפּט אַ פֿוקס אין פּאַסטקע.

ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען, אויסגעווישט די האַנט אָן דעם הינטערשטן טייל פֿון די קויטיקע הויזן און דערלאַנגט דעם פּעטער אַ שאָלעם־אַלייכעם.

מיימי איז אַוועקגעלאָפֿן אין קיך עפּעס צוגרייטן. ביידע מאַנצבלען האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי צוויי הענער, די אויגן האָבן גערעדט: „ענדלעך, האָב איך דיך געפּאַקט”...

דזשעק האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און געשוויגן. ער האָט געוואַרט אױף מיימין: ווען זי וועט אַרײַנקומען, וועט ער אָנהייבן ריידן, און זאָל זי זען, ווי זײַן קאָפּ אַרבעט קלוג...

ווי נאָר מיימי האָט זיך באַוויזן מיט אַ טאַץ פּרוכט אין די הענט, האָט טאַקע דזשעק אָנגעהויבן:

— איז וואָס, פּעטער, קאָן איך טאָן אױף אײַך צו העלפֿן?..

דער פּעטער האָט אַ זיפֿץ געטאָן און מיט אַ געמאַכטער מינע פֿון געפֿאַלנקײַט אַרויסגע־קרעכצט:

— ווייסט דאָך, דזשעק, איך האָב אַ סאַך אײַזנברוך. אָבער ס'איז ניט פֿאַר מײַנע קויכעס איצט צו ספּעקולירן. די מילכאָמע גייט אָן, פּרײַזן שטײַגן, מ'קאָן מאַכן אַ דאָלער, אָבער דאָס ווײַב, די קינדער...

דזשעק האָט אויך קלוימערשט אַ זיפֿץ געטאָן. זיי האָבן פֿון אַ זײַט געקוקט איינער אױפֿן אַנדערן, ווי צוויי גאַנאָווים, וואָס ווילן איינער דעם צווייטן פֿאַרשווינדלען...

— פֿאַרשטייסט, — האָט דער פּעטער גענומען ווידער ריידן, — איך וואָלט ניט וועלן, אַז מײַן דזשאָנק זאָל אַרײַנפֿאַלן צו אַ פֿרעמדן... איז, מיילע, נו, קויף דאָס אָפּ. דו וועסט שוין וויסן, וואָס צו טאָן מיט דעם.

אױף דזשעקס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ פֿרייד, זײַנע אויגן האָבן גערעדט צו מיימין:

„שײַעך, צי איך וועל וויסן, וואָס צו טאָן מיט דעם, ווער דען קאָן נאָך אַזוי וויסן, ווי איך?”

ער האָט זיך צוגעזעצט צום פּעטער, גענומען קוועטשן מיט די פּלייצעס, מאַכן אָן אָנשטעל:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, פּעטער, — דערבײַ האָט ער זיך גענומען קראַצן אין פּאַטיליצע, — דאַרפֿן דאַרף איך דאָס אַפֿילע ניט, ווײַל... מיימי, וואָס זאָגסטו?

מיימי האָט, ווי שטענדיק, געענטפֿערט:

— דו ווייסט דאָך בעסער פֿון מיר... טו ווי דו פֿאַרשטייסט...

דאָס געשעפֿט איז געמאַכט געוואָרן. דזשעק און דער פּעטער זײַנען זיך צעגאַנגען צופֿרידענע.

אינגיכן האָט דזשעק אַריבערגעפֿירט דעם גרויסן סקלאַד אײַזן, קופּער, גומי און אַנדער ברוך צו זיך אין הויף. אַ צעהיצטער, האָט ער אַרומגעשפּאַנט פֿון איין הורבע צו דער צווייטער, ווי אַ האָן מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ איבער קופּעס מיסט... דערבײַ האָט ער געשריִען צו מיימין דורכן פֿענצטער:

— ווי געפֿעלט דאָס דיר, מיימי? וואָס זאָגסטו אױף מײַן קאָפּ? הא, ער אַרבעט...

ווען דזשעק האָט געלייענט די נײַעס אין די צײַטונגען, אַז די מילכאָמע ווערט שטאַרקער און די פּרײַזן אױף דזשאָנק שטײַגן, האָט ער מאַמעש אָנגעקוואָלן. דערבײַ פֿלעגט ער פֿאַר די שכיינים דערציילן, וויאַזוי זײַן פּעטער האָט אים געוואָלט אָפּנאַרן...

בוזי מילער

אַ מוזיקאַלישע נאָוועלע

דער יונגער מוזיקער האָט פאַרבראַכט צוגאַסט בא די עלטערן עטלעכע געציילטע טעג. ער האָט זיך געײַלט אומקערן אין דער שטאָט, ווו ניט לאַנג פאַר דעם האָט ער פאַרענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע און ווו מע האָט אים, אַ פייקן פּיאַניסט, פאַרבעטן אינעם אָפּערע־טעאַטער.

טאַטע־מאַמע, שוין ביידע פּענסיאָנערן: ער — אַ געוועזענער מײַסטער פון דער ניי־פאַבריק, זי — אַ ביבליאָטעק־טוערין, האָבן געקליבן נאַכעס פונעם גערעטענעם זון און ס׳האָט זיך זיי זייער געוואָלט, אַז פעליקסל (פאַר זיי איז ער נאָך אַלץ, ווי גאָר אַמאָל, ווען מע פלעגט אים פירן פאַר אַ הענטל, געוועזן פעליקסל) זאָל פאַרן אוועקפאָרן שפּילן אַ ביסל פאַר פרײַנט און באַקאַנטע.

קיין ראָיאַל האָבן די עלטערן ניט געהאַט. אָבער אין דעם אָרטיקן ראַדיאָ־קאָמיטעט איז מען גערן אײַנגעגאַנגען, מע זאָל אַלע פאַרבעטענע אײַנלאַדן אין דער ראַדיאָ־סטודיע, ווו מע האָט זיך טאַקע געקליבן פאַרשרײַבן אַ קאָנצערט פונעם יונגן פּיאַניסט.

ווען די עלטערן האָבן אים צום ערשטן מאָל געזאָגט, אַז זיי ווילן, ער זאָל שפּילן פאַר באַקאַנטע, האָט פעליקס, ווי קינדוויַיז, שטאַרק אַ צי געטאָן אַרוף די אונטערשטע פּוכקע ליפּ און אַ קאַרגן שמייכל געטאָן:

— באַווײַזן מיך? אַף כאַריפּעס?

די מאַמע האָט אַף אָט דער פראַגע ניט געענטפערט. נאָר דער פאָטער, אַ באַליידיקטער, האָט זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס עפּעס אַף כאַריפּעס? מענטשן ווילן הערן דײַן שפּילן.

— וועלכע מענטשן?

— מײַנע פרײַנט, דער מאַמעס, דײַנע כאַוויירים אויך...

אַף מאָרגן, פעליקס האָט זיך נאָרוואָס אופגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער צוגעלאָפן צו דער מוטער, זי אַרומגענומען און אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן:

— בערויגעז, האַ? איך וועל שפּילן, מאַמע, איך וועל שפּילן...

אינעם טאָג פון קאָנצערט האָט אין דער סטודיע זיך צונויפגעזאַמלט אַ היפּשער עולם. גריסנדיק זיך מיט דעם טאַטנס און דער מאַמעס פרײַנט, וואָס אַלע געדענקען זיי אים נאָך גאָר אַ קליינינקן, — האָט פעליקס געשפּירט אַ מאָדנעם אומרו. פאַר אָט די אַלע מענטשן, האָט ער געטראַכט, שטייט דאָך אים פאַר, אייגנטלעך, צו האַלטן באַלד אַן עקזאַמען, מעגלעך, אַ מער ערנסטן, ווי מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק דאָרט, אין קאָנסערוואַטאָריע.

פעליקס האָט מיטאַמאָל דערפילט זיך שולדיק פאַר די פרויען און מאַנצבלען, וואָס זײַנען איצט געשטאַנען אַרום אים, — צווישן זיי זײַנען געווען אויך זײַן לערערן פון די ייִנגערע קלאַסן און די ערשטע מוזיק־לערערן. אין דער ווײַטער אַלטער שטאָט, ווו ער האָט די לעצטע יאָרן געלעבט, האָט ער, אַ פאַרנומענער מיט זײַנע איניאָנים, זייער זעלטן געטראַכט וועגן דער יונגער שטאָט אַפן ווײַטן מיזרעך — זײַן היימשטאָט. און פאַר דער צײַט, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, האָבן זיי, זײַנע לאַנדסלײַט, אַזויפיל אופגעטאָן, אַדאַנק זייער האָרעוואַניע איז די שטאָט זיך שיין פאַנאַנדערגעוואַקסן, האָט זיך אָנגעטאָן אין גלאַטן אַספאַלט, אין גרינע סעדער און אין סקווערן. ווען ער איז פונדאַנען אוועקגעפאָרן, איז נאָך ניט געווען דער צווײשטאָקיקער מויער, אין וועלכן ער גרייט זיך איצט שפּילן פאַר דעם עולעם. און אָט יענע פירשטאָקיקע הײַזער, איבער וועלכע עס פליִען איצט אַרום אַזוי רויק ווײַסע טויבן, זײַנען אויך ניט געווען... אַף דער צווייטער זײַט בריק האָט די גרינע אַלטע סאָפּקע זיך נאָך ניט געצילט אין הימל מיט אָט דער דינער טעלע־וויזיע־אַנטענע...

א הויכוווקסיקער, ענלעך אױפֿן פֿאָטער מיט די ברייטע אקסלען און אױף דער מוטער מיטן בלאסלעכן געזיכט און ווייך־געקרײַזלטע האָר, איז פֿעליקס געשטאַנען צווישן אוילעם, זיך געגריסט מיט די צוקומענדיקע, און אן עטוואָס צעשטרייטער שמייכל האָט געבלאָנקעט אױף די נאָך קינדעריש־פּוכקע ליפּן.

מיט אָט דעם געפֿיל פֿון עפּעס א שולד פֿאר זײַנע לאַנדסלײַט האָט דער יונגער מוזיקער, ווען אלע האָבן פֿאַרנומען זייערע ערטער אינעם מיטאמאָל ענג געוואָרענעם זאל פֿון דער סטודיע, זיך געזעצט צום ראָיאַל.

צוערשט ניט גאָר דרייסט, דערנאָך פֿרײַער, האָפֿערדיקער האָבן זיך א טראָג געטאָן פֿון אונטער זײַנע פֿינגער די קלאַנגען פֿון ראַכמאַנינאָווס פּרעליודיע. אינעם שפּילן האָט פֿעליקס זיך געפֿלײַסט ארײַנלייגן אלץ, וואָס ער האָט אויסגעלערנט פֿאר אָט די יאָרן. אלץ, וואָס ער האָט געקענט.

אין סאַמע ווינקל פֿון זאל, ניט גאָר באַקוועם צוגעפּאַסטעטע זיך אױפֿן בענקל, האָט אױפֿמערקזאם זיך אײַנגעהערט אין דער מוזיק אן עלטערער מענטש — א באַוווּסטער מײַסטער פֿונעם היגן מאשינבוי־זאַוואָד, איינער פֿון זײַנע ערשטע בויער.

ניט ווײַט פֿון אים איז גאַנץ ברייטלעך געזעסן, האַלטנדיק די קורצע הענט אױפֿן בויך, א גראָבינקער, זשוואַווינקער פּאַרשוין מיט זייער א לעבעדיקן גוטמוטיקן בליק, א מענטש, וואָס לאַכט זיך אויס פֿון א סאך זאכן אױף דער וועלט און בעסויכאָם פֿון זײַן אייגענער עלטער... מיט א סאך יאָרן צוריק, א קאָמיוגיסט נאָך, האָט ער אָרגאַניזירט די ערשטע קאָלווירטן דאָ אין געגנט. אצינד איז ער דירעקטאָר פֿון א גרויסן געהילץ־זאַוואָד.

פֿעליקס האָט געשפּילט, אז אָט די צוויי מענטשן, ווי אלע זײַן טאַטע־מאַמעס אלטע פֿרײַנט, וואָס זײַנען דאָ געזעסן, זײַנען געקומען אהער דערפֿאר, ווײַל זיי ווילן וויסן, צי האָט ער, זייער לאַנדסמאַן, ניט אומזיסט געפֿאַטערט די צײַט, בייס זיי זײַנען געווען איבערן קאָפּ פֿאַרנומען מיט בויען יישובֿים, זאַוואָדן, קאָלווירטן...

מיט דער גאַנצער פֿײַנקײַט, אױף וועלכער ער איז פֿייִק, האָט פֿעליקס זיך געפֿלײַסט דערטראָגן צו זײַנע לאַנדסלײַט דאָס, וואָס ער האָט געשפּילט, פּונקט ווי הערן זאָל אים דאָ אן אַודיטאָריע פֿון לויטער פּראָפֿעסיאָנעלע מוזיקער...

אינדערעמעסן, זײַנען עכטע פֿאַכקענער אין זאל געווען בלויז צוויי — זײַן ערשטע, אצינד שוין ווײַט ניט קיין יונגע, מוזיק־לערערן, און דער באַוואָרטער טעאַטער־קריטיקער, וואָס איז באַוווּסט אין שטאָט, ווי א מענטש א בײַסיקער און א ביסל אן אָפּשפּעטער. ער איז געזעסן נאָענט צום ארויסגאַנג, מיט אן אויסזען פֿון איינעם, וואָס האָט זיך פּאָשעט צופֿעליק ארײַנגעכאַפּט אהער און איז גרייט יעדע מינוט, ווי נאָר עס וועט אים ווערן ניט אינטערעסאַנט, אוועקגיין. די קליינע, טיף ארײַנגעזעצטע שוואַרצע אויגן האָבן פֿון אונטערן הויכן שטערן, ווי פֿון א באַהעלטעניש, בייזלעך ארויסגעקוקט.

פֿעליקס האָט א צײַט געשפּירט אױף זיך אָט דעם בליק. דאָס האָט אים געשטערט שפּילן. מיט א שטאַרקער ווילן־אָנשטרענגונג האָט ער דעם בליק, ווי עפּעס לעבעדיקס, פֿון זיך אראָפּגעוואָרפֿן. דערנאָך, אלץ מער ארײַנגעטאָן זיך אינעם שפּילן, האָט ער שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן אים.

די טיר אין קאָרידאָר איז געווען ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט. דאָך האָט פֿונעם העל געפֿאַרבטן סופֿיט מיט דער גרויסער ליוסטרע, אן אָנגעשפּיקעוועטער מיט בלענדיקע עלעקטרישע לעמפּלעך, און פֿונעם רויטן גראָבן טעפּעך אױפֿן דיל געשפּאַרט מיט דושנער היץ. ווי ניט פֿילנדיק זי, אלץ מער ארײַנציִענדיק זיך אינעם שטאַרקן יאָמטעוודיקן שטראָם, וואָס עס ברענגט מיט זיך אלעמאָל די קונסט, זײַנען די צוהערער געזעסן פֿאַרטיפֿט — ווער מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן, ווער, פֿאַרקערט, מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן, געווענדטע צו די שווינדלדיקע פֿינגער פֿונעם פּיאַניסט.

אין שאָטן, א קלייניגקע, קימאַט ניט ארויסצוזען, דער עלנבויגן אױף א קני, דאָס בלאַסע פּויסטל — אונטערן קין, איז געזעסן פֿעליקסעס ערשטע שול־לערערן. אצינד, אונטער די שטורמישע קלאַנגען פֿון דער פּרעליודיע, איז בא איר זייער בוילעט אויפֿגעשווומען אין זיכּאָרן:

...אױף דער צווייטער פּאַרטע אין ערשטן קלאַס זיצט א שוואַרץ פּעסט ייִנגעלע מיט בעקלעך, ווי פּאַמפּושקעס. פֿון האַסמאָדע בלאָזט ער אָן די בעקלעך נאָך מער, שטעלט אויש ארויס א שפּיץ צונג, אקוראַט אופֿשרײַבנדיק פּאַסיקל נאָך פּאַסיקל אין צעווירעטן העפֿט... יענץ אומבאַהאָלפֿן ייִנגעלע און אָט דער פּיאַניסט, וואָס פֿון אונטער זײַנע פֿינגער פֿליִען אוף אצינד אָט די מעכטיקע טענער, — איין מענטש! געשיקט זיך? אױף א ווײַלע האָט זי אפֿילע אָנגעכאַפּט א שרעק. וויפֿל יאָרן זײַנען פֿון דעמלט פֿאַרגאַנגען?..

דאָס ברייטלעכע מויל צעעפֿנט, נעמט ניט אראָפּ איר בליק פֿון פֿעליקסן א הויכע, דאַרע עלטערע פֿרוי מיט א טונקעלער בראָדעווקע אױפֿן געזיכט. זי באַנעמט קנאַפּ, וואָס ער שפּילט, נאָר איר איז פּאָשעט געפֿעלן, וואָס אזויפֿיל מענטשן הערן זיך אײַן מיט א פֿאַרכאַפּטן אָטעם... וויפֿל מאָל,

ווען פעליקס איז נאָך געווען א ברעקל און די עלטערן פלעגן אים איבערלאָזן, זי זאָל אַף אים אכטונג געבן, פלעגט זי, די שכיינע, — ער זאָל א ביסל וויניקער וואיעווען, — אים אַרײַנטיילן די פײַנע שמיצלעך, וווהין מע דאַרף... און אָט...

די סאַמע אופמערקזאַמע צוהערערן איז דאָ געווען, פאַרשטייט זיך, פעליקסעס מוזיק־לערערן. זי האָט אפילע עטוואָס געשטערט אַנדערע: אָט פאַמעלעך, אָט גיכער, און אָט, מיטאַמאָל, גאָר־גאָר גיך האָט זי געשאָקלט מיטן קורץ אונטערגעשוירענעם קאָפּ. אירע ליפּן האָבן אָן אופהער עפּעס געמורמלט. ווי א פילבאַרע קלאַוויר, האָט זי געפּלאַטערט מיט אַלע איוורים צום טאַקט...

פעליקס האָט ענערגיש א וואָרף געטאָן מיט די האָר — אַף א ווײַלע זײַנען זיי אים אַראָפּגע־פאַלן איבער די אויגן — און האָט מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט די הענט... איבער דער ריין ראַזירטער באַק, באַם שלייף, האָט אַראָפּגעגלאַנצט א שנירל שוויס... דער אוילעם האָט אַפּלאַדירט.

אין איבעררײַס האָבן אַלע א שפּאַר געטאָן אין קאָרידאָר אַרײַן, זשעדנע אַרײַנגעצעמט די פרישע לופט, וואָס האָט אין דער צעעפנטער טיר געשטראָמט פונעם קילן אָוונטיקן דרויסן.

צו פעליקסן איז צוגעגאַנגען די מוטער, מיט א ווײַס זײַדן טיכל א וויש געטאָן פון אים דעם שוויס, שטום זיך אײַנגעקוקט מיט אן אומרויִקן בליק, א פאַרטרערטן פון נאַכעס, צי האָט ער זיך ניט שטאַרק אײַנגעמידט, צי איז ער צופרידן?

מע האָט אים אַרומגערינגלט. דער פאָטער האָט אויך געוואָלט צוגיין, נאָר דערזען, אַז ער וועט זיך ניט דורכשטופּן, איז ער געבליבן שטיין אין א זײַט. נישקאָשע, ער וועט באַווײַזן... עפּעס גאָר אַף א ווײַבערישן אויפן האָט מיטאַמאָל בא אים אָנגעהויבן טרערן אן אויג...

אונטערהייבנדיק זיך אַף די שפּיצפינגער, האָט דער טעאַטער־קריטיקער לײַכט א פּאַטש געטאָן פעליקסן אין אַקסל:

— פײַן, יונגערמאַן, פײַן...

אָבער די טיף אַרײַנגעזעצטע קויל־שוואַרצע אויגן האָבן בעשעסמײַסע געוואָלט, דוכט זיך, זאָגן גאָר עפּעס אַנדערס. צי עפּשער האָט עס פעליקסן זיך אויסגעדאַכט? הײַנט האָט ער פאַר אָט די מענטשן געוואָלט שפּילן אַזוי, ווי ער האָט קיינמאָל ניט געשפּילט. צי האָט זיך עס אים אײַנגעגעבן? אָט דער קריטיקער, דער מייוון אין קונסט, טרײַבט פון אים געוויס לעצאַנעס...

לעצאַנעס הערט זיך אין זײַן דומפּלעך צוגעטויבטער שטים:

— וועגן אײַער אינסטרומענט, וועגן ראַיאַל, האָט אַמאָל גוט געזאָגט רובינשטיין, — איר וויסט געוויס...

— איך מיין, — האָט ער צוגעגעבן, — דעם גרויסן אַנטאָן רובינשטיין...

דער קריטיקער האָט אָנגעשטעלט אַף פעליקסן א בליק, וואָס האָט געהאַט צוויי אויסדרוקן מיטאַמאָל. איינער: „געוויס ווייסטו, עס איז דאָך עלעמענטאַר"... דער צווייטער: „אײַ, דו הייבסט, דוכט זיך, ניט אָן צו וויסן... איר, די הײַנטיקע, כאַפּט דאָך אַלץ פון אויבן־אויף..."

פעליקס איז געשטאַנען עטוואָס מעוווּלוול, מיטן אויסזען פון א מענטשן, וואָס אינמיטן לייזן א קאָמפּליצירטע אופגאַבע פון הויכער מאַטעמאַטיק שלאָגט מען אים איבער מיט א פראַגע: „וויפל וועט זײַן צוויי מאָל צוויי?"

ער האָט א קנייטש געטאָן מיטן אַקסל:

— רובינשטיין האָט א סאַך געשריבן וועגן מוזיק...

— נו יאָ, — האָט געענטפערט דער קריטיקער. — נאָר וועגן ראַיאַל, ווי איר ווייסט, האָט ער געזאָגט אַזוי: „איר מיינט, דאָס איז איין אינסטרומענט? ניין, דאָס זײַנען הונדערט אינ־סטרומענטן!"

— האַ! — פעליקס האָט זיך צעלאַכט. — אונדזער פּראָפעסאָר פלעגט אויך ליב האָבן איבער־כאַזערן אָט די ווערטער.

דעם קריטיקער איז ניט געפעלן געוואָרן אָט דאָס געלעכטער. ער האָט בייזלעך געזאָגט:

— פאַרגעסט אָבער ניט: הונדערט אינסטרומענטן האָט אין זיך פאַרמאָגט זײַן ראַיאַל — רובינשטיינס... ווי אויך ליסטס, ראַכמאַנינאָווס...

נאָכדעם, לײַכט א רײַב טוענדיק איינע אין דער אַנדערער די בלאַסלעכע ליפּן, האָט ער א זאָג געטאָן:

— נישקאָשע, אײַער ראַיאַל פאַרמאָגט שוין אין זיך אויך א צען אינסטרומענטן...

ער איז אָפּגעגאַנגען אין א צווייטן ווינקל, וווּ עס זײַנען געשטאַנען אין א רעדל און גערייכערט עטלעכע מיטאַרבעטער פון דער היגער מוזיק־שול און פון דער ראַדיאָ־סטודיע. צו פעליקסן איז פון דאָרט דערפלויגן: „לעגאַטאָ", „אָקטאַווע", „טושע"... מע האָט, ווײַזט אויס, דאָרט גערעדט וועגן זײַן מוזיקאַלער טעכניק. דער קריטיקער האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך.

דאָס וואָרט „טעכניק", — האָט ער געזאָגט, — שטאַמט פונעם גריכישן „טעכנע", און דער באַטײַט פון „טעכנע" איז — קונסט...

פעליקס האָט אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי וויל אים יענער לויבן, צי ער באַווייזט פּאַשעט זײַנע אייגענע קענטענישן.

דער איבערײַס האָט זיך געענדיקט, אַלע זײַנען שוין ווידער געווען אין זאַל.

א פאַרגליווערטע איז פעליקסעס האַנט א רעגע געהאַנגען אינדערלופטן, דערנאָך האָבן אַלע פינגער זיך לײַכט אַראָפּגעלאָזט אַף דער קלאַוויאַטור. אין די קלינגענדיקע אינגעווײדן פון ראַיאַל האָט גלײַך הילכיק א רודער געטאָן, ווי א פרילינגדיקער דונער זאָל זיך אָפּרופן ערגעץ פונווײַטן, דערנאָך ווערן נעענטער, נעענטער... און אָט בושעווען שוין אַליאַרמירנדיקע קלאַנגען — א הוראַגאַן, א באַרג־געוואַלגער, און עס דוכט: באַלד וועלן זיך אָנהייבן שפּאַלטן אַלע הימלען מיטאַמאָל...

דערנאָך זײַנען די מעכטיקע אַקאָרדן פּאַמעלעך אײַנגעשטילט געוואָרן.

שטילער, שטילער...

נאָכן געוויטער האָט אַרויסגעקוקט די זון, זיך א שפּיגל געטאָן אין רויק־זויבערן וואַסער...

מיטאַמאָל איז דער פּיאַניסט צוגעפאַלן מיט ביידע הענט צום לינקן ווינקל באַם ברעג פון דער קלאַוויאַטור, א ווײַלע זיך דאָרט פאַרהאַלטן, מיט א צוגענויגטן קאָפּ זיך אײַנהערנדיק אין די פליעסקענדיקע טרעלן, און ווידער — א הייב דעם קאָפּ, און ווידער שוועבן שוין זײַנע פלינקע פינגער אַזוי, אַז עס שווינדלט אין די אויגן, קוקנדיק אַף זיי...

גיך־גיך, צום טאַקט, שאָקלט צו מיטן קאָפּ די אַלטע מוזיק־לערערן...

דער קריטיקער זיצט האַלב צוגעמאַכט די אויגן. ער ציילט מער ניט קיין אינסטרומענטן... יאָ, דאָס איז ליסט. דאָס איז ער — מיט זײַן דראַנג, לעבנסדורשט, לײַדנשאַפטלעכן שווונג...

עס דונערן וואַסערפאַלן. עס וויגן זיך אָקעאַנען — מענטשלעכע לעבנס, טרוימען, פאַרלאַנגען, קאַמף פאַר פּאַשעט מענטשלעך גליק...

דער קריטיקער איז איצט מעקאַנע דעם יונגן פּיאַניסט אַף זײַן פרײַען הערשן אין אָט דער וועלט פון קלאַנגען... ער האָט זיך דערמאָנט זײַן אייגענע ווײַטע יוגנט באַלד נאָך דער רעוואָליוציע — א הונגעריקע יוגנט, נאָר א פריידיקע, א פולע מיט איבעראַשנדיקע, צוערשט אַנטפּלעקטע מעגלעכקײַטן. אַלע וועגן, אַלע טירן — אופגעפּראַלט! שפּאַן, זון, געפין! מע האָט דעמלט געדאַרפט קענען אויסקלײַבן. ער האָט עס, ווײַזט אויס, ניט געקענט. אים האָט זיך געוואָלט פאַרכאַפּן אַלץ פאַראַמאָל — טעאַטער, מאָלערײַ, מוזיק... נאָר אַף קיין איין שוועל האָט ער זיך ניט פאַרהאַלטן. און אָט איז ער אַצינד — א מיוון, אַף אַלץ נאָר א מיוון...

וועגן עפּעס אירס, טיף־אייגנס, האָט זיך פאַרטראַכט די פרוי מיט דער בראָדעווקע אַפן בלייכן געזיכט. ניט צו וויסן, פאַרוואָס, האָט זי איצט זיך דערמאָנט אינעם מאַן. ער איז געווען א מוליער, געלייגט אויוונס, געשטעלט ווענט. שוין לאַנג, א יאָר דרײַסיק צוריק, אַז ער איז אומגעקומען. אין א רעגנדיקן טאָג זיך אַראָפּגעריסן פון א גליטשיקער רישטעוואַניע פון א ניט דערבויטן דריטן שטאָק... מע האָט געשטעלט די ערשטע שול אין אָט דעם נאָך דאַן גאָר יונגן יישעוו. שפּעטער האָט מען צוגעבויט נאָך א שטאָק. די שול שטייט ביז איצט און וועט נאָך לאַנג שטיין. איר טאָכטער האָט דאָרט פאַרענדיקט צען קלאַסן, אַצינד לערנען זיך אין איר די אייניקלעך. פעליקס איז אויך געלאָפן מיטן רענצל אין אָט דער שול...

פאַרוואָס זי האָט וועגן דעם זיך גראָד איצט דערמאָנט, האָט זי ניט פאַרשטאַנען...

פעליקסעס פאָטער, וואָס האָט אין אָנהייב איפּערזיכטיק איבערגעפּירט די אויגן פון איין צוהערער אַפן צווייטן: „וואָס טראַכטן זיי — דער און יענער — וועגן זונס שפּילן", האָט אַצינד אַף קיינעם מער ניט געקוקט. נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם שווערן קאָפּ מיט די האַלבצוגעמאַכטע, שטאַרק אָנגעבריאַקנעטע אויגן־לעפּלעך, איז ער געווען פונדאַנען ווײַט. ער האָט זיך געזען אין פעליקסעס עלטער, אַף יענער זײַט אָקעאַן...

פון אַן אָרעם פּויליש שטעטל האָט עס אים אַהין פאַרשלײַדערט...

...אַרגענטינע. וועגן, אומוועגן... וויפל — ניט איבערצוציילן... ווו געטאָגט, ניט גענעכטיקט... געזוכט — אַרבעט, ברויט, א טאַכלעס... עס פלעגט זיך שוין אַמאָל דאַכטן — אָט, געפונען! נאָכדעם ווידער דאָס זעלבע. איינמאָל האָט מען אים צוזאַמען מיט נאָך אָנטיילנעמער פון אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אַרעסטירט. געשען איז עס בייס איינער פון די צאַלרײַכע מעלוכע־איבערקערענישן אין יענעם לאַנד. פאַרזאַמלונגען זײַנען געווען פאַרבאָטן. עטלעכע מענטשן, און אים בעסויכאַם, האָט מען געהייסן פאַרלאָזן אַרגענטינע.

און אָט איז דאָס לאַנד פון זייער טרוים, פיר אויסיָעס, ווי פיר זונען: פּססר.

די ערשטע קאָמונע... די ערשטע פאַלאַטקעס... די ערשטע הײַזער... שווערקײַטן — אָן א שיר, נאָר קויכעס און ווילן אַף בײַקומען זיי — נאָך מער! און דעריקער — יונגע הערצער, יונגע הענט!

זײַן זון, וואָס איז געבוירן אַף אָט דער ערד, זײַן זון — באַם ראַיאַל! פאַרגאַפטע צוהערער... ליסט... אָ, ער האָט וואָס צו זאָגן, ליסט, אויך וועגן אים, דעם געוועזענעם אַרגענטינער אַרבעטס־

לאָזן, וועגן דעם, ווי ער האָט דאָ, אַף אָט דער רײַכער ווײַטמיזרעכדיקער ערד, זשעדנע זיך א ריס געטאָן צו ארבעט, ווי מיט אָט די־אָ שטארקע הענט האָט ער אויסגעקאָרטשעוועט ביימער, מיט זײַנע כאווײרים געשטעלט דאָס ערשטע הויז...

פאנאנדערגעגאנגען איז מען זיך שפּעט. דער הימל, א שטארק אויסגעברייטערטער און הויכער, איז געווען ריין. נאָר ארום דער בלענדיקער לעוואָנע האָבן גרויע וואָלקנדלעך זיך שנעל געצויגן, און דערפון האָט זיך געדאכט, אז די לעוואָנע אײַלט ערגעץ.

אין לאנגזאמען פארטראכטן גאנג האָט דער קריטיקער אופגעהויבן דעם קאָפּ און באמערקט, אז ער איז אָפּגעשטאנען פונעם גאנצן אוילעם, וואָס איז ארויס מיט פעליקסן פונעם קאָנצערט. פעליקסן איז געווען הייס, האָט ער דעם פידזשאק געטראָגן אַף דער האנט, און פונווײַטן האָט אָפּגעבלאנקט אהער זײַן ווײַס העמדל.

דער קריטיקער האָט שנעלער גענומען שטעלן די טריט, אָנגעיאָגט פעליקסן, שווער איבער־געכאפּט דעם אָטעם:

— איר לויפט, יונגערמאן?

— ניין. דאכט זיך, איר שטייט אָפּ...

דער קריטיקער האָט דעם ענטפער דורכגעלאָזט פארבײַ די אויערן.

— וויפל, האָב איך געזאָגט, פארמאָגט אינסטרומענטן אײַער ראָיאַל?

— א צען אינסטרומענטן...

— איך גיב צו נאָך צוואנציק! פאר ליסטן.

— א דאנק.

א ווײַלע איז מען געגאנגען שווײַגנדיק. פון לינקס, פארגאָסענע מיט טריפנדיקער שײַן, האָבן זיך אויסגעטיילט די ביימער אין שטאָטישן פארק. ארום דער סאָפקע האָבן שנירלעכווײַז זיך געצויגן עלעקטרישע פײַערן און פארלוירן געגאנגען ערגעץ הינטער איר. די לופט איז געווען דורכזיכטיק, מע האָט בוילעט אָנגעזען אפן שפּיץ סאָפקע דאָס נידעריקע הײַזל צופוסנס פון דער טעלעוויזיע־אנטענע. גלײַך אנטקעגן, בא א פילשטאָקיקן, אַף א העלפט אופגעבויטן מויער, האָט וואכזאם געדרעמלט א הייבקראן...

דער קריטיקער האָט שטיל געזאָגט:

— איך האָב פײַנט סענטימענטן. נאָר הײַנט האָט איר מיך גערירט...

ווי דערשראָקן זיך פאר דעם לעצטן וואָרט, האָט ער זיך באלד פארכאפּט:

— מיינט ניט, אז נאָר מיט אײַער שפּילן.

— מיט וואָס זשע?

— מיט צוויי זאכן. דאָס ערשטע, מיט דעם, וואָס געשפּילט האָט איר (ער האָט באטאָנט דאָס וואָרט „איר“), און דאָס צווייטע — דערמיט, וואָס איר האָט געשפּילט (ער האָט באטאָנט דעם „וואָס“).

— איך פארשטיי ניט.

— אײַך איז עס, מעגלעך, שווער צו פארשטיין. איך האָב זיך דאָ באזעצט מיט א פּאָר יאָר פאר אײַער געבורט. פארענדיקט אין מאָסקווע אן אינסטיטוט און געקומען אהער אַף ארבעט. אָט דאָ, ווו מיר גייען איצט, איז דעמלט קיין אספאלט ניט געווען, בלויז בערגלעך און גריבער. אין א גוטן וועטער — א שטויב אַף דערשטיקט צו ווערן, נאָך א רעגן האָט מען די פארהריזנעטע מאַ־שינעס קוים געקאָנט ארויסשלעפּן... און אָט הײַנט, ווען איר האָט געשפּילט, באזונדערס, ווען איר האָט געשפּילט ליסטן, האָב איך א טראכט געטאָן: הייסט עס, אז פאר אָט די יאָרן האָבן מיר דאָ, ווײַט פון יענע ערטער, ווו עס קומען פאר אָפטע קאמער־קאָנצערטן, עפּעס אופגעטאָן!.. האָבן מיר, הייסט עס, אָט די יאָרן דאָ אָפּגעלעבט ניט אומזיסט!.. אנטשולדיקט, — האָט ער מיטאמאָל זיך אליין איבערגעהאקט די רייד, — דאָ דארף איך פארקערעווען, איך ווין אָט אין יענעם נײַעם הויז...

ער האָט אפּגיך דערלאנגט פעליקסן די האנט און איז פארשוווּנדן.

פעליקס האָט אים נאָכגעקוקט. דער דאָזיקער מענטש איז, ווײַזט אויס, גאָר ניט אזא, ווי עס קאָן זיך דאכטן...

ער האָט א טראכט געטאָן וועגן די אנדערע מענטשן, וואָס זײַנען געגאנגען דאָרט, פון פאָרנט: מעגלעך, בא פיל פון זיי האָט ער הײַנט ארויסגערופן אזעלכע געפילן, וועלכע ער, פעליקס, האָט וועגן זיי זיך אפילע ניט געקאָנט אָנשטויסן...

אינדערווײַטנס האָט זיך אָפּגעשטעלט די מוטער און אומרויִק אים א רוף געטאָן.

— איך גיי, מאמע!

ארופגעוואָרפן דעם פידזשאק אַף די אקסל, האָט ער פארשנעלערט דעם טראָט.

מאטל גרוביאן

קינדהיים

מײַן היים, מײַן ליים,
מײַן ליימענע היים,
ביסט א ברונעם
מיט וואסער,
צי א ברונעם
מיט ליים?
מיט א ליימענעם קריגל
האָב איך פון דיר געשעפט,
אף א ליימענעם פארקן
צעהאנגען
ליימענע טעפּ.
(שפעטער געהאנגען
אף אים זײַנען קעפּ...)

א קוימען פון ליים,
אן אויוון פון ליים,
א פריזבע פון ליים,
א טשירין פון ליים,
אויך מײַן וואנדער־מעגילע
געשריבן אף ליים.
איך נעם דיך, מײַן היים,
ווי א קריגל
אף א ליימענער טאָץ,
און פיק
אין דעם מיט א פינגער —
דו קלינגסט...
דו האָסט ניט געפּלאַצט!

פענצטער

כ׳קאָן ניט לעבן אָן קיין פענצטער,
גיי איך אין וואלד, א בוים שנײַד אָפּ.
הער איך די פייגל שרײַען דאָרט אויבן,
צערײַסן דעם הימל איבערן קאָפּ:
„איידער אויסשניצן וועסט דײַן פענצטער,

רײַסט שוין א שטיין דער סוינע אָפּ,
וויל אויסזעצן בא דיר די שויבן" —
הער איך די פייגל שרײַען דאָרט אויבן,
צערײַסן דעם הימל איבערן קאָפּ.

פרילינג

ווען די פרילינג־ליד איך הער,
ווי א קינדער־טרער איך ווער.
דאָ צעשפּאָלטן איז דאָס אײַז,
דאָ א בלאט א גרינס זיך ווײַזט,
דאָ טשיריקעט שוין א פויגל,

נאָכדעם דונערט און סע בליצט
מיט א בלויקײַט כ׳בין פארשפּריצט.
און איך פיל, ווי מײַנע אויגן
עס פארבינדט דער רעגנבויגן.

אין וואלד

קיין טאָרבעלע גאָלד איז מיר אפן הארצן ניט געהאנגען.
האקן האָלץ אין וואלד כ׳בין באַרוועס געגאנגען
ווינטער, אין די קעלטן, אין אזא טיפן שניי.
ס׳האָבן יאָרן מײַן קינדהײַט מיט א וואָלקן פארהאנגען,
איך מיט מײַן בינטעלע האָלץ אף די וועגן דאָרט שטיי...
זעקס בינטעלעך האָלץ — דריטהאלבן גראָשן,
אין אייוועלע פון הארץ האָט א דאָרן געבערנט.
דער וואָלקן איז פארשוווּמען, מײַן האס איז פארלאָשן,
נאָר יענעם זשאר פון די קוילן איך טראָג אין די הענט —
אזא טאָרבעלע גאָלד דורך אן אייביקן וואלד.

דער רעגן

די פײגעלעך פּיקן מײַן פענצטער און פרעגן,
אונטער װעלכער סטריכע זיצן זײ מעגן? —
ס׳טאָרן קינדער ניט שטײן אונטערן רעגן,
קאָן זײַן, אז גיפטיק זײַנען די טראָפּנדלעך רעגן!

װער פלעגט עס אמאָל אזוינס פרעגן,
צי סאַמט ניט די ערד זיך מיטן רעגן?..

געדענקסט אין דײַן קינדהײַט די הענער־געשלעגן,
די פרישקײַט פון גאָרטן נאָך א װאַרעמען רעגן?
באָרװעסע קװײטן טראָגן בעכערלעך װײַן אנטקעגן,
ס׳פּארכלינעט א בױם זיך מיט א פול מױל רעגן.
אלע רינװעס געװען זײַנען מײַן מאמעס פארמעגן,
אױסכאפּן זי פלעגט מיט אלע קײלים דעם רעגן...
אפילע א לידעלע אזא זינגען מיר פלעגן,
באם לאָזן די שיפלעך אונטערן רעגן:
„גאָט, גאָט! גיב א רעגן,
פאר די קלײנע קינדערסװעגן"...

אױ, װען ניט אױספאַלן פלעגט אמאָל קײן רעגן,
טױזנטער פױערים מיט טאָרבעס אף די װעגן...
„געשעם" פלעגט זינגען מײַן טאטע, בעטן אף רעגן!
די באָרד פול מיט טרערן, װי טראָפּנדלעך רעגן.

אױ, אין גאָרטן אין פײַכטן ניט קײן הענער־געשלעגן,
דאָס באהאלטן מאמעס די קינדער פון גיפטיקן רעגן.
צי דען אָפּגעסאמט האָבן מענטשן דעם רעגן
און גײען פאמעלעך דעם טױט אנטקעגן?

איך װיל ניט באהאלטן מײַן קאָפּ פון דעם רעגן,
דער הימל איז מײַנער און מײַנער דער רעגן!

באַגעגן

װי א יעגער אין װאלד דעם געדיכטן
דעם אָטעם פארטײַעט, די ביקס אָנגעצױגן,
שיק איך מײַן בליק צום ציטריקן פױגל,
נאָר שיסן כ׳װיל ניט אין זײַן ריכטונג.
װאָס דארף איך זיך יאָגן אזױ נאָכן פױגל,
די ערד באדעקן מיט בלוטיקע פלעקן, גאנצפרײ?
אין גאנצן װוקס, בא א בױם, ניט אף די קני,
דעם אָטעם פארטײַעט, די ביקס אָנגעצױגן, —
איך ציל אינעם װאָלקן צו טרעפן,
ער זאָל איבערן קאָפּ מיר ניט הענגען.

און דעם פױגל? אים װעל איך לעבעדיק ברענגען.
דו די טיר באצײַטנס נאָר עפן.

הירש בלאשטיין

אין יענעם טאָג

פאַרנאַכט, ווען מילדע ווינטן פליסן,
ביסטו, ווי אַלע, אַף דער גאַס...
און קיינער וועט פון גאָרנישט וויסן,
ביז ס'וועט ניט אויסזאָגן — דער „טאַס"[1]
דעם נאָמען פון דעם ערשטן מענטשן,
וואָס האָט זײַן פוס אַף מאַרס געשטעלט...
און ס'וועט דעם נאָמען זײַנעם בענטשן
די גאָרע טיף־אַנציקטע וועלט!

צי בין איך אַף זײַן גליק מעקאַנע? —

[1] טעלעגראַף־אַגענטור פון פסםר.

געוויס, אוואַדע, אָן א שיר...
דאָך עפּעס איז אַזוינס פאַראַנען,
אַף וואָס מעקאַנע איז ער מיר...
ביז הײַנט מײַן אויער האָט פאַרזיגלט
„אווראָרעס" זאַלפּ, וואָס כ'האָב געהערט
אין טאָג, וואָס האָט די שטאַרקסטע פליגל
געגעבן אונדזער שיינער ערד.

אין יענעם טאָג, וואָס וועט ניט שטאַרבן,
וואָס האָט די ווײַטסטע ווײַט דערזען, —
אין יענעם ערשטן פלי דעם האַרבן
איז אויך שוין דײַן מאַרשרוט געווען...

דײַן לעצטן טראָט

דער מענטש, אַז ער קומט אַף דער ערד,
באַדאַרף ער און מוז עפּעס אופטאָן,
ביזוואַנען די טריט ער דערהערט
פון טויט, וועלכער קומט אים א רוף טאָן.

געבענטשט זײַ, דו אייביקע פליכט,
וואָס קומט מיטן מילך פון דער מאַמען,
און פירט אונדז, אַזוי ווי א ליכט,
באַנאַכט איבער שטורמישע יאַמען —.

א ליכט, וואָס יאָגט צווייפל און שרעק,
און לאָזט זיך ניט לעשן דעם גלויבן,
און ווײַזט אונדז דעם זיכערן ברעג
און עפנט אין צוקונפט די שויבן.

די ווײַטקײַט איז ליכטיק און ברייט.
דײַן טראָט די געשיכטע געבענטשט האָט:
דו שפּאַנסט אַפן וועג, וועלכער גייט
דורך איטלעכן פאָלק — צו דער מענטשהײַט!

דײַן היימלאַנד צו זון גייט און העלט,
דײַן היימלאַנד — אליין שוין א זון איז.
געדענק: דו דאַרפסט לאָזן די וועלט
א שענערע, ווי זי געפונען...

איז טראַכט ניט, אַז ס'קאָן מיט זײַן שווערד
דער טויט אומגעריכט דיך א רוף טאָן:
דער מענטש, אַז ער קומט אַף דער ערד,
באַדאַרף ער און מוז עפּעס אופטאָן!

* * *

זאָל זײַן געבענטשט די גרויסע ליכטיקײַט,
וואָס לאָזט פאַר שאָטנס ניט קיין אָרט! —
די שטרענגע פּאָשעטע אופריכטיקײַט
אין אויג, אין האַרצן און אין וואָרט!

דער נעפּל־שלייער און דער רעמעז איז
צומאָל א שווינדלערישע קאָרט.

אָ, פראָסט און לויטער אונדזער עמעס איז,
מיט קלוגשאַפט פאָלקישער געפּאָרט.

די שווערע נעפּלשע געדיכטקײַט
דערלאָזט די שיפן ניט צום פּאָרט... —
זאָל זײַן געבענטשט די פולע ליכטיקײַט
אין אויג, אין האַרצן און אין וואָרט!

שלוימע רויטמאַן

דער מײַסטער פֿון פֿײַפֿעלעך

גוט געלערנט האָט דער מײַסטער די מלאָכע מיך די שווערע,
ווי א בוים, אַרײַנגעוואַקסן גרינטלעך איז אין מיר זײַן לערע.

זײַנע רייד איך כאָזער איבער, אים זאָלט איר אין מיר דערהערן,
ווײַל ניטאָ איז שוין דער מײַסטער, און ער וועט זיך מער ניט קערן.

— זאָלסט ניט מיינען, — פֿלעגט ער זאָגן, — אַז ס'איז פֿון די גרינגע זאַכן —
פֿון, מישטיינסגעזאָגט, א דאָרן גאָר א פֿײַפֿעלע צו מאַכן.

אַרבעטן אַף אַלע קיילים איז נאָך ווייניק, מע דאַרף וויסן:
אויך דער דאָרן טאָר ניט ווערן פֿראָסט פֿון גרונט אַרויסגעריסן.

זאָלסט אים אָפּשנײַדן אַזוי נאָר, אַז ער זאָל אַפּסנײַ דערשפּירן
יענעם הויכן לעבנס־ווייטעק, וואָס ער קאָן א טויטן רירן.

האַלט אים פֿעסט, אַז ער זאָל ווידער אין דײַן האַנט די ערד דערפֿילן,
און דערפֿילן זײַנע וואָרצלען, אַנדערש ווי זשע וועט ער שפּילן?

ביז אַרײַנשטעכן אין ברוסטן, דאַרף מען צודריקן אים קענען,
אַז אַליין דאָס האַרץ זאָל נעמען לעכעלעך אים אויסצוברענען. —

דעמלט נעמט דער דאָרן גרינען: בלעטער רוישן, ווינטן ווייען,
און אין לעכעלעך אין זײַנע בויען נעסטן סאָלאָווייען.

און ווען ס'הילכן סאָלאָווייען, ווייס, דער טויט איז שוין פֿאַרטריבן,
ביט אומזיסט דאָך קומט די יוגנט אונטער זייער ליד זיך ליבן! —

ניט מיט רייד האָסט מיך געלערנט, ביסט מיר ליבער פֿון א טאַטן,
און ביז הײַנט נאָך דײַנע ווערטער בלוטיקן מיט דײַנע טאַטן.

אָך, ווען ס'האָט אַרײַנגעשאָסן דיר, מײַן שיינער דודעמאַכער,
אין דײַן מויל די קויל פֿון כוישעך יענער ברוינער דאָווראַכער,

און האָסט זיך געטאָן א וואַקל, ווי די ערד וואָלט זיך פֿאַרלאָרן,
האָט געדוכט דיר, אַז עס הוידעט ניט די רער זיך, נאָר א דאָרן,

און דו האָסט דעם לעצטן אָטעם ווי געוואָלט אין אים פֿאַרפֿלאַנצן —
אויסגעאָטעמט, אויסגעווייטעקט, אויסגעגאָסן זיך אינגאַנצן

און געטאָן א לעצטן פֿליסטער: „— מיין ניט, ס'איז פֿון גרינגע זאַכן
פֿון א דאָרן פֿאַר דעם זינגער גוטע פֿײַפֿעלעך צו מאַכן".

דער רעגן-טראָפּן

ס'ווייסט מײַן האַרץ, פאַרוואָס דער רעגן-טראָפּן ציטערט:
ער איז דורכגעגאַנגען פײַער און געוויטער,
דורכגעגאַנגען, שיר צום טײַך שוין ניט דערגאַנגען,

נאָר געבליבן אַף אַ ווערבע אופגעהאַנגען.
שווער איז הענגען אין דער שטילקײַט און זיך שטיקן,
אַז דאָ נאָענט רוישט זײַן טײַך מיט ווײַפל גליקן.
נאָר זײַן קראַפט פון אינעווייניק איז צו ווייניק,
ער זאָל געבן מיט דעם שטראָם זיך אַ פאַרייניק.

מוז ער וואַרטן אַף אַן אָטעם אַף אַ צאַרטן,
אָ, ניט גרינג איז אַפּן גוטן ווינט צו וואַרטן.
שווער צו וואַרטן איז דעם טראָפּן און צו הענגען
ביז דער ווינט וועט צו אַ ברעג אַמאָל אים ברענגען
ווײַל ביז עפּעס, נעמען שטראַלן פון אים פײַלן
שפּילצײַג, צירונג, נאָר די וועלט אַף צו פאַרווײַלן.

איז דער טראָפּן דאָך פאַר יאַם און ערד אַ קערן,
ווײַל דער קערן דען נאָר פאַלשע צירונג ווערן —
זײַן אַן אוירינגל באַם בלאַט, אײַן רעגע העלן,
זײַן אַ קרעל נאָר אַף אַ צווײַג, און באַלד זיך פעלן?

קום, מײַן אָטעם, ראַטעווען דעם טראָפּן רעגן,
זאָל דער גוטער ווינט אַרויסגיין אים אַנטקעגן,
ס'טאָר דער טראָפּן דאָך ניט אויסגעטריקנט ווערן,
ס'וויל דער טראָפּן צו זײַן גרויסן שטראָם זיך קערן,
ער איז דורכגעגאַנגען פײַער און געוויטער,
עפּשער איז אויך דורך מײַן האַרץ געגאַן זײַן ציטער.

צום צערטלער פון לעבן

וואָלט וויטמען
מיטן פויערשן פּאָנעם, ווי אַ פעלד אַ צעאַקערטס,
מיט דער שוימיקער באָרד, ווי אַ יאַמישע כוואַליע,
אינעם אויג אין דײַן רעכטן זיך גילדעט אַ לייב אַ פאַרבענקטער,
וואָס פּילט זיך באַ דיר אונטער ווײַעס, ווי גלײַך אונטער גראַטעס,
נאָר אינעם לינקן, וואָס איז דאָך ניט מער ווי אַ מולטערל טויען, —
דאָרט פליוסקעט זיך נאַקעט אַ קינד.
אַ קינד — וואָלט וויטמען.

עס טײַנען נאַראַנים אַן הערצער, אַן קעפּ, אַן דעם מאַרך אין די ביינער,
אַז ביסט אַף דײַן שוימיקער באָרד, ווי אַף יאַמישער כוואַליע,
פאַרשוווּמען אין עלטער, אין גרויקײַט, אין דעמער.
וואָס ווייסן נאַראַנים אַן הערצער, אַן קעפּ, אַן דעם מאַרך אין די ביינער?!
ס'איז דײַן באָרד דאָך — אַ האָר צו אַ האָר און אַ יאָר צו אַ יאָר — דאָס געוועב נאָר
פון זויבערער מאַרליע, וואָס האָט זיך פאַרקנײַקלט און האָט זיך צעוויקלט,
קעדיי פון דער פרײַהײַט די וווּנד איבערבינדן,
קעדיי באַנדאַזשירן די בריזן אַף לײַב און נעשאָמע
פון שיר ניט געלינטשטן, מיט ניסים אַנטלאָפענעם
ברודער-נעגער.
ברודער — וואָלט וויטמען!

א ליגן, אז ס'האָט זיך דײַן אויג דיר דאָס רעכטע פאַרשלאָסן,
פּאַרקערט, ס'איז פון דאָרט נאָר דער לייב צו דעם מידבר אנטלאָפן,
אזוי אויסצוגיסן זײַן בענקשאַפט אין זאמדן,
אז ס'זאָלן זיך וואָרצלען און קוואלן אין ליבע פאַרדרייען
און בילדן איין שלאָגנדיק הארץ אין דער ברוסט פון די גרונטן.
איין הארץ — אוואַלט אויִטמען.

איך ווייס, אז דאָס מולטערל טוי פון דײַן אויג פונעם לינקן —
עס האָט זיך ניט איבערגעקערט, ניט אנטרונען געוואָרן;
ארויס איז פון דאָרטן דאָס קינד אין די גראָזן צו שפּילן,
און א קינד איז מיט גראָזן דאָך איינס,
און עס אונטערצושיידן פון גרינסן
איז מעסוגל נאָר דער, וואָס קען קוקן אין זון און דאָרט לייענען די צוקונפט.
ער וועט דערזען, ווי ס'שפּראָצט שוין ארויס מיט די הענטלעך און פיסלעך
פון דײַן פויעריש פּאָנעם, ווי גלײַך פון א פעלד א צעאַקערטס,
א קינד, וואָס איז נאַקעט אזוי ווי דײַן צאַרטקײַט,
דו צערטלער פון לעבן,
מוטער־מענטש אויִטמען.

* *
*

ש. האלקינען

מײַן ליבער בוים וועט אין מײַן וואלד ניט פאַלן,
דער מוטיקער געוויטער איז זײַן אָטעם.
איך קום צו אים ניט קילן זיך אין שאָטן,
נאָר אז זײַן גרויסע ליכט זאָל מיך באַפאַלן.

וואָס מער ער גיט פון זיך אוועק די שטראַלן,
אַלץ פולער ווערט זײַן קרוין מיט גאָלד באַשאָטן,
די באָדן־שווארצקײַט ווערט ווי אויסגעזאָדן,
ס'איז דורכזיכטיק זײַן ערד, מע זעט די קוואלן.

מע זעט, ווי וואָרצלען שליסן אוף די היילן,
ווו אויצרעס וואַרטן: זאַפּטן, זאַלצן, שטאָפן,
און טיפער, דאָרט, ווו ליבע נעמט זיך שיילן,
האָט מיט דעם הארץ דער ערד זינען זיך געטראָפן, —
דאָרט איז דער גרונט,
פונוואַנען ס'גייט ארוף זײַן ליד, זײַן ערע,
און ס'רוישט דער בוים מיט פּיירעס זאַפטיק־שווערע...

עלמאר ריוואַש

צווישן לעבן און טויט

צווייטער טייל

אַקציע...

אָף מאָרגן בין איך אופגעשטאנען פריִער, ווי שטענדיק, און אוועק צו הערצמארקן. איצט זעט ער אויס א ביסל רוִיקער, ער האָפט, אז דעם יודענראט וועט זיך איַינגעבן צו פארמיַידן דעם אומגליק. עפשער וועלן די דיַיטשן פאר ווערטפולע זאכן לאָזן אלץ, ווי געווען...

היַינט ארבעט איך אף דער ליקסנאס־גאס, 24, אין דער צענטער דירע. די מישפּאָכע באַשטייט פון פיר מענטשן: אן אלט פּאָרפאָלק, זייער טאָכטער און אן עלפיאָריק אייניקל. אין שטוב איז ריין און אקוראט צוגעקליבן. איך דערצייל, וואָס כ'האָב געהערט פון הערצמארקן. עס פארשאפט אונדז אלעמען האנאָע, וואָס דאָס בייז איז דערוויַיל פארביַי. איך האָב אפילע ניט באַמערקט, ווי מיַין ארבעט איז שוין קימאט פארענדיקט, נאָר איך איַיל זיך ניט אוועקגיין. פלוצעם לויפט אריַין פון גאס דאָס מיידעלע מיט א געשריי: „מאמע, מאמע, מיר דארפן גיכער זיך אריבערקליַיבן פונדאנען, אין צוויי שאָ ארום וועלן מיר ניט טאָרן מער דאָ זיַין! לעבן אונדזער שטוב מאכט מען א פלויט...“

הייסט עס, אז עס האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

איך נעם צונויף דאָס געציַיג. איך כידעש זיך, וואָס כ'בין אזוי רוִיק. די באלעבאטים זיַינען שטיל געוואָרן, מע וויינט ניט, מע שריַיט ניט.

די פרויען הייבן אָן צונויפלייגן די זאכן, דער אלטער איז ארויס אין גאס דערוויסן זיך עפּעס גענויער. איך געזעגן זיך, דריק ביידע פרויען די הענט און טרייסט זיי.

אף ביידע זיַיטן ליקסנאס־גאס שטעלט מען אוף פלויטן. אין עק פון דער גרויסער בארג־גאס ציט מען שוין אָן שטעכדראָט. די דיַיטשן קוקן נאָך, מע זאָל ניט פארציִען די ארבעט. וואָס איַילן זיי זיך אזוי? קיינער וועט ניט אנטלויפן. לעבן אייניקע היַיזער שטייען שוין שליטלעך, אין וועלכע מע לייגט צונויף דאָס ביסל דאָברע מאזל. אף דעם ראָג לודזאס־ און ליקסנאס־גאסן האָבן זיך צונויפגענומען א סאך פרויען ארום א געדרוקטער מעלדונג. די, וואָס האָבן זי שוין איבערגעלייענט, איַילן מיט א שטיל געוויין אהיים. איך שטופּ זיך דורך און נעם לייענען אף א קאָל:

„אלע איַינוווינער פון דער קליינער געטאָ, דאָס הייסט פון ליקסנאס־ ביז דער לודזאס־גאס און פון לודזאס־ ביז לאוואס־גאס, דארפן אין מעשעך פון צוויי שאָ זיך אריבערקליַיבן אין דער גרויסער געטאָ. מע מעג מיטנעמען דאָס גאנצע פארמעגן, אויסער בעטן און קאנאפּעס. אין מעשעך פון די צוויי שאָ וועט אכטונג געבן אף דער אָרדענונג די ייִדישע פּאָליציי“.

פאר אלעמען שטייט איצט איין פראגע: וווּהין גיין? אין געטאָ איז שוין אזוי אויך ענג. מע וויל, ווייַזט אויס, שטעלן אונדז אין אזא לאגע, אז מיר זאָלן אליין בעטן אף זיך דעם טויט.

אין שטוב בא אונדז איז טויהו־וואָוויהו. די קאמער און די קיך זיַינען פארוואלגערט מיט קלומקעס. נאטע בעקער שלעפּט אירע זאכן צו אונדז. זי וועט וווינען בא אירע אייגענע. פריִער האָט זי זיך געקלאָגט, אז זי האָט ניט קיין פּראָדוקטן, איצט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי האָט

סאָף. — זע אָנהייב „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 5.

צופיל. אפן טיש שטייט א צענפונטיקער סלאָי מיט האָניק. דימע פּאָרעט זיך אין אים מיט א לעפל. אים געפעלט אזוי דער דופטיקער האָניק, אז ער באמערקט אפילע ניט, ווי אלע זייַנען צעטראָגן.

פאַרבייַ אונדזער פענצטער פירט מען שליטעלעך, קינדערשע וועגעלעך, אָנגעפּאַקטע מיט קלומקעס. אייניקע טראָגן די בעבעכעס אף די פלייצעס. קינדער שלעפן בערעמעס האָלץ.

מיט שרעק וואַרטן מיר אף נייַע באפעלן. עמעצער האָט א זאָג געטאָן דאָס וואָרט „אקציע", נאָר צו קיינעם איז נאָך ניט דערגאנגען דער באטייַט דערפון. וואַרטן אף באפעלן איז אויסגעקומען ניט לאנג. עס האָבן זיך באוויזן מיטאמאָל גאנצע צווויי.

באפעל נומ. 1: דעם 28 נאָיאבער 1941, זיבן אזייגער אינדערפרי, דארפן אלע מאנצבלען, אָנגעהויבן פון 17 יאָר, זיך אויסשטעלן אין א קאָלאָנע אף סאדאָווניקאָווער גאס.

באפעל נומ. 2: אלע ניט ארבעטספייִקע מאנצבלען, אלע פרויען און קינדער דארפן זייַן גרייט אריבערצופאָרן אין לאגער. מיטנעמען מעג מען 20 קילאָגראם אף א מענטשן. וועגן דעם טאָג און וועגן דער שאָ וועט געמאָלדן ווערן באזונדער.

די דאָזיקע באפעלן האָט יעדערער אופגענומען אף זייַן אויפן. די אלטע לייַט, אָן אויסנאם, האָבן פארשטאנען, אז דאָס איז פאר זיי א טויט־אורטייל. אומדערטרעגלעך שווער איז געווען צו קוקן אף די אומשולדיק פארמישפּעטע.

וואָס מע קלייַבט זיך טאָן מיט די ארבעטספייִקע מאנצבלען ווייסן מיר ניט. נאָר וויבאלד מע שיקט אוועק ווער ווייסט וווּהין אונדזערע פרויען מיט די קינדער, איז שוין אלציינס, וואָס מע וועט טאָן מיט אונדז.

די פרויען גרייטן רוקזעק און נייען אויס אף די קלומקעס די פאמיליעס — עפשער וועט מען זיך דערבארעמען און ארופלייגן די זאכן אף א פור. צו מיר איז צוגעגאנגען די שכיינע קאפלאן, וואָס וווינט אינאיינעם מיט מאגאריקן. איר מאן האָט זיך אזוי דערשראָקן, אז ער זיצט און וויינט. בעט זי מיך, איך זאָל פרווון בארויִקן אים.

אז איך בין אריַין צו קאפלאנען, האָב איך אים געטראָפן, ווי ער זיצט און וויינט אף א קאָל. לעבן אים איז געשטאנען א דערשראָקענער זייַן זיבניאָריקער זון.

— קאפלאן, — טייַנע איך צו אים, — נעם זיך אין די הענט! מע שיקט אונדז אף ארבעט. דייַן פרוי איז א יונגע, א געזונטע, זי וועט איבערקומען די צייַט. עס וועט נאָך קומען דער טאָג פון באפרייַונג. — איך רייד צו אים און גלייב ניט אין מייַנע אייגענע ווערטער. ביסלעכווייַז איז קאפלאן געקומען צו־זיך. ער ווייסט גוט, אז מיר שטייט פאָר דאָס זעלבע, וואָס אים. מיר מאכן אָפּ, אז אינדערפרי וועלן מיר גיין אינאיינעם.

מייַנע שיך זייַנען אף מיר ענג, און עס פרירן מיר די פיס. קאפלאן גיט מיר זייַנע א פּאָר „טאנקען", וועלכע זייַנען אף מיר ווי אָנגעמאָסטן. איך נעם זיי אָן א דאנק — ניטאָ איצט קיין „מייַנס—דייַנס".

איך כאַפּ זיך אריַין צו מאגאריקן. זייַן שוויגער רעדט הייַנט ווי א נאָרמאלע. צי עפשער זייַנען מיר, די געזונטע, אראָפּ פון זינען? מאגאריק זיצט א רויִקער בא דער הרובע און האלט דאָס ייִנגעלע אף די קני. ער איז שטענדיק רויִק, אָט דער פעסטער יונג. איך צעקוש זיך מיט זייַן פרוי, ווי מיט א שוועסטער. איך האָב זיך איצט איבערצייַגט, אז פרויען טראָגן לייַכטער איבער אופטרייסלונגען, איידער מענער.

די קינדער האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אז עס דערוואַרט זיי עפּעס שרעקלעכס. זיי זייַנען שטיל געוואָרן, קאפריזעווען ניט. מייַנע האָבן זיך אויך פארקליבן אין א ווינקל, ווי די מייַזעלעך. די מאמע דרייט זיך ארום. איר פּאָנעם איז פארשטיינערט. אזא אויסדרוק אף איר געזיכט האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען. אליע נעמט צונויף מייַנע ווארעמע זאכן. ס'איז שוין צוגעפאלן דער אָוונט, מאָרגן קאיאָר דארף מען אוועקגיין. צי וועל איך זיך נאָך אומקערן?

אליע האָט געמאכט א פייַנקאָכן מיט שפּעק. מיר טרינקען טיי מיט צוקער און אייַנגעמאכטס. א „מאָלצייַט בייס א מאגייפע". די קינדער שלאָפן, אין דער פינצטער זיצן מיר אין דרייַען — די מאמע, אליע און איך. אליע זאָגט: „געלער, איך פיל, אז זיי ווילן מאכן צו אונדז א סאָף. לאָמיר נעמען די קינדער און אנטלויפן". — „מאסקים, נאָר אנטלויפן קאָנען מיר סייַדן מיט דימען, דאָס מיידעלע מיטנעמען קאָנען מיר ניט. מיט דימען וועל איך זיך ספראווען, נאָר וואָס וועסטו טאָן מיטן קינד אף די הענט?" — „דו ביסט גערעכט, נאָר לאָזן זי קאָן איך ניט, איך וועל בעסער אומקומען מיט איר צוזאמען". — „אויב איר ווילט, קאָנען מיר שטארבן אלע צוזאמען. וויִאזוי דאָס וועט געשען — דאָס איז שוין מייַן זאך. קיינער וועט ניט זען, ווי דער צווייטער שטארבט. אויב איר זייַט מאסקים, זאָל איינע פון אייַך גיין מיט מיר".

די מאַמע און אליע ווייסן, אַז דאָס זײַנען ניט קיין פּוסטע רייד. עס באַפאַלט זיי אַ שרעק. מיר מאָלט זיך אויס אַזאַ בילד: די מאַמע גייט מיט מיר אין קאַמער. דאָרטן האָב איך אַ האַק. איין שטאַרקן זעץ אין שלייף... דערנאָך גייט אַרויס מיט מיר אין הויף אליע — ווידער דאָס זעלבע... שפּעטער די קינדער... צום סאָף לייג איך אַרײַן מײַן קאָפּ אין אַ שלייף...

די מאַמע: „איך וועל טאָן אַזוי, ווי אליע וועט באַשליסן. זי האָט רעכט צו שאַפן זיך איבער די קינדער. איך אַליין בין מאַסקים".

די פּיס האַקן זיך מיר אונטער. אין אַ ווײַלע אַרום קאָן ווערן רעאַל דאָס בילד, וואָס איז נאָרוואָס געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן. פּלוצעם דערהער איך, ווי אליע זאָגט:

„געלינקער, זאָלסט פון מיר ניט לאַכן... איך גלייב אין גאָט. איך בין מאַסקים אַלץ איבערטראָגן, יאָרנלאַנג זיך מוטשען, נאָר איך וויל ניט, דו זאָלסט ווערן דער מערדער פון דײַנע קינדער. שווער מיר, אַז דו וועסט עס ניט טאָן. וואָס עס וועט זײַן מיט אונדז און וויאַזוי עס וועט זײַן מיט אונדז, איז געווענדט אין גאָט. טו מיך אַ קוש".

מיר וועלן אויסטרינקען דעם קאָס פון ליידן ביזן סאָף.

מיר ווייסן, אַז מיר זײַנען צוזאַמען די לעצטע נאַכט. איז מיר נאָך באַשערט אַמאָל זיך זען מיט אליען? מיר האָבן מוירע אַנשלאָפן ווערן, ווײַל ווי נאָר מירן זיך אויפכאַפּן, וועלן מיר זיך מוזן געזעגענען.

אליע און דימעטשקע ריוואַש.

פון יענער זײַט ווענטל ברענט די שײַן. די מאַמע שלאָפט ניט. איך און אליע ליגן איינס לעבן ס'אַנדערע. צופוסנס — טשאַרלי. די קינדער שלאָפן רויִק. נאַכט. שטיל. וואָס וועט זײַן מאָרגן? מיר האָבן מוירע זיך אַ ריר צו טאָן. ניט שוין זשע קומט דאָס פאָר אינדערעמעסן? צי עפּשער איז דאָס אַ בייזער כאָלעם?

אליע ליגט מיט ברייט צעעפנטע אויגן, זי פאַרגיסט ניט קיין טרער, נאָר איר פּאָנעם איז פאַרשטיינערט. מיסטאָמע זע איך אויך אויס אַזוי. מאָנאָטאָן קלאַפּט דער זייגער. אָן ראַכמאָנעס באַוועגן זיך די ווײַזערס. די קליינינקע מורמלט עפּעס אין שלאָף. נאָכדעם ווערט נאָכאַמאָל שטיל.

איך קאָן מער ניט שווײַגן. „אליע, אליאָנושקאַ, הער מיך אויס. דו ביסט דאָך אַ געוואַגטע פרוי. אונדזער ליבע דאַרף אונדז שטאַרק מאַכן, ניט לאָזן, מיר זאָלן אַראָפּפאַלן באַ זיך. לאָמיר זיך ראַנגלען פאַרן לעבן, פאַר דעם, מיר זאָלן זיך צוריק באַגעגענען". — „ווען דו ווייסט, וויפל לעבנס־מוט איך פאַרמאָג, וואָלסטו געווען פאַר מיר רויִק. איך האָב אָבער מוירע, אַז איך וועל ניט אויסהאַלטן פיזיש. איך בין זייער שוואַך געוואָרן. און מיט די קינדער וואָס וועט זײַן? ווּהין וועט מען אונדז אַוועקפירן אַף ווינטער, אין דער קעלט, אָן עסן? מע וועט אונדז פּאָשעט אומברענגען. נאָר איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל איבערטראָגן אַלץ ביזן לעצטן טאָג. נעם מיך אַרום, איך וויל די עטלעכע שאָ שלאָפן אַף דײַן אַקסל, ווי אַ קליין מיידעלע".

איר קאָפּ ליגט אַף מײַן אַקסל. מײַן העמד איז אַף דעם אָרט נאַס פון טרערן. דאָס זײַנען שטילע שווערע טרערן...

דער וועקזייגער קלאַפּט. עס ענדיקט זיך די נאַכט...

אין דרויסן איז שוין טומלדיק. מע שטייט גרופּעסווײַז. עס איז נאָך פינצטער, קיין פּנעמער זעט מען ניט. איך גיי אַוועק צו קאַפּלאַנען.

די הײַזער האָבן אינווייניק גלײַך פאַרלאָרן זייער געוויינלעכן אויסזען. קיינעם גייט ניט אָן, וואָס אין שטוב טוט זיך. יעדערער האָט אויסגעזוכט דאָס נייטיקסטע אָנטאָן, דאָס איבעריקע וואַלגערט זיך אַפן דיל. אַלץ האָט אָנגעווירן זײַן ווערט. קאַפּלאַן זיצט אָנגעטאָן אין מאַנטל און אין קאַפּעליוש. ער איז איצט רויִק. פאַר איין נאַכט זײַנען אַלע עלטער געוואָרן. קאַפּלאַנס ווײַב, נאָך אַ יונגע פרוי, זעט אויס ווי אַ זקיינע.

צוזאמען מיט קאַפּלאַנען לאָזן מיר זיך אַראָפּ צו מאַגאַריקן. ער וואַרט שוין אַף אונדז. ער איז אויך איצט רויִק. איך ווייס, אַז ער האָט ליב זײַן פרוי און דאָס קינד, נאָר אַלץ איז בא אים אַזוי טיף באַהאַלטן, אַז ער מאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ מענטשן, וואָס איז גלײַכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען.

קאַפּלאַנס פרוי בעט, מיר זאָלן ניט פאַרלאָזן איר מאַן, קומען אים צו הילף. אַף די טרעפּ באַגעגענען מיר פרידמאַנען. פאַרן אַוועקגיין דאַרף ער נאָך זײַן אין אַלע וווינונגען און אָנזאָגן די פרויען, אַז זיי זאָלן דעם גאַנצן טאָג ניט אַרויסגיין אין גאַס, נאָרוואָס האָט די פּאָליצײַ איבערגעגעבן די דאָזיקע פאַראָרדענונג.

די לודזאַס־גאַס איז שוין פול מיט מענטשן. מיר שטעלן זיך אויס אין קאָלאָנעס און לאָזן זיך אין דער ריכטונג פון סאַדאָווניקאָווער גאַס. עס הייבט אָן ווערן ליכטיקער.

וואָס ווײַטער מיר גייען, אַלץ געדיכטער און לענגער ווערט די קאָלאָנע. די דאָוגאַוופּילסער גאַס איז אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן, אַז מיר מוזן זיך אָפּשטעלן. איך גיי אַרויס פון דער ריי און הייב זיך אויף אַף אַ גאַנעק, קעדיי זען, ווי לאַנג איז די קאָלאָנע. זי דערמאָנט אין אַ גראַנדיעזער לעווײַע. אַ סאַך אַלטע לײַט פירט מען אונטער די הענט. אַף סאַדאָווניקאָווער בלײַבן מיר שטיין. פון די טראָטואַרן יאָגט מען אַלעמען אַראָפּ אַפן ברוק. דורך די עטוואָס צעעפנטע טירן און פאָרטקעס קוקן אַרויס דערשראָקענע מענטשן. עס באַווײַזן זיך אַ סאַך פּאָליציײַען. מע האָט, ווײַזט אויס, מוירע, אַז די קנעכט זאָלן ניט אָנהייבן זיך בונטעווען. אַף יעדן שפּאַן — פיר־פינף באַוואָפנטע „קעמפער פאַר גערעכטיקײַט“.

שוין גרויסער טאָג. די שטאָט איז פאַרגאָסן מיט זון. עס בלאַנקען די צלאָמים אַף די קלויסטערס. מיר שטייען שוין העכער דרײַ שאָ אַפן פראָסט. אַלטע לײַט האָבן זיך צוגעזעצט אַף די טראָטואַרן, אַף די קלומבעס. מע זוכט אַרום אין דעם אוילעם באַקאַנטע. איך באַגעגן דעם אַרכיטעקטאָר ראָזענבערג — סילווע בודעס פאָטער. איך קען אים שוין פון לאַנג — זינט מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט. דאָס איז אַ שאַרפזיניקער מענטש, אַ הונדערטפּראָצענטיקער אָפּטימיסט און אַ הונדערטפּראָצענטיקער סקעפּטיקער... ער איז געבליבן איינער אַליין, איז וואָס קאָן מען אים שוין טאָן? וואָס קאָן מען אונדז אַלעמען טאָן? אָדער לאָזן לעבן, אָדער אומברענגען. מע שמועסט, אַז אַמעריקע איז שוין אַרויסגעטראָטן, אָדער זי וועט הײַנט־מאָרגן אַרויסטרעטן קעגן דײַטשלאַנד. דײַטשלאַנד און זײַן אידיי וועט פּלאַצן...

פונדערווײַטן באַמערק איך גריגאָרי יאַקאָוולעוויטשן. ער שטייט אָנגעשפּאַרט אַף אַ שטעקל. די אויגן זײַנען בא אים געשוואָלן פון טרערן. זיי זעען אויס ווי שמאָלע שפּעלטעלעך. די וואָנצן זײַנען שוין איצט ניט שוואַרץ, נאָר געלבלעך־גרוי. אַז ער דערזעט מיך, הייבן בא אים אָן ציטערן די ליפּן און ער קאָן לאַנג קיין וואָרט ניט אויסריידן. ער האַלט מײַן האַנט און דריקט זי פון צײַט צו צײַט. „אַדיע, עליק, איך זע דיך דאָס לעצטע מאָל. מיך מיט פאַניען וועט מען אומברענגען, ווי אַלע אַלטע לײַט, נאָר דו פאַל בא זיך ניט אַראָפּ, דו ביסט נאָך יונג, דו קאָנסט נאָך דערלעבן צו בעסערע צײַטן. דערמאָן אַמאָל דײַן אַלטן לערער. לאָז, וועל איך דיך אַ קוש טאָן“.

ווי אומיסטן, איז אין דער רעגע פאַרבײַגעגאַנגען אַ ייִדישער פּאָליצײַ און אויסגערופן, אַז אַלע אינוואַלידן און די, וואָס זײַנען אַלט העכער זעכציק, קאָנען גיין אַהיים. איך נעם אַרום גריגאָרי יאַקאָוולעוויטשן און געזעגן זיך מיט אים. מיט זקיינישע ניט זיכערע טריט פאַרשווינדט ער צווישן אוילעם.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ טומל. עס הערן זיך הויכע דײַטשישע שטימען און אַ קאָמאַנדע. אַלע פאַרנעמען אַפּגיך זייערע ערטער. די זקיינים אײַלן זיך פאַרלאָזן די קאָלאָנע. אין די רייען גיט איינער דעם צווייטן איבער: „מע גייט!“ מיט גיכע טריט שפּאַנען איבערן טראָטואַר סטאַנקע, טוכעל און אַנדערע. זייערע פּנימער דריקן אויס גלײַכגילט, פאַראַכטונג.

די ייִדישע פּאָליציי צעטיילט די קאָלאָנעס אַף גרופּעס. די אָנגעשטעלטע פון יודענראַט שטעלט מען אַוועק פון פאָרנט. די, וואָס אַרבעטן אויסער דער געטאָ, בא דײַטשן אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, די „אַרבעטסלאָזע“ און אַנדערע קאַטעגאָריעס פאַראייניקט מען גרופּעסווײַז, אָפּטיילנדיק איין גרופּע פון דער צווייטער דורך אַן אינטערוואַל. די גאַס איז צו קליין פאַר אַזאַ „פּאַראַד“, און מיר, וואָס שטייען די ערשטע, מוזן פאַרקערעווען אַף איינער פון די זײַטיקע גאַסן. מיר שטייען אַפן פראָסט און וואַרטן. רייכערן טאָר מען ניט. נאָר די, וואָס האָבן מאַכאָרקע, פאַררייכערן פונדעסטוועגן. מע לאָזט דעם רויך דעם שאָכן אין פּלייצע. סאָפּקאָלסאָף באַווײַזט זיך ווידער זײַן מאַיעסטעט סטאַנקע, ער גייט פאַרבײַ דעם פרונט, ווי אַף אַן עמעסן פּאַראַד. זײַן רעדע איז קורץ: „איצט איז צוויי אַזייגער. מאַרש אַהיים נאָך די זאַכן. האַלב דרײַ דאַרפן אַלע קומען צו די טויערן פון דער קליינער געטאָ“.

דרײַסיק מינוט איז ניט קיין סאך צײַט, און מע טאָר ניט פארלירן קיין סעקונדע. דערבײַ איז ניט שלעכט זיך דורכלויפן נאָך דעם, ווי מען איז אזוי לאנג געשטאנען אף איין אָרט. מיר ריידן זיך צונויף מיט הערצמארקן זיך טרעפן אפן ראָג לודזאס־גאס און דער קליינער בארג־גאס.

א פארסאָפעטער פאל איך ארײַן אין שטוב. ס׳איז צען מינוט אף דרײַ. אין צוואנציק מינוט ארום דארף מען זײַן באם טויער. די נייטיקע זאכן וואלגערט מען צונויף אין א טשעמאָדאן, דאָס געצײַג אין א זעקל, א קאָלדרע און א קישן — אין א קלומעק. צען מינוט קאָן איך זיצן רויִק. איך דערוויס זיך נײַס — ליזע האָט געהאט א קינד. דאָס האָבן איז דורכגעגאנגען זייער שווער. נאָר סײַ זי, סײַ דאָס קינד זײַנען איצט „אויסער געפאר”. יאָ, אוואדע...

איך רייד זיך צונויף מיט אליען, אז ווזהין מע זאָל אונדז ניט פארשיקן און וואָס עס זאָל ניט געשען, וועלן מיר בא דער ערשטער געלעגנהײַט איינס דעם צווייטן געבן וועגן זיך צו וויסן. איך וועל אלץ איבערגעבן מימין אין זאסענהאָף, אליע וועט, אויסער מימין, זיך אויך פארבינדן מיט ליוסיען, אזויארום וועלן מיר קאָנען איינער דעם צווייטן געפינען. מיט דער מאמען ריידן מיר ניט וועגן דעם. אירע ליפן זײַנען קאלט, דאָס פאָנעם — פארשטיינערט.

דאָס מיידעלע שלאָפט. זי ליגט אפן בײַכל. א ראָז פיאטקעלע קוקט ארויס פון אונטער דער קאָלדרע. מײַנע וואָנצן טוען א קיצל דאָס פיאטקעלע. דאָס פיסל פארשווינדט אונטער דער קאָלדרע. דימען האָב איך, דוכט זיך, צו שטארק צוגעדריקט צום הארצן. נאָר קיין געשריי האָט ער ניט געטאָן. וואָס וועט מיט זיי אלעמען זײַן? ווזהין וועט מען זיי אהינטאָן? האס, ייִעש, האָפענונג האָבן זיך איבערגעפלאָכטן אין איין קנויל, און דער דאָזיקער קנויל שטייט אין האלדז און ווארגט מיך.

באם טויער פון דער „קליינער געטאָ” האָט זיך שוין צונויפגעקליבן א היפשער עולם. טשעמאָדאנעס, זעק, קלומקעס. אייניקע האָבן געבראכט אף שליטלעך דאָס גאנצע פארמעגן. מענטשן זאָרגן נאָך אלץ וועגן זייערע זאכן. די, וואָס זײַנען שוין אדורך דעם טויער, לאָזן זיך לויפן, קעדיי פארכאפן בעסערע ערטער. די וואך שטעלט אײַן אָרדענונג מיט די ביקסן־קאָלבעס.

באם טויער שטייט, ווי א גולעם, א שיינער יונג, א געוועזענער אָפיצער פון דער אלטער לעטלענדישער ארמיי. דאָס איז דער געהילף פון געטאָ־קאָמענדאנט. איך געדענק אים נאָך אלס ווזוואָד־קאָמאנדיר. אין 1937 איז ער געווען אף כוידעשלעכע קורסן פון רעזערוויסטן אין סאלאס־פילס. איך האָב געדינט אין דריטן ווזוואָד. ער, דער לייטענאנט דאנצקאָם, איז געווען קאָמאנדיר פונעם צווייטן. צווישן די פראָפעסיאָנעלע מיליטערלײַט זײַנען געווען גענוג אויסוווּרפן, נאָר דאנצקאָם איז אפילע צווישן זיי געווען דער ערשטער אויסוווּרף. דאָס איז א סאדיסט פון דער נאטור. ער איז זייער א שיינער. אזעלכע אויגן, ווי בא אים, טרעפן זיך זעלטן. נאָר איך וואָלט געזאָגט, אז בא אים זײַנען ניט קיין מענטשלעכע אויגן. זיי זײַנען דורכזיכטיק, ווי גלאָז, טויט, ווי שטיין, זיי דריקן גאָרנישט ניט אויס — ניט קיין פארדרוס, ניט קיין אומעט, ניט קיין ליבע, ניט קיין האס. דערווארטן פון זיי א ראכמאָנעס־געפיל איז פונקט אזוי אומזיניק, ווי ריכטן זיך צו דערזען אף זיי א שמייכל. א פײַנער געהילף־קאָמענדאנט, ניטאָ וואָס צו ריידן.

הערצמארק האָט באגעגנט זײַנעם א באקאנטן — פינקעלשטיינען, וואָס האָט געוווינט אף דער ליקסנאס־גאס, 26. פינקעלשטיין האָט בעדייע ארײַנקלײַבן זיך אין זײַן אייגענער דירע, און ער לייגט אונדז פאָר זיך אײַנאָרדענען מיט אים צוזאמען. מיר אײַלן זיך, קעדיי קומען אהין פריִער פון אנדערע. דורכגעשטופט זיך דורכן טויער מיט די קלומקעס אף די פלייצעס, לאָזן מיר זיך לויפן. א גליק, וואָס דאָס הויז איז נאָך פוסט און עס קומט ניט אויס צו שלאָגן זיך פאר א ווינקל. נאָר מע טאָר ניט פארלירן קיין צײַט, עס לויפן שוין אהער אנדערע.

א צווייסטאָקיק הילצערן הויז, פינקעלשטיינס דירע איז אפן אייבערשטן שטאָק. א קיך און צווי צימערן. דאָס קלענערע צימערל פארכאפן מיר. דאָרט שטייט איין קאנאפקעלע, מיר זײַנען אָבער זאלבעדריט. הערצמארק בלײַבט איבער היטן דאָס צימערל, איך מיט פינקעלשטיינען לאָזן זיך לויפן אָפזוכן א בעט אָדער א דיוואן. אפן אונטערשטן שטאָק איז שוין א קריגערײַ, א שטופעניש, עס האלט בא א געשלעג. אין אָט דעם טומל שלעפן מיר שטילערהייט ארויס פון איינער א דירע א שמאָלינקע טאכטא און א מאטראץ. די גנייווע באמערקט מען ערשט דעמלט, ווען מיר זײַנען שוין אף די טרעפּ. מע באגלייט אונדז מיט קלאָלעס, נאָר צו קיין געשלעג דערגייט עס ניט. פאר־שוויצטע און אופגערודערטע שלעפן מיר ארײַן די זאכן און פארשפארן די טיר. אפילע דאָ ווילט זיך הערצמארקן האָבן „קאָמפאָרט און באקוועמלעכקײַט”. איצט לאָזט ער זיך אין געיעג נאָך מעבל. אין א פאָר מינוט ארום ברענגט ער צו טראָגן א טואלעט־טישל, עטלעכע בענקלעך און אנדערע קלייניקײַטן — א בעזעם, טעפלעך, סלאָיִקעס, א סקאָווראָדע. אין דער דאָזיקער דירע

האָט פינקעלשטיין ערשט נעכטן געווינט צוזאמען מיט זײַן פרוי און צווייאָריק טעכטערל. ער איז אלט בא 35 יאָר. דאָס איז א הויכער שיינער ברונעט, א טיפ פון דער אזויגערופענער פאר־מעגלעכער אינטעליגענץ. אין געגעבענעם מאָמענט איז אים שווערער, ווי אונדז: מיר זײַנען אין דער פרעמד, און אים דערמאָנט דאָ יעדע קלייניקײַט אין זײַנע נאָענטסטע. פירן פירט ער זיך מאָדנע: אָט לייגט ער פאָר, מיר זאָלן איבערגיין אף „דו", רופן איינער דעם צווייטן בא די נעמען און לעבן נאָר מיטן געדאנק וועגן נעקאָמע נעמען. אין א ווײַלע ארום פאלט ער ארײַן אין אויס־גאנגלאָזן יִיעש, וואלגערט זיך אנידער און וויינט אף א קאָל.

אין דער טיר רײַסט זיך אלעמאָל עמעצער ארײַן, נאָר אז מע דערזעט די ענגשאפט, טרעט מען אָפּ. דאָס גרעסערע צימער איז שוין אויך פול מיט מענטשן.

עס ווערט שוין טונקל. מאָרגן דארפן זיך אלע פארזאמלען אף דער וויליאנו־גאס. וואָס קומט איצט פאָר אין דער „גרויסער געטאָ"? וואָס וועט זײַן מיט די אלטע לײַט, מיט די פרויען און קינדער?..

די וויליאנו־גאס געפינט זיך צווישן דער גרויסער בארג־גאס און דער לודזאס־גאס. זי איז קורץ און ברייט, ווי א שטאָטישער פלאץ. אף דער גרויסער בארג־גאס שטייט א נײַער טויער, וואָס פירט פון געטאָ אף דער „פרײַ". די גאס איז פול מיט מענטשן. ווו־ניט־ווו שטעלן זיך אויס קאָלאָנעס. עס גייען ארום דײַטשן און קלײַבן פאר זיך אָפּ די, אין וועמען זיי נייטיקן זיך.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן קומט מיר אויס צו זײַן אף א שקלאפן־מארק. די „קוינים" כאפן מענטשן און שטעלן זיי אוועק אין באזונדערע קאָלאָנעס. יעדע קאָלאָנע וועט מען טרײַבן אף אן אנדער ארבעטס־אָרט. עס זײַנען פאראן בעסערע און ערגערע ארבעטן. איך האָב דאָס ניט גע־ווּסט. איך האָב זיך אליין געשטעלט אין איינער א קאָלאָנע, ניט ווארטנדיק, אז מע זאָל מיך כאפן. מײַן קאָלאָנע טראָגט דעם נאָמען „קאבעל". אין איר, ווי אין אלע אנדערע, איז דאָ אן „אָבער־יודע". אויב דער „אָבער־יודע" איז א מִיעסער נעפעש, איז אים ניט שלעכט. ביז איצט איז עס פאר מיר א רעטעניש, צי ווערן זיי אויסגעוווּרפן צוליב דעם, זיי זאָלן ווערן „אָבער־יודען", צי זיי ווערן „אָבער־יודען", ווײַל זיי זײַנען אויסוווּרפן. אייניקע מײַנע כאווירים ווייסן שוין, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך די קאָלאָנע „קאבעל", און זיי זוכן די געלעגנהײַט ארויסצודרייען זיך פון דאָרט. אין דער פינצטערניש גיט זיך דאָס אמאָל אײַן, און דעם דײַטש איז שווער אונטערצוקלײַבן די הונדערט צוואנציק מענטשן. באם אונטערציילן פעלט שטענדיק צו דער צאָל. סאָפּקאָלסאָף איז די קאָלאָנע צונויפגעזאמלט. מיר גייט ניט אָן, וווּהין מע וועט אונדז טרײַבן און וואָס איך וועל דארפן טאָן. איך פויעל בא זיך אויך ניט ענטפערן מיט קיין קלאפּ אף א קלאפּ, ווײַל פאר איין קלאפּ מײַנעם קאָנען א סאך באצאָלן מיטן לעבן.

מע פירט אונדז ארויס פונעם טויער, און מיר לאָזן זיך צו דער מאָסקווער גאס. פארבײַ גייט דורך דער פינפטער נומער טראמווײַ. דאָרט זיצן מינאסטאם מײַנע באקאנטע פון דער פאבריק. אָט ערשט ניט לאנג בין איך אלע אינדערפרי געפאָרן מיט דעם דאָזיקן טראמווײַ אף „קוזנעצאָווקע". מיר פארקערעווען אין א שמאָל געסעלע און קומען ארויס צו דער דווינע. אפן אינדזל געפינט זיך א געהילץ־זאוואָד. דעם אינדזל פארבינדט מיטן ברעג א דאמבע, דורך וועלכער מע פירט דורך א קאבעל. ארבעטן דאָ ווינטער איז ביז גאָר שווער. די דאמבע האלט א מעטער 200—250 אין דער לענג. וואָס נעענטער מיר קומען צו צום געהילץ־זאוואָד, אלץ טיפער זײַנען די גריבער. באם עק פון דער דאמבע זײַנען א טייל גריבער שוין פארטיק.

בא דער קאָנטאָר שטייען פארשיידענע אינסטרומענטן. לויט דער ריי גייט יעדערער צו און נעמט א לאָפּעטע, א קירקע אָדער א לאָם. דער דײַטשישער אופזעער לאָזט ניט אראָפּ פון אונדז קיין אויג. די פיס ארבעטן בא אים, ווי בא א גוטן פוטבאָליסט. יעדן, וואָס גייט פארבײַ, סטארעט ער זיך א זעץ טאָן עטוואָס נידעריקער פון דער פלייצע. און ס'איז קיין כידעש ניט — ער פרירט דאָך אויך, וויל ער דערווארעמען זײַנע פיס.

אונדז שטייט דאָ פאָר אויסגראָבן גריבער לענגויס דער דאמבע. די גריבער וועלן פארייניקט ווערן דורך א טונעל פארן קאבעל. שווערער פאר אלץ איז דערקלײַבן זיך צום ווייכן זאמד, דאָס איז פונקט אזוי שווער, ווי מאכן א גרוב אין א שטיין.

דער הויפט־שעף איז דאָ א דײַטשישער אינזשעניער. דאָס איז א געזונטער מאנצבל מיט א רויט, פארווינטיקט פּאָנעם, די אייגעלעך — קליינע און קאלטע, די ליפּן — דינע, די אונטערשטע קין — א ברייטע. מע זאָגט, אז אין דער יוגנט האָט ער זיך פארנומען מיט באָקס. דערפאר, ווײַזט אויס, באנוצט ער זיך אויך ניט מיט קיין שטעקן, ער אָרודעוועט גאנץ געשיקט מיט די הענט און אמאָל אויך מיט די פיס. דער אוילעם האָט אים א נאָמען געגעבן „ער". זײַן געהילף, א יונג פון א יאָר פינף און צוואנציק מיט א פּאָנעם פון א שיקער, גייט ארום מיט א שטעקן, וועלכן ער לאָזט פון צײַט צו צײַט אין גאנג.

מיר אַרבעטן צו צוויי מענטשן אַף אַ גרוב. איינער האַקט אָפּ מיטן לאָם שטיקער פאַרפרוירענע ערד, דער צווייטער וואַרפט זיי אָפּ אין אַ זײַט. מיר ווילן אַליין אויך וואָס גיכער אַרײַנקריכן אין גרוב, קעדיי כאָטש עטוואָס זיך באַהאַלטן פון דעם שנײַדנדיקן ווינט. אָבער ווען פונדערווײַטן באַווײַזט זיך דער „ער״, הייבן אַלע אָן נאָך „פלײַסיקער״ צו גראָבן. דער „ער״ האָט עמעסן פאַרגעניגן אָנצוטרעטן אַף די אַקסל יענע, וואָס שטייען אין די גריבער. ער טוט דאָס אַזוי, ווי ער וואָלט זיי אײַנגעטאָפּטשעט אין דער ערד.

אַרום עלף אַזייגער קומט גליקסמאַן — אונדזער „איבער־יודע״ — מיט נאָך אַן אופזעער, וואָס האַלט אין די הענט צוויי געקוילעטע הינער. גליקסמאַן אַרבעט ניט, ער שפּאַצירט אַרום אין אַ פּרעכטיקן פּעלץ. דער „איבער־יודע״ קלײַבט זיך, ווײַזט אויס, גיין באַשטעלן אַ מיטיק. אונדז גיט מען אויך צײַט אַף מיטיק. אין מעשעך פון דרײַסיק מינוט האָבן מיר דאָס רעכט זיך פאַרזאַמלען אַלע אינײנעם און פאַנטאַזירן, אַז מיר האָבן אָפּגעגעסן. אין דער געבײַדע לאָזט מען אונדז ניט אַרײַן, ווײַל דאָרטן געפינען זיך די אַרבעטער פונעם זאַוואָד און מיר האָבן ניט קיין רעכט צו ריידן מיט זיי. אייניקע אַרבעטער גייען עסן מיטיק אַהיים. איך באַמערק צווישן זיי אַ באַקאַנטן, מיט וועמען איך האָב אַמאָל אָנטיילגענומען אין פאַרשיידענע קאָמיסיעס. אומבאַמערקט דערנענטער איך זיך צו אים און אַ פּאָר מינוט גייען מיר באַנאַנד. ער שטופּט מיר אַרײַן אין קעשענע אַ הויפן פּאַפּיראָסן. „דער פראָנט דערנענטערט זיך, — שעפּטשעט ער, — וואַרט ניט, ביז מע וועט אײַך אַלעמען אומברענגען, אַנטלויף, אָט האָסטו מײַן אַדרעס... איצט איז נאָך צו פרי, נאָר מעגלעך, אַז אינגיכן וועט קומען די צײַט״. מיר דריקן זיך פעסט די הענט.

די צווייטע העלפט טאָג איז אויסערגעוויינלעך שווער צו אַרבעטן. ס'איז שטאַרק קאַלט און עס מאַטערט דער הונגער. מיט אומגעדולד וואַרטן מיר אַף אונדזערע באַגלייטער, אַף די „יעקעס״ (אַזוי רופן מיר די דײַטשן). אונדזער גרוב האַלט שוין זיבעציק סאַנטימעטער די טיף. מיר זיצן אינווייניק, באַהאַלטן זיך אויס פון ווינט. סאָפּקאָלסאָף באַווײַזן זיך פונווײַטן צוויי פיגורן אין לאַנגע שינעלן. מיר לויפן צו דער קאָנטאָר, לייגן אַקוראַט צונויף דאָס געצײַג און שטעלן זיך אויס אין אַ קאָלאָנע. די דײַטשן ציילן אונדז אָפּגיך איבער, און מיר לאָזן זיך אין וועג.

עפּעס דערציילן די דײַטשן גליקסמאַנען. אין אַ ווײַלע אַרום טראָגט זיך דורך איבער דער קאָלאָנע דאָס וואָרט „אַקציע״. אין געטאָ איז געווען אַן אַקציע! וואָס פאַר אַן אַקציע?..

מיר פאַרגעסן אין הונגער, מיר פילן ניט דעם פראָסט. ווי דערוויסט מען זיך שוין, וואָס איז פאָרגעקומען? די לעצטע עטלעכע צענדליק מעטער גייען מיר ניט, נאָר מיר לויפן. די וואַך באַם טויער ציילט אונדז ניט איבער, באַזוכט אונדז ניט. דער וואַכמאַן קוקט ניט אַף אונדז. ניט שוין זשע מאַטערט אים דאָס געוויסן? די געטאָ איז קימאַט פּוסט. מיר דערוויסן זיך, אַז הײַנט באַנאַכט האָט מען אַ טייל מענטשן אָוועקגעפירט, עס זײַנען געווען אַ סאַך קאָרבאָנעס. אַ גאַנצן טאָג האָבן אַרבעטער־קאָמאַנדעס צונויפגענומען די האַרוגים.

מע לאָזט איצט אַרײַן פון דער קליינער געטאָ אין דער גרויסער. איך לויף אַהין אַוועק. באַם טויער שטייט דער „פּרעפעקט״ פון דער ייִדישער פּאָליציי (זײַן פאַמיליע איז וואַנט) און אַ וואַכמאַן. זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיטן רוקן. קיינער קוקט אונדז ניט אין די אויגן. עס גייען פאַרבײַ עטלעכע ייִדן מיט לאָפּעטעס אין די הענט. זייערע בעגאָדים זײַנען אין בלוט. זייערע פּענעמער דריקן גאָרנישט ניט אויס, אויסער מידקײַט.

איך בין אַרײַן אין דער „גרויסער געטאָ״. די גאַסן — פּוסט. די לאָדן — פאַרמאַכט. אַפן טראָטואַר — סימאָנים פון טלאָען, פאַרדישע הני און — בלוט: קאַליוזשעס, פלעקן, פּאַסן, טראָפּנס. ווי ס'איז צו זען, האָט מען די גאַסן שוין אַ ביסל צוגעראַמט, דאָך זײַנען נאָך דאָ און דאָרט אײַנגעטאָפּטשעט אין שניי הענטשקעס, קינדערשע קאַלאָשן. אומעטום שטויסט מען זיך אָן אַף קליינינקע מעשענע טרײַבעלעך — הילזעס פון רעוואָלווער־קוילן. איך באַמערק ניט, ווי איך טרעט אַרײַן מיטן פוס אין בלוט. ס'איז אַ פראָסט, און דאָס בלוט איז נאָך קלעפּיק. אינעם בלוט איז מינאַסטאַם געלעגן אַ האַרוג און געוואַרעמט עס מיט זײַן קערפּער, מע האָט אים, אַפּאָנעם, ערשט ניט לאַנג צוגענומען פונדאַנען. איך דערפיל, אַז אינווייניק אין מיר האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. איצט פאַרשטיי איך שוין, וואָס עס הייסט אַזוינס „אַקציע״.

אַנטקעגן קומען אָן אייניציקע ייִדן מיט זעק און טשעמאָדאַנעס. זיי טראָגן איבער צו זיך אין דער „קליינער געטאָ״ די פּראָדוקטן, וואָס זײַנען געבליבן אין די הײַזער פון זייערע מישפּאָכעס, — דאָרט אין די פּוסטע שטיבער דאַרף מען שוין ניט קיין שפּײַז.

באַ אונדז אין הויף האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט. אַפן גאַס איז נאָך ליכטיק, נאָר די פענצטער זײַנען פאַרהאַנגען. איך קלאַפּ אָן צוויי מאָל אין פענצטער — אַ סימען, אַז עס קלאַפּט

אן אייגענער. אף דער שוועל באַגעגענען מיך אַליע מיט דער מאַמען. זיי זײַנען דערשראָקן אף טויט. „געלער, איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז דער טאַטע. אין אַזאַ צײַט...“

אין שטוב איז אַלץ צעוואָרפן. די בעטן ניט פאַרבעט. דאָס געפעס ניט געוואַשן. די גאַנצע נאַכט איז מען ניט געשלאָפן. מען איז געזעסן אין אָנטאָן און געציטערט פאַר שרעק. די קינדער האָט מען אויך ניט אויסגעטאָן. נאָך אין אָוונט האָבן זיך אַלע דערוווּסט, אַז אף מאַסקווער, סאָדאָוניקאָווער און קאַטוילישער גאַסן האָט זיך שוין אָנגעהויבן. ביז פאַרטאָג האָט מען ניט געשאָסן, נאָר אינדערפרי, ווען אַליע האָט געוואָלט אַרויסגיין אף דער גאַס, האָט פרידמאַן זי פאַרהאַלטן און געראָטן איר אינערגעץ ניט גיין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מע האָט דערשאָסן די אַלטע לײַט. אין לאַגער וויל מען די זקנים אומזיסט ניט האָדעווען, דערפאַר האָט מען זיי צוליב עקאָנאָמיע דערשאָסן אין געטאָ. ס'איז געקומען אַ ייִדישער פּאָליצײַ און געמאָלדן, אַז די אַקציע איז אָפּגעשטעלט און קיין צווייטע וועט ניט זײַן. יעדנפאַלס, קאָן מען די נאָענטסטע טעג זײַן רויִק און לעבן ווי פריִער, נאָר אָן די מענער...

הײַנטיקע נאַכט זײַנען אַ סאַך מענטשן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, צווישן זיי עטלעכע דאָקטוירים. אַליעס שוועסטערקינד, לעליע באָרדאָ, האָט איבערגעשניטן די אַרטעריע פון דער האַנט בײַ איר פינפיאָריקן זשאָרזשיקן און דערנאָך אויך בײַ זיך. אינדערפרי האָט מען זי געפונען מיט זשאָרזשיקן אף די הענט אין אַ קאַליוזשע בלוט. דאָס קינד איז שוין געווען טויט. לעליע איז איצט אין שפּיטאָל. מע האָט איר געמאַכט אַ בלוט־אײַנשפּריצונג, און זי וועט בלײַבן לעבן...

די אַקציע איז דורכגעגאַנגען ביז די צוואַנציקער נומערן פון דער לודזאַס־גאַס. די גוטמאַנס און אונדזערע אַלטע וווינען אינעם הויז נומער 35. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, די דאַנציגערס, די מישפּאָכע וואַגע און אַ סאַך־אַ סאַך אַנדערע זײַנען שוין ערגעץ אין אַ לאַגער.

איזי פרידמאַן איז געקומען פרעגן, צי וויל איך ניט גיין מיט אים זוכן פּאַפּיראָסן. אייניקע זײַנען שוין געווען אין די פאַרלאָזטע שטיבער און דאָרט געפונען טאַבעק, פּאַפּיראָסן. אין דער ערשטער סעקונדע לויפט דורך אַ געדאַנק, אַז דאָס טאָר מען ניט טאָן, נאָר באַלד קומט אַ צווייטער געדאַנק: אויב מיר וועלן דאָס ניט טאָן, וועלן די דײַטשן אַלץ צונעמען. „אַוואַדע, — זאָג איך, — וואַרט נאָר צו, ביז איך וועל אָפּעסן“. ערגעץ אין דער טיף פון דער נעשאָמע מוטשע איך זיך: ניט שוין זשע פיל איך, אַז איך בין הונגעריק און קאָן נאָך טראַכטן וועגן טאַבעק, ניט שוין זשע בין איך אַזוי אומענטשלעך געוואָרן?..

נאַטע בעקער האָט געוווינט בײַ איר אייגענע אף דער קאַטוילישער גאַס. הייסט עס, אַז זי איז שוין אויך ניטאָ. אַ גרויסער טייל פון איר פּראָדוקטן זײַנען געבליבן בײַ אונדז. איך עס אויף פון איר קעסטל דרײַ אייער, טרינק אויס אַ גלאָז טיי און לאָז זיך מיט איזיקען אין וועג אַרײַן.

צוביסלעכווײַז דערגייט צו מיר, אַז ניט צוליב דעם, קעדיי זוכן טאַבעק, גיי איך איצט איבער די שטיבער, נאָר קעדיי אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך נאָכן פּאָגראָם. מע דאַרף זען מיט די אייגענע אויגן די שפּורן פון דער טראַגעדיע. איך ווייס פאָרויס, וואָס איך וועל זען, נאָר עפּעס אַ קראַפט ציט מיך אַהין...

אפן ראָג פון לודזאַס־ און דאַוגאַווּפּילסער גאַסן גייען מיר אַרײַן אין אַ הויז. דאָס ערשטע וואַרפט זיך אין די אויגן אַ טיר, וואָס איז צעהאַקט אף שטיקלעך. אַלע טירן פון דער ערשטער דירע — זײַנען צעפּראַלט, אפן דיל וואַלגערן זיך קישנס, קאָלדרעס. אפן טיש — רעשטן פון עסנוואַרג. ס'איז צו זען, אַז די מענטשן האָט עס געטראָפן אומגעריכט, מע האָט זיי אַרויסגעיאָגט אין אײַלעניש. איך באַמערק אַ פאַרגעסענעם פּאַספּאָרט, איך רוק אים אַרײַן אין קעשענע, קעדיי שפּעטער אָפּגעבן אין „סעקרעטאַריאַט פון דער קליינער געטאָ“. באַם בעט שטייט אַ נאַכט־טישל. אינעם אָפענעם שופלאָדל ליגן פאָטאָגראַפיעס פון אומבאַקאַנטע מענטשן, פאַרשיידענע רעפּועס, ברילן און דרײַ פּאַפּיראָסן „ריגע“. אין מויעך הערט ניט אויף צו פּיקן: וויִאַזוי וועט אויסזען דײַן אייגענע שטוב, ווען דיך וועט טרעפן דאָס אומגליק?

מיר לאָזן זיך גיין אין אַ צווייטער וווינונג. דאָ איז אויך דאָס זעלבע בילד. דורך דער אָפענער טיר פון דער קיך גייען מיר אַרײַן אין צימער. די שויבן זײַנען אויסגעזעצט און עס בלאָזט אַ שטאַרקער צוגווינט. אַלץ איז צעוואָרפן, בלויז דאָס בעט איז אין אָרדענונג. עמעצער ליגט דאָרטן. מיר גייען צו און קוקן זיך אײַן — ס'איז אַ מעס. אַ זאָקן מיט אַ קליין גראָוו בערדל. זײַנע גלעזערנע אויגן זײַנען געווענדט צום באַלקן. איך הייב אויף די קאָלדרע, קעדיי אַ קוק טאָן, צי זײַנען ניטאָ קיין ווונדן אף זײַן לײַב. ניין, ער איז, ווײַזט אויס, געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאָג. איך דעק אים אײַן און ווייס אַליין ניט, צוליב וואָס איך טו דאָס.

עס ווערט טונקל. מע דאַרף זיך צעשײַדן.

אף צוריקוועגס פארגיי איך אהיים, די מאמע עפנט מיר די טיר און מיט א סימען גיט זי מיר צו פארשטיין, אז אליע איז אנשלאָפן געוואָרן. אײַנגעדעקט מיט א מאנטל, ליגט זי אפן צעוואָרפענעם געלעגער, די קינדער זײַנען אויך אײַנגעשלאָפן, כאָטש עס איז ערשט זיבן אזייגער. איך וויל זיי ניט וועקן, דער שלאָף איז איצט דער איינציקער פארגעניגן. די מאמע הייסט מיר מיטנעמען א ביסל שפּײַז און א מאנטל. דעם מאנטל נעמען קאָן מען, ער וועט טאקע צוניצקומען, נאָר קיין פּראָדוקטן וועל איך ניט נעמען.

ביז אכט אזייגער דארף איך שוין זײַן צוריק אפן אָרט. אליען און די קינדער וועט די מאמע א קוש טאָן פאר מיר.

אין אונדזער דירע, אין דער „קליינער געטאָ", איז אף אלעמען אָנגעפאלן א מין הונגער־פסיכאָז. אלע עסן. יענע, וואָס זײַנען געווען אין דער „גרויסער געטאָ", האָבן געבראכט פּראָדוקטן פון די פארלאָזטע הײַזער. אין קיך קריגט מען זיך פאר אן אָרט בא דער פּליטע.

לעבן דער וואנט פון אונדזער צימער שטייט דאָס בעט פון דעם פארבער אראָנסאָן. ער ארבעט אין שטאָט אף א פאבריק. נאָך אים קומט שטענדיק א ספּעציעלער באגלייטער, וואָס פירט אים אף דער ארבעט. אראָנסאָן האָט גענומען צו זיך זײַן פּופּצניאַריק יינגל. אָט זיצן זיי איצט ביידע אפן בעט און עסן מיט אפּעטיט פיש־קאָנסערוון. זיי זײַנען אזוי פארטאָן אין דער אכילע, אז זיי באמערקן אפילע ניט אפן שכיינעסדיקן בעטל דעם מענטשן, וואָס טרייסלט זיך פון געוויין. נעכטן באנאכט האָט ער פארלוירן די מישפּאָכע.

הערצמארק רעדט מיט איינעם א יידן וועגן דער לאגע אפן פראָנט. דער ייד פארזיכערט אים, אז די סאָוועטישע ארמיי האָט פארנומען סטאראיא־רוסא און אז די דײַטשן וועלן איינגיכן לויפן פון ריגע. הערצמארק צייכנט אָן לויטן זיקאָרן א מאפּע און דערווײַזט, אז די דאָזיקע קלאַנגען זײַנען ניט באגרינדעט. דעם יידן זײַנען הערצמארקס באווײַזן ניט געפעלן.

הערצמארקס איידעם איז א פּאָליצײַ און דאָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו פארהיטן לעם זיך די מישפּאָכע. אלע פּאָליצײַען זײַנען פארבליבן לעבן מיט זייערע מישפּאָכעס.

בייס דער אקציע האָט מען צוגענומען אויך די מיטארבעטער פון יודענראט און א טייל פון דער פּאָליציי. זיי וועלן, זאָגט מען, איינעם נײַעם לאגער זיך פארנעמען מיט זייערע פליכטן. פון ערגעץ איז דערגאנגען א קלאנג, אז די ארויסגעפירטע פון געטאָ געפינען זיך אין סאלאספּילס, אין א געוועזענעם מיליטער־לאגער. מע האָט זיי קלוימערשט געגעבן בעטלעך, דאָרט איז ווארעם און עס איז אפילע פאראן עלעקטרישע שײַן. די דאָזיקע נײַס האָט, ווי שטענדיק, עמעצער געהערט פון עמעצן.

מיט אונדז וווינען צוויי מענטשן, וואָס זײַנען מעקאבער די הארוגים. אין געטאָ האָט מען דערהארגעט ארום אכט הונדערט מענטשן. אלס קלאל האָט מען געשאָסן אלטע און קראנקע, נאָר עס זײַנען אומגעקומען אויך איניקע יונגע מענטשן און קינדער. געשאָסן האָט מען אין קאָפּ, דער באַרימטער דײַטשישער „קאָפּפשוס". דאָס אלץ איז אזוי ווילד, אז עס האָט שוין אפילע אופגעהערט צו שרעקן. נאָך א באשטימטער גרענעץ הערט דער מענטש אוף צו פילן סײַ היץ, סײַ קעלט. די באגרעבער דערציילן וועגן זייער ארבעט אפן בעסוילעם, ווי וועגן עפּעס געוויינלעכס. זיי באגראָבן מייסים, מיר לייגן דורך א קאבעל...

פינקעלשטיין, וואָס איז מיט אלעמען צוזאמען געגאנגען אין דער „גרויסער געטאָ", האָט זיך ניט אומגעקערט. אף זײַן אָרט האָבן זיך אין אונדזער צימער אײַנגעאָרדנט איזי פרידמאן מיט זײַן כאווער מאָטקע. זיי שלאָפן ביידע אין פרידמאנס בעט. מאָטקע איז א טשיקאווער און לעבעדיקער באָכער. ניט געקוקט אף אונדזער לאגע, פאלט ער בא זיך ניט אראָפּ. ער שיט מיט גראָבע ווערטלעך און כאָכמעס, פון וועלכע הערצמארק איז דערשיטערט. שוין דעם ערשטן אָוונט האָט ער ארויסגעשלעפּט פון דער קעשענע א טעשל קאָרטן און צונויפגענומען א קאָמפּאניע שפּילן אין איין און צוואנציק.

ווי עס הייבט נאָר אָן שאריען, קומען מיר זיך צונויף אפן זאמלפונקט. איין טאָג האָב איך געארבעט אין האפן — געטאסקעט קוילן. דערנאָך ווידער אוועק צום „קאבעל". צו די פאמיליעס לאָזט מען אונדז ניט גיין, נאָר אונדזערע פּאָליצײַען פארזיכערן, אז דאָרט איז רויק. מיר האָפן, אז די ערשטע אקציע וועט אויך זײַן די לעצטע, און די לעבנגעבליבענע וועלן קאָנען רויק זיצן אף זייערע ערטער. וואָס איז געוואָרן מיט דער ערשטער פּארטיע, וועלכע מע האָט ארויסגעפירט פון געטאָ, ווייסט קיינער גאָרניט. עס גייען ארום פארשיידענע קלאנגען. איינע זאָגן, אז מע האָט קיינעם אין קיין שום לאגער ניט געפירט, מע האָט זיי פארטריבן אין די וועלדער און דערשאָסן. אנדערע טראכטן, אז דאָס איז א פאנטאזיע. עפּשער האָט מען בלויז א טייל קראנקע און שוואכע דערשאָסן אפן וועג צום לאגער. צו אזעלכע זאכן זײַנען מיר שוין צוגעוווינט.

בא אונדז אין דער „קליינער געטאָ“ זײַנען ווידער געשאפן געוואָרן פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אנשטאַלטן — אן אמבולאַטאָריע, א געמיינדע, א טעכנישער אָפטייל. ס׳איז ווידער אָרגאַניזירט געוואָרן פּאָליציי. הערצמארק האָט צוגעזאָגט מיך אײַנאָרדענען אין טעכנישן אָפטייל אלס מוליער, סטאָליער און אף אלערליי רעמאָנט־ארבעטן.

אין דער פּאָליציי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מיר וועלן ווידער קאָנען א פּאָר מאָל אין דער וואָך באזוכן אונדזערע מישפּאָכעס.

בא די דײַטשן זײַנען די געשעפטן אפן פראָנט ניט פויגלדיק. מיר גלייבן, אז עס האלט נאָענט דערצו, אז מיט זיי זאָל געשען דאָס זעלבע, וואָס איז געשען מיט נאפּאָלעאָנען. איצט זײַנען די לעצטע טעג פון נאָיאבער, אינגיכן וועט זיך אײַנשטעלן דער רוסישער ווינטער. די דײַטשן זײַנען צו אזא קעלט ניט צוגעגרייט. נאָך אזויפיל בלוט און דערנידעריקונג וועט ווידער אונדז א שײַן טאָן די זון פון פרײַהײַט...

הײַנט, ווען איך בין געגאנגען אהיים פון דער ארבעט, האָב איך זיך דערוווּסט, אז מע לאָזט ארײַן אין דער „גרויסער געטאָ“. זעקס טעג האָב איך זיך ניט געזען מיט מײַניקע — א גאנצע אייביקײַט.

אָט בין איך שוין באם טויער. אָן שום שטערונגען קום איך ארויס אף דער לודזאס־גאס. ס׳איז אויסגעפאלן א שניי און פארצויגן מיט ווײַסן די שפורן פון בלוט.

די הײַזער זײַנען ווידער געפאקט מיט מענטשן, נאָר די גאסן זײַנען פּוסט. איך אײַל, קעדיי ניט פארלירן קיין איין טײַערע מינוט. אונדזער הויף איז פארשאָטן מיט שניי, די שטוב זעט אויס נאָך נידעריקער, ווי געוועזן.

אליע האָט געמאכט אן אָרדענונג און ס׳איז ווידער געמיטלעך. מיר ריידן קימאט ניט, מיר זיצן און טוליען זיך איינס צום אנדערן. וועגן וואָס זאָלן מיר ריידן, — הײַנט לעבן מיר, און וואָס וועט זײַן מאָרגן?

איך האָב אָנגעהאקט אף א וואָך האָלץ, אויסגערייניקט דעם קוימען, אָפּגעגעסן קארטאָפל מיט זאלץ — און אָט מוזן מיר שוין זיך געזעגענען. ווער ווייסט, ווען מע וועט אונדז נאָכאמאָל דערלויבן זיך זען. וויפל מאָל האָבן מיר זיך שוין געזעגנט אף שטענדיק, נאָר דערווײַל האָט אונדז אָפּגעגליקט. אָט גיי איך ווידער אוועק. א גוטע־נאכט דיר, מאמע, א גוטע־נאכט אײַך, קינדער, זײַ געזונט, מײַן לענושקע, עפּשער וועל איך אין א וואָך ארום ווידער קומען. וואָס עס זאָל ניט זײַן, מוזן מיר אלץ איבערקומען, אלץ אויסהאלטן. די ליבע און דער גלייבן אין זיג דארפן אונדז אונטערהאלטן. וויין ניט, לענושקע...

די טיר האָט זיך פארמאכט הינטער מיר. אפן הימל האָבן זיך באוויזן די ערשטע שטערן, אונטער די פיס סקריפּעט דער שניי. עס ווילט זיך ארײַנעטעמען וואָס מער פרישע לופט. נאָר עפּעס דריקט צונויף די ברוסט. אָט איז דער וואכמאן באם שײַטער, דער טויער און — נאָכאמאָל די „קליינע געטאָ“.

פאר דער צײַט, וואָס איך בין ניט געוועזן, איז גרעסער געוואָרן די באפעלקערונג אין אונדזער וווינונג. עס האָבן זיך באוויזן עטלעכע באיאָרטע מענטשן. זיי האָבן אָפּגעגאָלט די קעפּ און, פארשטייט זיך, די בערד, מע זאָל ניט זען קיין גראָווע האָר. זיי סטארען זיך אויסזען יונג און ארבעטספייִק.

צו אונדז איז ארײַנגעקומען א געוועזענער יידישער ארטיסט און דערציילט אנעקדאָטן פון טעאטער־לעבן. מיר הערן די אנעקדאָטן, נאָר פריילעך ווערט אונדז ניט דערפון. איינציקווײַז לייגן מיר זיך שלאָפן. אין די צימערן איז פינצטער, עמעצער שושקעט זיך נאָך, מע הערט אייניציקע ווערטער. מאָטיע און איזקע שלאָפן, הערצמארק דרייט זיך אפן געלעגער. דאָס לויכטנדיקע ווײַזערל פון זײַן וועקזייגער ווײַזט האלב צוועלף. די אויגן קלעפּן זיך.

נאָר וואָס איז געשען? דוכט זיך, אז מע קלאפּט ערגעץ זייער נאָענט פונדאנען. די נאכטשטילקײַט ווערט צעריסן פון ווילדע געשרייען: „אופמאכען, שווײַנעהונדע, אָדער מיר שיסען!“ מיר לויפן צו צום פענצטער, רוקן פאָרזיכטיק אָפּ דאָס מאסקיר־פּאפּיר און קוקן ארויס אף דער גאס. לעבן א צווייִשטאָקיקן הויז, אנטקעגן אונדז, שטייט א גרופּע באוואָפנטע מענטשן און קלאפּט אין טיר. לענגויס דעם פּארקן פון געטאָ איז פארשטארקט די וואָך. דאָס וואָרט „אקציע“ פילט אָן אונדזער וווינונג. פון יענער זײַט גאס איז די „גרויסע געטאָ“. הייסט עס, אז אין יענעם צווייִשטאָקיקן הויז געפינען זיך בלויז פרויען און קינדער. און מיר, מאנצבלען, זייערע פארטיידיקער, קוקן דורך א שפּעלטל און בײַסן זיך די ליפּן פון מאכטלאָזן צאָרן.

ווײַזט אויס, אז קיינער עפנט דאָרט ניט. דאָס ברענגט ארויס די פּאשיסטן פון די קיילים. זייער געשריי און די זידלערײַ ווערן שטארקער. עס דערהערט זיך א שאָס. ס'האָט א בלאנק געטאָן א האק, און די לאָדן פון דער קעלער־ווינונג זײַנען צעבראָכן געוואָרן. אין קעלער האָט זיך באוויזן שײַן. דורכן פענצטער איז ארײַנגעקראָכן א סאָלדאט און אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך די דרויסן־טיר צעעפנט. פארבײַ דעם אָפענעם פענצטער פון קעלער שווינדלט דורך א פרוי מיט א רוקזאק אף די פּלייצעס, אפן רוקזאק זעט מען גוט די געלע לאטע.

פון דער „גרויסער געטאָ" הערן זיך איינציקע שאָסן. ווײַזט אויס, אז אין אלע הײַזער קומט דאָרט פאָר דאָס זעלבע. מיסטאמע יאָגט מען ארויס אין דער נאכט ארײַן אויך אליען מיט די קינדער...

פון צווייטשטאָקיקן מויער גייען ארויס אײַנגעבויגענע מענטשן. מע שטעלט זיי אויס צו צוויי אין א ריי. איינציקע פרויען טראָגן אף די פּלייצעס רוקזעק, אף די הענט האלטן זיי קינדער. א סאָלדאט שפּאנט ארום הין און צוריק מיט א ציגאר אין מויל. די קאָלאָנע וואקסט און וואקסט. אין דרויסן איז א פראָסט, און די פרויען מיט די קינדער שטייען און שטייען. ס'איז שוין באלד איינס באנאכט. ענדלעך דערהערט זיך א קאָמאנדע, און די קאָלאָנע לאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג פון דער לודזאס־גאס.

אין פוסטן הויז זײַנען צעפּראלט די טירן, דורך אן אויסגעבראָכן פענצטער זעט זיך א צע־רויבטע שטוב. דאָס לעמפּל האָט קיינער ניט פארלאָשן. אלץ אָפּטער און אָפּטער הערן זיך שאָסן. יעדערער פון אונדז טראכט איצט, וואָס עס קומט פאָר מיט זײַן מישפּאָכע, מיט זײַנע אייגענע און נאָענטע. אין גרויסן צימער ווײנט עמעצער אף א קאָל. די איבעריקע מענטשן זײַנען פארשטיינערט, מע שווײַגט. איך ליג אפן בעט פארגליווערט. איך ווייס, אז מע האָט ארויסגעטריבן פון שטוב די מאמע, אליען, דימעטשקען, דאָס מיידעלע, אז מע האָט זיי ערגעץ פאריאָגט. פאר וואָס? פאר ווען?

עס טאָגט שוין. איך וועל הײַנט אף דער ארבעט ניט גיין. איך מוז וויסן, וויאזוי ס'איז דורכ־געגאנגען די אקציע.

איך גיי מיט הערצמארקן אין טעכנישן אָפּטייל. דאָרט ווייסט מען שוין אלץ. באנאכט האָט מען ארויסגעטריבן די פארבליבענע באפעלקערונג. דער באפעל איז אָנגעקומען אומדערוואַרט. די יידישע פּאָליציי פון דער „גרויסער געטאָ" איז אויך אוועק.

דער טעכנישער אָפּטייל דארף צושטעלן אפן בעסוילעם אן ארבעטער־קאָמאנדע. באלד וועט ווערן ליכטיק, וועלן מיר גיין. מיר טראָגן ארויס פון סקלאד לאָפּעטעס, קירקעס, לאָמען. אין הויף האָבן זיך פארזאמלט מענטשן מיט שליטנס און וועגעלעך. ווײַזט אויס, אז ארבעט וועט קלעקן. אף אלעמענס פּענעמער זײַנען פארבליבן שפּורן פון דער שלאָפלאָזער נאכט.

די גאסן פון דער „גרויסער געטאָ" זײַנען ניט צו דערקענען. דער שנייַ איז ווי פארשווונדן. אומעטום — הארוגים. אלטע לײַט, קינדער און פרויען. עס וואלגערן זיך קינדער־וועגעלעך, שליטעלעך, הענטשקעס, קאלאָשן, טאָרבעלעך מיט עסנווארג, א פלעשל מיט א סאָסקע. הארוגים און הארוגים. זיי זײַנען נאָך ווארעם, די פּענעמער פארגאָסן מיט בלוט, די אויגן אָפן.

מיר לייגן אוועק צו צוויי מייסים אף א שליטן אָדער אף א וועגעלע. די דיקע פרויען זײַנען נאָך ניט פארגליווערט געוואָרן. ס'איז אומעגלעך זיי אופהייבן, זיי גליטשן זיך ארויס פון די הענט. עס דוכט זיך, אז די דאָזיקע פרויען לעבן נאָך, אָט־אָט וועלן זיי אופהייבן א גוואלד. ווען מיר פירן זיי, הוידען זיי זיך, ווי לעבעדיקע, און דאָס בלוט פאלט פון זיי שטיקערווײַז אפן שניי. זיי זײַנען אזוי אָנגעפּעלצט, אז זיי וועלן נאָך לאנג זײַן ווארעם. ווארעמערהייט וועט מען זיי מע־קאַבער זײַן.

מיר ברענגען די הארוגים צום טויער פון בעסוילעם. דאָרט לייגן מיר זיי צונויף רייענווײַז, מענער באזונדער און פרויען באזונדער. די אָנגעשטעלטע פון דער געמיינדע זוכן בא זיי דאָקו־מענטן. די, בא וועמען מע געפינט ניט, סטארעט מען זיך דערקענען אין פּאָנעם.

מע האָט געבראכט א ייִנגעלע פון א יאָר צוועלף, א ווונדערלעך שיין קינד. ער איז אָנגעטאָן אין א גרוי מאנטעלע מיט א פוטערן קעלנערל און אין נײַע שטיוועלעך. דאָס קינד איז געלעגן אף דער פּלייצע מיט ברייט צעעפנטע בלויע אויגן און מיט א וואקסן פּענעמל. א רעוואָלווער־קויל האָט אים דורכגעשאָסן די פּאטיליצע, דאָס קעלנערל איז פארגאָסן מיט בלוט. ער איז געלעגן, ווי א ליאלקע, עפּעס האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אז ערשט ניט לאנג איז דאָס געווען א לעבעדיק און פריילעך קינד.

איצט פארנעמען זיך אנדערע מיט אריבערפירן די הארוגים. מיר גראָבן די קוואָרים. דער־ווײַל האָב איך צווישן די דערהארגעטע ניט געטראָפן קיין קרויווים, נאָר איך בין זיכער, אז

אליעס עלטערן זײַנען צווישן זיי. מיר גראָבן א גרוב לעבן דער פארברענטער סינאַגאָגע. ארום און ארום וואקסן ביימער, וועלכע מע דארף אויסוואָרצלען. די ערד איז אזוי פארפרוירן, אז עס קומט אויס האקן פון איר שטיקער ווי פון א שטיין. נאָר די שווערע פיזישע ארבעט איז איצט א רעטונג, מע באמערקט ניט, ווי פון די ליפּן רינט בלוט און מע פילט ניט קיין ווייטעק. עס טוט שטארק ווי דאָס הארץ, נאָר אויך דאָס הארץ וועט מען אינגיכן אופהערן פילן. די געדאנקען פלאָנטערן זיך. אויסערלעך בין איך רויִק. איך פארייכער, שפּײַ אויס מיט בלוט און פארבײַס ווידער די ליפּן.

סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר דורכגעבראָכן דעם שיכט פארפרוירענע ערד, איצט האקן מיר אונטער די וואָרצלען, און די גרוב ווערט טיפער און טיפער. דער קייווער איז א גרויסער, אנערעך צוויי מעטער אף פינף. באם גראָבן שטויסן מיר זיך אָן אף עפּעס הארטס. איך נעם האקן מיט דעם זאסטעפּ און ווארף ארויס צוזאמען מיט דעם זאמד עפּעס א געוואנט איניינעם מיט א שטיק פלייש. דאָס איז א קאָרבן נאָך פון הארבסט. מיר לאָזן דעם מעס אף דעם אָרט און גראָבן ארום אים. עס באקומט זיך, ווי א מין אינדזל, מיר זײַנען שוין ביז דער ברוסט אין דער ערד. נאָך א מעטער, און מיר וועלן אָנהייבן באערדיקן די קאָרבאָנעס. די מייסים לייגט מען צונויף בא די גאנץ געבליבענע ווענט פון דער סינאַגאָגע, אייניקע האָט מען צוגעשפּארט צו דער וואנט, און עס דוכט זיך, אז זיי זיצן. ס'ארא שוידערלעכער קאָנטראַסט: א ריינער און לויטערער הימל — און פּענעמער, פארגאָסענע מיט בלוט.

צו אונדז גייט צו א פּאָליצײַ און וואָרנט, אז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן ארויסגיין פון בעסוילעם און ניט צוגיין צום פּלויט. עס ווײַזט זיך ארויס, אז פון די ווײַטערע גאסן האָט מען באנאכט ניט ארויסגעזעצט די אײַנוווינער, און איצט וועט דאָ פארבײַגיין די לעצטע קאָלאָנע. דער פּאָליצײַ וואָרנט, אז פאר צוגיין צום פּלויט וועט מען דערשאָסן ווערן.

די ארבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר הערן זיך צו. לאנג קומט אונדז ניט אויס צו וואַרטן. אינגיכן דערטראָגן זיך די באקאנטע זידלערײַען. פון יענער זײַט פּלויט באווײַזן זיך קעפּ און אקסל פון די פאשיסטישע רײַטער. מע הערט, ווי א סאך פיס שארקען איבער דער ערד. דער טויער פון בעסוילעם איז א מאסיווער, נאָר ער איז אף א סאנטימעטער 25—30 אונטערגעהויבן פון דער ערד. אז מע שטייט אין גרוב, קאָן מען זען אָן א שיר פיס. די פיס באוועגן זיך פּאָר־זיכטיק, מיט קליינע טריטעלעך, מוירע האָבנדיק אויסצוגליטשן זיך. צײַטנווײַז שווינדלען פארבײַ קליינע קינדערשע פיסעלעך. אָ, וויפל פּײַן און ליידן דריקן אויס די דאָזיקע פיס, וויפל אכזאָריעס און טעמפּע צופרידנקײַט דריקן אויס די קעפּ און די אקסל פון די רײַטער.

צוביסלעכווײַז ווערט פון יענער זײַט פּלויט שטיל, זעלטן הערט זיך פון ווײַטן א געוויין פון א קינד אָדער א געשריי פון א באנדיט. די קאָלאָנע איז פארבײַגעגאנגען, מע זעט מער ניט קיין פיס, פּאמעלעך דערווײַטערן זיך די רײַטער.

די גרוב איז פארטיק. באערדיקן די מייסים וועלן אנדערע, און מיר קאָנען גיין זיך אָפּרוען. איך וויס אליין ניט פארוואָס, נאָר איך נעם אראָפּ פון דער האנט דעם קדושן־רונג און לייג אים ארײַן אין קייווער. איניינעם מיטן רונג בין איך מעקאבער די פארגאנגענהײַט און די האָפענונג. איך פיל קלאָר, אז דאָס איז שוין דער סאָף.

מיר גייען צום טויער א קוק טאָן אף די מייסים, וואָס מע האָט ערשט געבראכט. עפּשער וועלן מיר עמעצן דערקענען. מיר שלעפּן זיך פּאמעלעך מיט א שמאָל שטעגעלע צווישן די אלטע קוואָרים. די זון שטייט שוין נידעריק און ווארפט לאנגע אויסגעקרימטע שאָטנס. אף דעם בעסוילעם איז ערגעץ דער קייווער פון מײַן פאָטער. פינקטלעך ווו — געדענק איך ניט. דאָס איז אן אלט פעלד, א סאך יאָרן האָט מען שוין דאָ קיינעם ניט מעקאבער געווען.

צווישן די מייסים באם טויער דערזע איך עטלעכע באקאנטע פּענעמער פון אלטע לײַט. די שטעגעלעך צווישן די קוואָרים זײַנען שמאָל, צופירן צו דער גרוב די שליטלעך איז אומעגלעך. טראָגן מיר די מייסים אף טארע־ברעטער, וואָס זײַנען אויסגעווייקט אין בלוט. איך האלט קוים אײַן דאָס הענטל פון טארע־ברעט. דער מעס איז א שווערער, און די סטעזשקע איז קרום. איך שטרענג אָן אלע קויכעס, דער בארמינען זאָל ניט אראָפּפאלן. די גרוב איז שוין קימאט פול. פון איין זײַט ליגן פרויען, פון דער צווייטער מאנצבלען. מע סטארעט זיך זיי לייגן וואָס ענגער, קעדיי אײַנשפּאָרן אָרט. עמעצער פירט א כעזשבן. צוויי און אכציק האָט מען שוין צונויפגעלייגט. מע שפּארט ארײַן נאָך פיר, מער מייסים ארײַנלייגן אין גרוב איז אומעגלעך.

די זון איז שוין גאָר נידעריק, מע דארף זיך צווײַלן מיט דער ארבעט. די גרוב פארשיט מען אפגיך מיט געפרוירענעם זאמד, עס וואקסט אויס א הויך געל בערגל. ס'איז שטיל. בלויז פון יענער זײַט פּלויט רודערט זיך, מע הערט, ווי עס סקריפּען די שליטנס און די וועגעלעך, וואָס פאָרן צום בעסוילעם. און אָט שטעלן זיך אויס עטלעכע צענדליק יידן, ווי זיי וואָלטן זיך געהאט צונויפגערעדט, אין א האלב־קרײַז ארום דעם קייווער, מיטן פּאָנעם צו מיזרעך. די, וואָס האָבן

אַט ערשט דאָ באַגראָבן אייגענע — אַ פֿאָטער צי אַ מוטער, מאַכן אַ שפּאַן פֿאָרויס. אין דער שטילקייַט דערהערט זיך: יתגדל ויתקדש שמה רבא (יִיסגאַדאַל וועיִסקאַדאַש שמיי ראַבאָ). מע זאָגט קאַדעש, און אַלע מיטאַמאָל ענטפֿערן — אָמיין. עס טוט אַ בלאַנק אַ שערל, און די, וואָס שטייען פֿאָרויס, רײַסן קריִע אין זייערע רעקלעך. עס ברעכט אויס אַ געוויין צווישן אוילעם: דאָס האָבן אַלע אָנגעהויבן דאַוונען. איך דאַוון ניט, נאָר איך שטיי אַ פֿאַרגליווערטער, און דאָס האַרץ איז גרייט אַרויסשפּרינגען.

מיר איז אָפּט אויסגעקומען זײַן אַף לעווײַעס, — אַף ייִדישע, רוסישע און אַנדערע. וואָכנ־ווײַז האָב איך געאַרבעט אַף פֿאַרשיידענע בעסאַלמענס, בייס איך האָב אַלס סקולפּטאָר געגרייט מעמאָריִאַלע מאַציייוועס. די טפֿילעס האָבן בא מיר שטענדיק אַרויסגערופֿן אַ ווידערווילן. איך האָב געוווּסט, אַז בא דעם כאַזן צי בא דעם גאַלעך איז די שטים שטענדיק פּראָפֿעסיִאָנעל צום פֿאַר־מעגן פֿונעם באַרמינען. מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען הערן, ווי דער כאַזן האָט מיט אַ יאָ־מערדיק קאָל באַווייִנט אַ נאָגיד און בעכיפֿאָזן געמורמלט אַ טפֿילע אַפֿן קייווער פֿון אַן אָרעמאַן.

אָבער הײַנט האָט דאָס טפֿילע זאָגן ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיט דעם אַלעם. די ווערטער און דעם זין פֿון דער טפֿילע האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. איך ווייס נאָר, אַז די דאָזיקע מינוטן וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, דאָס בילד איז מיט סאַרפֿענדיקן שטאָל אויסגעברענט אין מײַן זיקאָרן.

אונדזער גרופּע שלעפּט זיך צו דער „קליינער געטאָ“. ס׳איז שוין טונקל. די גאַס, וועלכע מיר גייען דורך, איז נאָך ניט אופֿגעראַמט. מע האָט נאָר צוגענומען די האַרוגים. אַפֿן אָרט, ווו זיי זײַנען געלעגן, זעען זיך רויטע פֿלעקן.

די שטוב איז שוין פֿול מיט מענטשן, אין פֿאָנעם האָט אַ זעץ געטאָן דאָס געריך פֿון קאַר־טאָפֿל־לאַטקעס, אַ דאַמף און אַ היימישע וואַרעמקייַט. איזקע און מאָטקע האָבן געריייניקט די גאַסן. נאָך דער אַרבעט האָט מען זיי דערלויבט נעמען שפּייַז־פּראָדוקטן אין די פֿאַרלאָזטע הײַזער. זיי האָבן געבראַכט אַ פֿול טשעמאָדאַנדל מיט שפּײַז: קעז, פּוטער, אײַנגעזאַלצן פֿלייש און קאָנ־סערוון. וועגן דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען, סטאַרען מיר זיך ניט צו ריידן, לעכאָלאָפּאָכעס איצט. הערצמאַרק האָט זיך געגומען קולינאַרעווען. דער שטענדיק לעבעדיקער מאָטל איז הײַנט שטיל. בייס דער אַרבעט איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין דער וווינונג פֿון זײַן שוועסטער און געפֿונען אַף די טרעפּ איר פּאַספּאָרט. איצט טראַכט ער אַלץ, וואָס זאָל דאָס באַטײַטן. איזקען האָט זיך נישט אײַנגעגעבן צו זײַן ניט בא זיך, ניט בא מיר אין דער היים — ער האָט געאַרבעט אין אַ צווייטן עק פֿון דער געטאָ. אויסער פּראָדוקטן האָט ער נאָך ערגעץ געפֿונען אַ זייגערל און אַ פּאָרטסיגאַר.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען טיי, האָב איך זיך צוגעלייגט און באַלד אַנשלאָפֿן געוואָרן. מיר האָט זיך גאָרנישט ניט געכאָלעמט. אַרום צען אין אָוונט האָב איך זיך אופֿגעכאַפּט. אַנטקעגן מיר זיצט הערצמאַרק און האַלט דעם קאָפּ אין ביידע הענט. די אויגן זײַנען בא אים פֿול מיט טרערן, די ליפּן כאַזערן איבער איינס און דאָס זעלבע: „אָרעמע מײַנע, האַרציקע מײַנע“. ווי מיט אַ מעסער האָט מיר אַ שטאָך געטאָן דאָס האַרץ. פֿאַר די אויגן איז אופֿגעשטאַנען אַ שוידערלעך בילד. איך האָב בוילעט געזען, ווי אין מײַן קליין שטיבל צעפּראַלט זיך די טיר, עס רײַסט זיך אַרײַן אַ כאָפּטע מיט גרינע בענדלעך אַף די אַרבל. אַליע וויקלט אַפּגיך אײַן דימען, כאַפּט אַרויס פֿון בעטעלע דאָס פֿאַרשלאָפֿענע מיידעלע. די מאַמע העלפֿט איר. טשאַרלי האָט פֿון שרעק זיך פֿאַרשלאָגן אין אַ ווינקל, און די שיקערע באַנדיטן יאָגן אונטער און ווערטלען זיך דערבײַ... איך האָב פֿאַר זיך געזען אַליען מיט אַ רוקזאַק אַף די פּלייצעס. זי שטופּט פֿאַר זיך דאָס קינדער־וועגעלע מיטן מיידעלע...

מיט אונדז קומען אַמאָל פֿאָר אומפֿאַרשטענדלעכע זאַכן. ניט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס איך טו, נעם איך אַ בלײַער און זעץ זיך שרײַבן, — איך שרײַב אַ ליד „אַקציע“. פֿאַר די אויגן שווימען אוף בילדער. די ריטמען קומען אַליין פֿון זיך. מאָדנע, איך האָב דאָך קיינמאָל קיין לידער ניט געשריבן.

דער אוילעם אין דעם גרויסן צימער איז אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער. יעדערער לעבט איבער די גזיירע אַף זײַן אייגענעם אופֿן. איינע ליגן און קוקן מיט גלעזערנע אויגן אַף דער סטעליע, אַנדערע טײַנען אַף אַ קאָל מיט גאָט, די דריטע יאָמערן. אַ קליינוווּקסיקער מאַנצבל, ענלעך אַף אַ יאַפּאַנער, בויט נעקאָמע־פּלענער. פֿאַרכלינענדיק זיך, באָדט ער זיך שוין אין טײַכן בלוט פֿון די סאָנים. ער וועט אַף קיינעם קיין ראַכמאָנעס ניט האָבן. ער איז אין עקסטאַז.

די טיר טוט זיך האַסטיק אַן עפֿן, אומגערן שפּרינגען אַלע אוף פֿון די ערטער. עס שטעלט זיך אַרײַן אַ ייִדישער פּאָליצײַ מיט אַ בלאָקנאָט אין דער האַנט. לויטן באַפֿעל פֿון דעם געטאָ־

קאָמענדאַנט דאַרף ביז זעקס אַזייגער פאַרטאָג צוגעשטעלט ווערן אַ פּינקטלעכער כעזשבן פון אַלע ייִדן. אַכט אַזייגער דאַרפן זיך אַלע פאַרזאַמלען אַף דער ווילאַנו־גאַס. דער פּאָליציי וואָרנט, אַז קיינער זאָל ניט בלײַבן אין שטוב, ווײַל די דײַטשן וועלן אַליין קומען קאָנטראָלירן. וועמען זיי וועלן געפינען, וועלן זיי דערשיסן.

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער טראַכט שוין ניט וועגן שלאָפן. מיר קלערן, אַז ס'איז ניט אויסגעשלאָסן אַ נײַע אַקציע, נאָר די מערהײַט פון אונדז איז גלײַכגילטיק. מיר זײַנען שוין צו אַלץ געוווינט. אַ סאַך מיינען, אַז דאָס רופט מען אונדז צונויף, קעדיי פאַנאַנדערטיילן די אַרבעטס־קראַפט, מאַכן אַ דײַטשישע אָרדענונג און וואָס בעסער אויסנוצן אונדז. איך קלער אויך אַזוי. דאָס זעט אויס לאָגיש. מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען. און איצט דאַרף מען זיך צולייגן, קויעך וועט מען יעדנפאַלס דאַרפן האָבן.

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז הערצמאַרק האָט מיך הײַנט שוין אײַנגעשלאָסן אין צעטל פון די אַרבעטער פון טעכנישן אָפּטייל. דער טעכנישער אָפּטייל וועט מיסטאַמע זיך שטעלן אין אַ באַזונדער ריי. מיר געהערן צו דער „אַריסטאָקראַטיע" פון דער געטאָ. דער שעף פון אונדזער אָפּטייל אַנטאָקאָל פאָדערט, מיר זאָלן אַרבעטן פלײַסיק. און דערפאַר וועט ער פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זײַנע אונטערטעניקטע.

מיר לעבן דאָך אַלץ מיט דער האָפענונג, אַז אונדזערע מישפּאָכעס געפינען זיך אין אַ לאַגער, און דאָס גיט אונדז צו ווילן צו לעבן. אונטער דער אופזיכט פון אַנטאָקאָלן זײַנען מיר, דוכט זיך, אין אַ קלענערער געפאַר.

זיבן אַזייגער אינדערפרי קומען מיר אין טעכנישן אָפּטייל. דער געוועזענער דירעקטאָר פון ייִדישן טעכניקום אינזשעניער זאַסלאַווסקי וואַרעמט וואַסער אַף דער פּליטע. אַמאָל האָט ער געטראָגן אַ גרויסע גראָווע באָרד. איצט האָט ער זי אָפּגעגאָלט, קעדיי אויסזען ייִנגער. דערפאַר איז שווער אים צו דערקענען. מישע לאַט — אַ געוועזענער לערער פון גימנאַזיע, פירט דאָ די „בוכהאַלטעריע". אַ העלער בלאָנדין מיט בלויע אויגן, מיט ריכטיקע געזיכטס־שטריכן, איז ער ניט ענלעך אַף אַ ייִדן, ער רעדט מיט אַ מאָסקווער אויסשפּראַך, זעט אויס, ווי אַן אויסגעשפּראָכענער פאָרשטייער פון דער צאָפן־ראַסע. ער דערציילט, אַז וואַנט, דער „פּרעפעקט" פון דער ייִדישער פּאָליציי, האָט געזאָגט, אַז אין געטאָ זײַנען געבליבן פיר טויזנט פיר הונדערט ייִדן און הײַנט וועט פאָרקומען אַן איבערפאַרטיילונג פון דער אַרבעטס־קראַפט.

עס קומען אַלץ נײַע און נײַע מענטשן. אין צימער ווערט ענג. אַרום אַכט אַזייגער קומט צו גיין אַנטאָקאָל און מעלדעט, אַז דער טעכנישער אָפּטייל און די אַמבולאַטאָריע, וועלכע זײַנען נייטיק פאַר דער געטאָ, וועלן אַפן „פּאַראַד" ניט גיין.

מיר שטייען מיט הערצמאַרקן באַם פענצטער און קוקן אַף דער אויסגעשטאָרבענער געטאָ. ערשט נעכטן האָבן זיך געצויגן צום הימל זײַלעכלעך רויך. הײַנט איז אַלץ טויט. ערגעץווו לויפט דורך איבערן פאַרשנייטן הויף אַ פאַרלאָזטע קאַץ, עס פליט פאַרבײַ אַ טשאַטע הונגעריקע טויבן. מיר שטייען אַפן דריטן שטאָק, אַנטקעגן אונדז איז אַ נידעריק הויז פון דער „גרויסער געטאָ", אַזוי אַז מיר זעען ווײַט. אונטער אונדז ליגט די ליקסנאַס־גאַס. לענגאויס דער גאַס ציט זיך אַ הויכער פּלויט. הינטער אים, אין סאַמע מיטן פון אַ גרויסן הויף, שטייט אַ שוואַרצע אײַנשטאָקיקע שטוב, אַ געוועזענער סטאָליער־וואַרשטאַט. אין דער טיף פון הויף זעט זיך עפּעס אַ שטעלכל, אַ מין צײַטונג־קיאָסק. אין הויף — דרײַ קליינע ביימלעך. און דאָס איז אַלץ. צו אונדזער גרויסער פאַרוווּנדערונג דערזעען מיר, אַז פון קוימען ציט זיך אַ דין רויכל. מאָדנע, דאָס הויז האָט נעכטן געדאַרפט באַפרײַט ווערן פון די אײַנוווינער באַגלײַך מיט אַלע איבעריקע הײַזער. געוויס האָט מען עס ניט באַמערקט און דורכגעלאָזט...

פון דער שטוב צום שטעלכל פירן טיפע שפּורן אין שניי. די טיר פון שטוב עפנט זיך פאָרזיכטיק אויף. עס גייט אַרויס אַן עלטערע פרוי. זי סטאַרעט זיך שטעלן די פיס אין די אַלטע שנייִשפּורן. אָט לאָזט זי זיך גיין צום שטעלכל. פון שטוב גייט אַרויס נאָך אַ פרוי, אַ יונגע, און לאָזט זיך אויך גיין מיטן זעלבן וועג. באַלד קערן זיי זיך אום און בלײַבן ביידע שטיין באַ דער שוועל פון זייער הויז. זיי ריידן וועגן עפּעס. ס'איז קענטיק, אַז זיי זײַנען שטאַרק צעטראָגן, וועגן דעם זאָגט איידעס זייער לויפן הין און צוריק איבערן הויף. פּלוצעם לאָזט זיך די ייִנגערע צום טויער און נעמט קוקן דורך אַ שפּאַלט אַף דער גאַס. באַלד קערט זי זיך אום צוריק צו דער שטוב און זאָגט עפּעס דער אַלטער. איצט גייט שוין צום טויער די אַלטע. מיר זעען, ווי זי טוט אַ קוועטש די קליאַמקע, נאָר שטעלט זיך ניט אײַן אופעפענען די פאָרטקע. ווידעראַמאָל לויפט זי איבערן הויף... די נערוון האָבן, ווײַזט אויס, שוין ניט אויסגעהאַלטן. ביידע גייען צו צום טויער. דורך דער אופגעעפנטער פאָרטקע רוקט זיך אַרויס אַ בלאַס פּאָנעם און אַ האַנט מאַכט אַ צייכן דעם

וואַכמאַן, וואָס שטייט ניט ווײַט, ער זאָל צוגיין. דער סאָלדאַט לאָזט זיך גיין ניט געײַלט. די פרויען דערקלערן עפּעס. דער סאָלדאַט הערט זיי אויס און גייט אוועק...

די אומגליקלעכע פרויען האָבן ניט אויסגעהאַלטן די שרעק און אַליין אַרײַנגערופן דעם טויט. ווי אין אַ שטומען קינאָפילם שפּילט זיך פאַר אונדזערע אויגן פאַנאַנדער אַ טראַגעדיע. דער־שראָקענע וואַרטן מיר, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן. וואַרטן קומט אויס ניט לאַנג. אין אַ מינוט צען אַרום גייען צו צוויי פאַשיסטן, זיי זײַנען אָן ביקסן, נאָר מיט רעוואָלווערן אַף די רימענס. זיי פאַרשווינדן הינטערן טויער און דערנאָך גייען זיי אַרײַן אין שטוב. פון דאָרט קומען זיי אַרויס אין דער באַגלייטונג פון דער זקנה מיט דער יונגער פרוי. די יונגע האַלט אַ קינד אַף די הענט. קיין שום זאַכן טראָגן זיי ניט. אַפילו קיין קוישעלע — צוליב וואָס?

ביז דעם בעסוילעם איז צען מינוט גאַנג, ניט מער. מיר האַלטן ניט אויס און עפענען אויף די אינווייניקסטע פענצטער־ראַם, לייגן צו אַן אויער צו דער שויב און הערן זיך אײַן מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם. די מינוטן ציִען זיך אומענדלעך לאַנג. און אָט דערהערן זיך דײַטלעך פיר שאָסן. איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער און נאָך אַ פערטער. איין שאָס איז מינאַסטאַם ניט גע־ראָטן. די דראַמע האָט זיך פאַרענדיקט גיך און פראָסט.

מיר שטייען באַם פענצטער, ווי פאַרשטיינערטע. צו דער ווירקלעכקײַט קערט אונדז אום אַ שטאַרקער קלאַפּ פון דער טיר:

— גיכער, גיכער! אַלע אָן אויסנאַם דאַרפן זײַן אַף דער ווילִיאַנו־גאַס, דער טעכנישער אָפּטייל אויך! — דאָס האָט אין איין אָטעם אויסגעשריִען אונדזער ייִדישער פּאָליצײַ. אין אַ סע־קונדע אַרום פאַרהאַקט זיך הינטער אים די טיר און ער איז שוין אויסגערונען. אַנטאָקאָל איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען, און מיר ווייסן ניט, וואָס צו טאָן. איינע ווילן אָן אים זיך ניט רירן פונעם אָרט, די אַנדערע אײַלן זיך וואָס גיכער גיין. אַנטאָקאָל קומט צו לויפן. ס'איז קענטלעך, אַז ער איז שטאַרק אומרויִק. ער לאָזט זיך ניט אַרײַן אין קיין שמועסן און זאָגט נאָר אָן, אַז מיר זאָלן זיך ניט שטעלן אין די אַלגעמיינע רייען — זיך אונטערוואַרפן נאָר אים. אין הויף טרעפן מיר נאָך פופצן אַרבעטער פון טעכנישן אָפּטייל. מיר שטעלן זיך אויס אין אַ קאָלאָנע צו צוויי און גייען אוועק מיט גיכע שפּאַן צו ווילִיאַנו־גאַס. ווען מיר קומען אַפן אָרט, ווײַזט וואַנט אָן אַנטאָ־קאָלן, וווּ ער זאָל אונדז לאָזן שטיין.

אַף דער ווילִיאַנו־גאַס זײַנען די ייִדן אויסגעשטעלט, ווי מיליטער בייס אַ שוווּע, — אין דער פאָרם פון אַ פּירעק. עס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט באַ דריט־האַלבן טויזנט מענטשן. די איבעריקע זײַ־נען אַף דער אַרבעט אין די דײַטשישע מיליטער־טיילן. אַפן ראָג לודזאַס־גאַס שטייט אַ גרופּע דײַטשן. דער פּאָליציי־אָפיצער האַלט אין די הענט אַ פּאַפּירל, ער דערקלערט עפּעס אונדזער דאַנצקאָ־מען. וויבאַלד דאַנצקאָם איז דאָ, שמעקט מיט בלוט.



א הויף אין ריגער געטאָ

אין אַזאַ ווונדערלעכן וועטער, ווי הײַנט, דערצו נאָך אינדערפרי, ווען ס'איז אַזוי ליכטיק, אַז פון דעם בלענדנדיקן שניי טוען אַזש וויי די אויגן, זעט אויס יעדער מין אַקציע אוממעגלעך. קאָן זײַן, אַז ניט אַלע פילן אַזוי, נאָר מיר גלייבט זיך ניט, אַז אין אַזאַ פרײַ־מאָרגן, באַ אַזאַ זון איז מעגלעך שטאַרבן.

וואַנט און זײַן געהילף קעלמאַן לאָזן זיך לויפן צום דײַטש, וואָס האָט זיי אַ רוף געטאָן מיט אַ קוים באַמערקבאַרן צייכן מיט דער האַנט. דער דײַטש גיט אָפּ אַ באַפעל, און עס ווערט שטיל. איבער די רייען לויפט דורך אַ „פריידיקע" נײַס — מע נעמט מענטשן אַף שטענדיקער אַרבעט. ווי אַף צו באַשטעטיקן די נײַס, שטעלן זיך אָפּ באַם ראָג פון לודזאַס־ און ווילִיאַנו־גאַסן בלויע אווטאָבוסן. עס גלייבט זיך ניט, אַז מע זאָל אונדז מיט אַזאַ קאָמפאָרט פירן אַף אַרבעט. נאָר קיין אַנדערע פּאַסאַזשירן, כוץ אונדז, זײַנען דאָ ניטאָ, און אומזיסט וועלן די דײַטשן קיין בענזין ניט פּאַטערן.

דער דײַטש, אין דער באַגלייטונג פון סטאַנקען און טוכעלן, לאָזט זיך גיין צו אונדז. ער האַלט נאָך אַלץ דאָס פּאַפּירל אין די הענט. אַלע זײַנען אָנגעשטרענגט. „אַכטונג, אין דער ערשטער ריי דאַרף איך באַלמעלאָכעס — שנײַדער, שוסטער, שטעפּער, מעכאַניקער אאַוו. ווער עס וויל

ארבעטן, זאָל ארויסגיין״. באַלמעלאָכעס, וואָס ווילן ארבעטן, זײַנען פאַראַן א סאַך. נאָר דער דײַטש איז באַשיידן און נעמט צו צוויי־דרײַ פון יעדן פאַך, ער שטעלט זיי אויס אין א קאָלאָנע און הייסט זיי אָפּפירן צו די אוטאָבוסן.

אייניקע בעטן א דערלויבעניש צולויפן נעמען דאָס געצײַג. די פאַשיסטן לאָזן ניט. דער ערשטער אוטאָבוס זעט מיר אויס עפּעס צו זײַן פאַרדעכטיק — די ייִדן האָט מען ארײַנגעלאָזט אינווייניק און די באַגלייטער זײַנען געבליבן שטיין אַף די טרעפּלעך. עפּעס זעט עס אויס מאָדנע.

מיטאמאָל האָט מען זיך אָנגעהויבן אײַלן. מע ציילט אָפּ צו צוואַנציק־דרײַסיק מענטשן און מע זעצט זיי ארײַן אין די מאַשינעס. איצט סטאַרען זיך שוין די מענטשן אויסדרייען פון דער ארבעט. נאָר די פאַשיסטן זײַנען וואַכזאַם. סטאַנקע גייט צו צו אונדזער גרופּע און נעמט אונדז ציילן. אין דער זעלבער מינוט שפּרינגט צו אַנטאָקאָל. ער איז צערייצט, ווי א לייב. זײַן שטענדיק רויט פּאָנעם ווערט אָנגעגאָסן מיט בלוט. שטייענדיק לעבן אונדז, ווי א הון איבער אירע הינ־דעלעך, מעלדעט ער, אז ער וועט ניט אָפּגעבן קיין איין מענטשן. אז אפילו אָן איינעם פון אונדז וועט ער ניט קאָנען אָרעוו זײַן פאַר דעם סאַניטאַרן צושטאַנד אין געטאָ, אז מיר זײַנען אַלע נייטיק, און אויב מע וויל, איז זאָל מען צונעמען אַלעמען, נאָר דאַן וועט אין געטאָ זיך אָנהייבן אַן עפּידעמיע.

ער האָט געטראָפן אין פּינטל. פאַר אַן עפּידעמיע האָבן אונדזערע „קולטורטרעגער״ מורא, ווי פאַר פײַער. סטאַנקען איז אַלצאיינס — ער דאַרף די צאָל, ניט קיין באַזונדערע מענטשן. ער האָט אפילו ניט געענטפערט אַנטאָקאָלן און איז אוועקגעגאַנגען צו א צווייטער גרופּע. צען, צוואַנציק, דרײַסיק — מאַרש צום אוטאָבוס! עס געפינען זיך צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס זײַנען ניט צופרידן מיט אַנטאָקאָלן, זיי האַלטן, אז ער וואָלט זיך געדאַרפט אָנפרעגן, צי זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן גיין אַף ארבעט אויסער דער געטאָ. אַנטאָקאָל רעאַגירט ניט אַף דער פּלוידערײַ. זײַן פּאָנעם דריקט בלויז אויס פאַראַכטונג.

גלײַך ווי מע האָט אָפּגעשיקט די לעצטע מאַשין, איז די גאַנצע „קולטור״ פאַרשוווּנדן. אין דער פּוסט געוואָרענער געטאָ דערהערן זיך שאָסן. די, וואָס זײַנען געבליבן אַף דער ווילקאָמירער גאַס, צעטיילט מען אַף גרופּעס און מע פירט זיי אוועק אַף ארבעט אין דער „גרויסער געטאָ״. די פאַ־שיסטן נישטערן אַף די בוידעמער און אין די קעלערס, מע יאָגט זיך נאָך די, וואָס האָבן זיך ניט געװיאָוועט אַף דעם „דורכקוק״.

אין דעם דאָזיקן טומל רײַסט זיך ארײַן א שטראַל פון האָפענונג. אין הויז נומער 60 אַף דער לודזאָס־גאַס האָט מען געבראַכט פון שטאָט א סאַך ייִדישע פרויען, וואָס זײַנען בײַ דער אַקציע געוואָרן אַף ארבעט אין דײַטשישע מיליטער־טיילן.

אונדזער גרופּע פון טעכנישן אָפּטייל דאַרף אין דער קירצסטער צײַט ברענגען אין אָרדענונג דאָס דאָזיקע הויז. די ידיעה, אז עס זײַנען געקומען עטלעכע הונדערט פרויען, האָט אונדז אַלעמען געצוווּנגען פאַרגעסן אין דעם, וואָס ארום קומט פאָר. אַלע ווילן וואָס גיכער וויסן, ווער זײַנען די פרויען. פיל פון אונדז לעבן מיט א האָפענונג. בלויז באַ געציילטע וועט די האָפענונג פאַר־ווירקלעכט ווערן.

דאָס הויז צוימט מען ארום מיט דראָט. אַף די טרעפּ ווימלט מיט פרויען און קינדער. די מערהײַט דירעס זײַנען פאַרשפּאַרט. מיר רײַסן אוף די טירן. אינווייניק זײַנען צעוואָרפן די געֿ־לעגערס, אָפן דיל — הויפנס בעגאָדים, אַף די טישן — שטיקלעך ברויט און פאַרשיידן עסנ־וואַרג. עס ברענט די שײַן. אַף די פענצטער איז אראָפּגעלאָזט דאָס מאַסקיר־פּאַפּיר. אומעטום — שפּורן פון גוואַלדטאַט. ווי נאָר מיר ברעכן אוף די טירן, רײַסן זיך ארײַן אין די ווױנונגען פרויען. זיי ווילן וואָס גיכער פאַרנעמען אַן אָרט. באַ איינער א פרוי האָבן זיך אָנגעהויבן געבורט־ווייען. עמעצער פון די מאַנצבלען נעמט אַף זיך די טירכע צו געבן הילף דער געווינערן. איך מיט הערצמאַרקן שטעלן אײַוועלעך, האַקן דורך טירן, ציִען ארײַן טרויבן, מאַכן קוימענס.

אַף די טרעפּ באַגעגענען מיר צוויי פרויען. איינע האַלט אַף די הענט א קינד פון א יאָר צוויי־דרײַ, שלעפּט נאָך זיך אַן עלטער ייִנגעלע. ווי עס ווײַזט זיך ארויס, איז דאָס דעם דאָקטער פרידמאַנס פרוי. דער מאַן האָט געראַטעוועט די גאַנצע מישפּאָכע, ער האָט זי באַהאַלטן אין א שטאַל. איצט האָט ער באַשטימט זי אריבערפירן אין הויז פון די געראַטעוועטע. ביידע פרויען סטאַרען זיך וואָס גיכער ארויף אַף די טרעפּ, נאָר עס דעריאָגט זיי א קאָל, וואָס פאָדערט, זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק. די פרויען וויסן ניט וואָס צו טאָן. זיי שטעלן זיך אָפּ. צו זיי לויפט ארויף א ייִדישער פּאָליצײַ און הייסט זיי אראָפּלאָזן זיך צוריק, ווײַל דאַנצקאָם דערלויבט זיי דאָ ניט פאַרבלײַבן. זיי לאָזן זיך פּאַמעלעך אראָפּ. מער האָבן מיר זיי שוין ניט געזען.

אונטער די פענצטער רוישן די מאָטאָרן פון די בלויע אוטאָבוסן. זיי פירן נאָך אַלץ פאַ־סאַזשירן אין ביקערניִער וואַלד אַף „ארבעט״.

די שיסערייַ אין געטאָ איז, ווי לויט א סיגנאַל, פּלוצעם שטיל געוואָרן. פּונקט צוועלף אַזייגער מיט דרייַסיק מינוט האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע פאַזע פונעם מאַסן־מאָרד. איצט זייַנען, קלוימערשט, אַלע אויסער געפאַר.

אין בלויער אווטאָבוס האָט זיך אומגעקערט פון מיטן וועג, ווייַל ער האָט ניט באַוויזן ביז האַלב איינס אַזייגער ברענגען זייַן „פּראַכט" צום נייטיקן אָרט. אין אווטאָבוס האָבן זיך געפונען צוויי דאָקטוירים. אין וועג האָבן זיי זיך אָפּגעסאַמט.

פון צייַט צו צייַט שטעלט זיך אָפּ לעבן הויז א מאַשין מיט אָפּגעראַטעוועטע פרויען. אויף די טרעפּ באַגעגן איך אַן אָנגעשטעלטן פון אונדזער טעכנישן אָפּטייל. דאָס איז באַטווינקין. ער האָט געפונען זייַן ווייַב צווישן די פרויען, וואָס מע האָט ערשט געבראַכט צו פירן. זעענדיק באַטווינקינס פרייד, דערפיל איך נאָך שטאַרקער די שרעק פאַר דעם גורל פון אליען.

אין הויז באַגעגן איך סקאָלניקס פרוי מיט ביידע טעכטער. סקאָלניק איז געווען ניט קיין שלעכטער מאָלער, ער איז אומגעקומען אין די ערשטע טעג פון יול.

מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער אַרבעט, און מיר קלייַבן זיך גיין צוריק אין דער „קליינער געטאָ". עס ווילט זיך ניט פאַרלאָזן די פרויען. כאָטש דאָס זייַנען פרעמדע מענטשן, זייַנען זיי אונדז דאָך געוואָרן אייגן און נאָענט. מיר ווען זיך סטאַרען זיי העלפן, מיט וואָס נאָר מיר וועלן קאָנען.

דער קורצער ווינטער־טאָג האַלט באַם פאַרגיין. אין די הויפן פון דער „קליינער געטאָ" שווינדלט מיט געלע לאַטעס. אַלע זייַנען אופגערודערט. אַז מע באַגעגנט זיך, רעדט מען נאָר וועגן דעם, וואָס הייַנט איז געשען. הייַנט איז מען צופעליק געבליבן לעבן. וואָס וועט זייַן מאָרגן?

אין מעשעך פון דער צייַט, וואָס מיר האָבן געאַרבעט אינעם הויז פאַר די געראַטעוועטע פרויען, זייַנען מיר געווען אָפּגעשניטן פון דער „קליינער געטאָ". איצט דערוויסן מיר זיך, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. די ציילונג פון די געטאָ־אייַנוווינער איז געווען פאַרבונדן מיט די הייַנטיקע געשעענישן. פיר טויזנט פיר הונדערט מאַן זייַנען מיר געווען אין געטאָ. צען פּראָצענט זייַנען לויט דער אָנגעמערקטער פּראָגראַם געווען פאַרורטיילט צום פאַרניכטן אין דער ערשטער ריי. הייַנט האָט מען אומגעבראַכט מער ווי פיר הונדערט מאַנצבלען. די פּאָליצייַען זייַנען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געזוכט יענע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און זייַנען ניט געקומען אויף דער וויליאַנו־גאַס. ווען זיי האָבן געפונען, האָבן זיי דערמאָרדעט אָפן אָרט. לעבן אונדז, אינעם הויז נומ. 24, אויפן דריטן שטאָק, האָבן זיי געטראָפן א פאַרצניאַריק ייִנגל. צוריק מיט עטלעכע טעג האָט ער אויסגעבראָכן א פוס, ער איז געלעגן אין בעט. די פּאָליצייַען האָבן אים ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער אויף דער גאַס. דאָס פענצטער האָבן זיי אפילו ניט געעפנט, — מיט זייַן קערפּער עס ארויסגעזעצט.

אין א שכייַנישן הויף האָבן די מערדער געפּאַקט א יונגן באָכער, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן. זיי האָבן אין אים אויסגעשאָסן, אָבער ניט געטראָפן. דער באָכער האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף דער ערד און זיך געמאַכט, אַז ער איז דערהאַרגעט. צוליב זיכערקייַט האָט א פּאָליצייַ נאָכאַמאָל אויסגעשאָסן אין אים. דער באָכער האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, כאָטש די קויל האָט אים געטראָפן אין באַק, אויסגעהאַקט צוויי ציין און איז ארויס דורך דער צווייטער באַק. דערזען א ריטשקע בלוט, איז דער פּאָליצייַ געווען זיכער, אַז ער האָט זייַנס אָפּגעטאָן, און איז אוועק ווייַטער. דער דאָקטער א. מינץ האָט דעם באָכער איבערגעבונדן די וווּנד.

פון די זעקס און צוואַנציק מאַנצבלען, וואָס ווינען אין אונדזער דירע, האָבן פינף זיך ניט אומגעקערט. מיט איינעם פון זיי, וועמען מיר האָבן גערופן „דער כינעזער", האָבן מיר נעכטן געאַרבעט אויפן בעסוילעם, געבראַכט צו קווורע מייסים. הייַנט האָט מען אים אַליין מעקאַבער געווען ערגעץ אין ביקערניִער וואַלד. אַבראַמסאָנס זון איז אויך פאַרשווּנדן. די, וואָס זייַנען אין אונדזער צימער געשלאָפן אינצווייען, פאַרנעמען איצט די בעטן, וועלכע זייַנען געבליבן ליידיק. אַבראַמסאָן לאָזט קיינעם ניט לייגן זיך אויף זייַן זונס בעט — און עס שטייט פּוסט.

עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען וועגן דעם גורל פון אונדזערע פרויען און קינדער. זיי געפינען זיך, קלוימערשט, אַלע אין סאַלאַספּילסער לאַגער, אויסער די סאַמע אַלטע און שוואַכע, וועלכע מע האָט דערמאָרדעט אין וועג. עס ווערט אָבער פאַרשפּרייט אויך א קלאַנג, אַז מע האָט זיי אַלע דערשאָסן. פייסקע, א קליין בלאַס ייִדל, פאַרזיכערט אונדז, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען. ער האָט גערעדט מיט איינעם א מענטשן, וועמעס שוועסטערקינד עס האָט זיך געראַטעוועט פון דער גרוב, אין וועלכער מע האָט אַרייַנגעוואָרפן די דערשאָסענע. קיינער פון אונדז וויל ניט גלייבן אין דעם קלאַנג. אַלע קומען מיר צו איין געדאַנק, אַז מע דאַרף זיך באַמיִען אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט דעם סאַלאַספּילסער לאַגער.

צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט אייניקע פּראָטים וועגן דעם גורל פון דאָקטער פרידמאנס ווײַב און קינדער. ווען איך און הערצמארק האָבן באַגעגנט אַף די טרעפּ די פרויען מיט ביידע קינדער, איז דאָס שוין געווען זייער דריטער פּרווו זיך צו ראַטעווען. דאַנצקאָם האָט זיי שוין צוויי מאָל אָפּגעשיקט אַפן בעסוילעם. ס'איז ניט קלאָר פאַרוואָס, נאָר די פּאָליצײַען, צי די דײַטשן, וואָס האָבן געטראָגן די וואַך אַפן בעסוילעם, האָבן זיי ניט דערמאָרדעט. דאָס דריטע און דאָס לעצטע מאָל האָט זיי אָפּגעפירט דאַנצקאָם אַליין. ביידע פרויען און דאָס עלטערע קינד זײַנען דערשאָסן געוואָרן. דאָס קליינע יינגעלע איז לעבעדיק געבליבן: די מוטער האָט עס געהאַלטן אַף די הענט, און די מערדער האָבן, ווײַזט אויס, געמיינט, אַז זיי האָבן אַלעמען געטייט. דאָס דרײַיאָריקע קינד האָט זיך באַפרײַט פון דער מוטערס טויטע הענט און איז אַרופגעקראָכן אַף אַן אַלטן קייווער. אַז די דײַטשן זײַנען שפּעטער מיט עטלעכע שאָ געקומען אַפן בעסוילעם מיט נאָך אַ גרופּע פאַרמישפּעטע, האָבן זיי דאָס קינד געטראָפן שוין קימאַט אײַנגאַנצן אַ דערפרוירנס. ערשט דאַן האָבן זיי עס דערהאַרגעט.

נאָך דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די לעצטע טעג, צווייפלט שוין קיינער ניט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט מען מאַכן אַ סאָף צו אונדז אַלעמען. די נעווִיִעס פון דער אַלטער מימי ווערן מעקוייעם. מיר געפינען זיך אין אַ מויזן־שטײַג און עס איז נאָר אַ פראַגע פון צײַט, ווען מע וועט אונדז פאַרניכטן.

מע רעדט וועגן דעם, אַז דער פראָנט דערנעענטערט זיך. דאָס פרייט אונדז. אין דער זעלבער צײַט וואַקסט דאָס געפיל, אַז די פאַשיסטן וועלן אונדז אומברענגען אין לעצטן מאָמענט. אַ סאַך יונגע כעוורע טראַכטן וועגן אַנטלויפן.

עטלעכע מענטשן פון אונדזער טעכנישן אָפּטייל שיקט מען ווידער אַרבעטן אין הויז, ווו מע האָט נעכטן באַזעצט די פרויען. פריִער פאַר אַלעמען שליסט אַנטאָקאָל אײַן אין דער דאָזיקער גרופּע באַטווינקינען, וואָס האָט צווישן די געראַטעוועטע געפונען זײַן פרוי און שוויגער. נעכטן האָבן מיר זיך געפרייט צוזאַמען מיט אים, הײַנט זײַנען מיר אים מעקאַנע. טיף אין האַרצן האָף איך, אַז מײַן מישפּאָכע איז אויך געלונגען זיך אויסבאַהאַלטן. איך וואָלט שוין וואָס גיכער געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין דער „גרויסער געטאָ“. נאָר דערווײַל דערלויבט מען ניט צו גיין אַהין. אַלעמאָל קומען אין טעכנישן אָפּטייל אַרײַן אַנדערע מענטשן און רופן אָן נעמען פון געראַטעוועטע. קיין איין באַקאַנטער איז ניטאָ צווישן זיי.

פון אַ מולער בין איך איצט געוואָרן אַ רעמאָנט־מײַסטער. איך פאַריכט שלעסער, מאַך שליסלען — טו אַלץ, וואָס מע הייסט מיר און מע בעט מיך. איך וויל זיך אַזוי אַרײַנטאָן אין דער אַרבעט, כ'זאָל אין אַלץ פאַרגעסן, וועגן גאָרנישט ניט טראַכטן, נאָר עס באַקומט זיך ניט. אַלע רייד דרייען זיך נאָר אַרום דעם הויז פון די געראַטעוועטע פרויען. פאַראַן נאָך אַ הויז, וועגן וועלכן מע טראַכט. דאָס איז דאָס הויז פונעם פרויען־שפּיטאָל. די מערהײַט קראַנקע פרויען האָט מען פון דאָרט ניט אַרויסגעפירט. איצט ליגן זיי אָן עסן, אָן מעדיצינישער אויפזיכט, זיי שטאַרבן לאַנגזאַם, און די פאַשיסטן ווילן אַפילע זייער טויט ניט פאַרשנעלערן. צוליב וואָס אויסברענגען קוילן? זיי וועלן סײַווי ניט אַנטלויפן.

עס גייען דורך פינף טעג אין זאָרגן און אין אומרו, פינף שווערע שלאָפלאָזע נעכט. ערשט אַפן זעקסטן טאָג דערוויסן מיר זיך, אַז מע לאָזט שוין אַרײַן אין דער „גרויסער געטאָ“.

באַם אַרײַנגאַנג, לעבן דעם שטעכדראָט, שטייט אַ קליין הײַפל מענטשן. ווען עס קומט אָן וואַנט מיט אַ פּאָליצײַ, דערלויבט מען אונדז גיין אין אונדזערע געוועזענע וווינונגען נאָך שפּײַזפּראָדוקטן און מאַלבושים. מע וואָרנט אונדז, אַז קיין ווערטפולע זאַכן זאָלן מיר ניט נעמען.

מיר גייען זיך פאַנאַנדער איבער די פאַרשנייטע גאַסן. קיין לעבעדיקן נעפעש זעען מיר ניט. איין געדאַנק בויערט דעם מויעך: וואָס טוט זיך אין דער היים? אָט בין איך שוין באַ די טויערן פון אונדזער הויף. די פאָרטקע איז ברייט צעעפנט. דער הויף איז פוסט. עס גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לײַב, איך פיל זיך ניט בעקויעך אַריבערטרעטן די שוועל. ווי אַ גאַנעוו שלײַך איך זיך דורך צום שטיבל. אַלץ אַרום איז פאַרשנייט, אַלע שטעגעלעך זײַנען פאַרשאָטן. ניטאָ קיין שום שפּורן, הייסט עס, אַז קיין לעבן איז דאָ ניטאָ. עס ווילט זיך אויסקערעווען אַף צוריק און אַנטלויפן, אַפילע ניט אומקוקן זיך. נאָר איך טו זיך אָן אַ קויעך און קוק אַרײַן אין פענצטער. דאָס פּאַפּיר איז אַראָפּגעלאָזט. מע זעט גאָרניט. איך גיי צו צום שטעלכל און הער זיך אײַן. ס'איז שטיל. איך הער נאָר, ווי דאָס אייגענע האַרץ קלאַפּט. עס קלאַפּט, דוכט זיך, באַם סאַמע האַלדז, אָט־אָט וועט עס פּלאַצן.

אין שטוב איז פינצטער, ס'איז נאָר עטוואָס ווארעמער, איידער אין דרויסן. איך דערקלײַב זיך צום טיש. אָף אים פלעגט, געוויינלעך, שטיין דער לאָמפּ. יאָ, ער שטייט דאָ. איך גיב א דריי דעם אויסשאַלטער, און דאָס בילד, וואָס כ'האָב אזויפיל מאָל זיך אויסגעמאָלט אין די שלאָפלאָזע נעכט, דערזע איך איצט אָף דער וואָר. אָפן טיש — טעלער מיט ניט דערעסענעם געקעכטס. אָפן דיל וואלגערט זיך א קינדעריש זעקעלע. יעדע זאַך שרײַט וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך קאָן מער אָף די פיס ניט שטיין און פאַל מיטן גאנצן קערפּער אָף א בענקל.

מיר דוכט, אז איך גיי אראָפּ פון זינען. איך באמערק, ווי די צעקנייטשטע קאָלדרע אָף אונדזער בעט הייבט זיך אָן באוועגן. די קאָלדרע פאַלט אראָפּ אָפן דיל, און פון אונטער איר, ווי א געשפּענסט פון דער פארגאנגענהײַט, באווײַזט זיך טשארלי: בא דעם הונט זײַנען אײַנגעפאלן די זײַטן, אָף דעם אײַנגעהויקערטן רוקן זעט זיך ארויס יעדעס ביינדעלע. ער איז אָפּגעוווינט פון שײַן, קוים־קוים וואָס ער עפנט די אויגן. איך רוף אים צו, כ'דערקען ניט מײַן אייגן קאָל. כ'זיץ אָפן בעט. טשארלי ליגט אָף מײַנע קני, ער וואָיעט שטיל, ווי ער וואָלט זיך געקלאָגט פאר מיר, און לעקט מיר דאָס פּאָנעם.

ווײַזט אויס, אז קיינער איז נאָך דאָ ניט געווען נאָך דער אקציע. די בעטן זײַנען ניט פארבעט, נאָר מע זעט ניט, אז עמעצער זאָל געווען אין זיי זיך ראָיען. אלע זאכן זײַנען קימאט אין דעם זעלבן צושטאנד, ווי איך געדענק זיי, ווען די וווינונג איז נאָך ניט געווען פּוסט, נאָר די טירלעך פון דער שאפע זײַנען אָפן און א טייל זאכן וואלגערן זיך אָפן דיל. דימעס ביכלעך און אליעס פּאָליצע מיט די ביכער און פּאָרצעלײַענע קלייניקײַטן זײַנען אויך ניט געריהרט. אָף די ווענט — די זעלבע בילדלעך. אָט איז לידעס בעטעלע. אָף דעם טישל לעבן דער מאמעס בעט ליגט מײַן קעשענע־זייגער — די ירושה פון מײַן טאטן.

קיינער וועט מײַנע טרערן דאָ ניט זען, איז צוליב וואָס זיך צוימען? איך וויין. צײַטנווײַז כליפּע איך אָף א קאָל. די טרערן רינען. טשארלי לעקט זיי אראָפּ פון מײַן פּאָנעם. ער פארשטייט, אז ער האָט מער קיינעם ניט, כוץ מיר, און איך האָב אויך ניט קיין נעענטערע באַשעפעניש, ווי אָט דאָס הונגעריקע הינטל. טשארלי האָט דער לעצטער געזען אליען און די קינדער.

כ'ווייס ניט, ווי לאנג איך בין אזוי אָפּגעזעסן. אין שפּײַכלער געפין איך א שטיקל פּוטער און עטלעכע פארפרוירענע קאָטלעטן. די קאָטלעטן גיב איך טשארלין. די פּוטער לאָז איך אָפן דיל, עפּשער וועט קומען די קאַץ. איך אליין דארף גאָרניט. טשארלי וועט גיין מיט מיר אין געטאָ. מע קאָן איבער אים מיך אויך דערשיסן, נאָר וואָס עס זאָל ניט זײַן, וועל איך אים ניט איבערלאָזן אליין.

טשארלי איז מיט מיר. איזקע און מאָטקע זײַנען צופרידן, זיי שפּילן זיך מיט אים. הערצמארק האָט מוירע, אז דער הונט זאָל ניט פארפירן קיין פליי, ער זאָל ניט ארײַנברענגען עפּעס א קרענק, נאָר דאָך פאָדערט ער ניט, איך זאָל אים ארויסטרײַבן. אנדערע אָבער פּראָטעסטירן יאָ און מיר קומט אויס זיך מיט זיי צו אמפּערן. אז מע רופט אָן אליעס נאָמען, הייבט טשארלי אָן שטיל צו וואָיען און זוכן מיט די אויגן. איך בין פרִיער געווען גאנץ גלײַכגילטיק צו טשארלין, איצט איז ער מיר שטארק טײַער. אז איך לאָז אים ארויס שפּאצירן און ער קערט זיך לאנג ניט אום, באוּמרוּיִקט עס מיך. ער איז פאר מיר די איינציקע לעבעדיקע דערמאָנונג וועגן דער היים.

די קלאנגען וועגן שפּיטאָל האָבן זיך באשטעטיקט. מע האָט די קראנקע איבערגעלאָזט אָן שום אויפזיכט. ווען די וואַך פון דער געטאָ איז ענדלעך געקומען אהין, איז די מערהײַט שוין געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. און די, וואָס זײַנען געבליבן לעבן, זײַנען געווען אָפן ראַנד פון משוגעת. זיי האָבן אָן אויפהער געשריִען. די מערדער האָבן אָפן אָרט געמאכט א סאָף צו זיי.

שוין עטלעכע טעג, ווי עס זײַנען ניט געווען קיין מאָרדן. אונדזערע באַלעבאטים האָבן, ווײַזט אויס, זיך אָנגעזעטיקט מיט בלוט. זאָלן זיך די יִידן עטוואָס בארוִיקן, זאָלן זיי זיך אָנהייבן פילן פעסטער, וועט נאָך אָנגענעמער זײַן דורכפירן א נײַע אקציע.

אראָנסאָן האָט זיך אָנגעהויבן פארנעמען מיט „געשעפטן". אָף דער פארבער־פאבריק, וווּ ער ארבעט, האַלט מען אים פאר א גרויסן ספּעציִאַליסט און דעריבער האָט ער מעגלעכקײַטן צו מאכן שאכער־מאכער. ניט אנדערש, ער קלײַבט זיך נאָך דער מילכאָמע אליין עפענען א פאבריק, ווײַל ער האָט גאנץ ערנסט אָנגעהויבן צונויפשלאָגן א קאפּיטאל. אלע ברענגען צו אים פארשיידענע זאכן — פרויען־וועש, זייף, זייגערס. די געשעפטן פירט ער ערלעך, דאָס הייסט ער גיט אזויפיל פּראָדוקטן פאר די זאכן, וויפל ער זאָגט צו, נאָר אים בלײַבט, פארשטייט זיך, מער. די געטאָ־אײַנוווינער האָבן ניט קיין שום קאָנטאקטן מיט דער אויסערלעכער וועלט, מוז מען אָנקומען צו אים. הײַנט האָט אונדז אראָנסאָן שטארק אויפגערודערט. ער האָט אָף דער פאבריק באגעגנט א באקאנטן לעט, וואָס דינט איצט אין דער פּאָליציי. דער פּאָליצײַ זאָגט, אז אלע

אונדזערע פרויען געפינען זיך אין סאלאספילס, אין די געוועזענע קאזארמעס. זיי וואשן וועש פאר די דײַטשן. מע האָדעוועט זיי, קלוימערשט, ניט שלעכט. ער האָט צוגעזאָגט זיך פּרוּוון ארויס־פירן אין דאָרף אריין אראָנסאָנס פרוי און טאָכטער. ער וויל דערפאר א גאנצן פּאַק מיט זאכן.

פון אראָנסאָנס דערציילונג האָט זיך בא אונדז אופגעהויבן די שטימונג. הייסט עס, אז אונדזערע פרויען לעבן, און דאָס איז וויכטיקער פון אלץ.

פאר די אײַנוווינער פון דער „קליינער געטאָ“ האָט מען צוגעטראַכט א נײַע ארבעט: אויס־ליידיקן די וווינונגען פון דער „גרויסער געטאָ“ און סאָרטירן די זאכן, וואָס געפינען זיך דאָרט. עס ווערן געשאפן צוליב דעם ארבעטער־קאָמאנדעס. יעדע קאָמאנדע האָט איר „אָבער־יודע“. די קאָמאנדעס פּילן אויס באשטעלונגען פון דער דײַטשישער קאָמאנדשאפט. אָט באפעלט מען, אשטייגער, אויסגעפינען פאר אן אָבערשטורמפירער מעבל אף אויסמעבלירן פינף־זעקס צימערן פון זײַן וווינונג. כוץ דעם מעבל דאַרף ער, פארשטייט זיך, האָבן אלדאָס איבעריקע, וואָס איז נייטיק אין א שטוב, — געפעס, קיך־כפּייצים אאוו. עפּעס אן עסעסאָוועץ דאַרף האָבן א פולן פרויען־גארדעראָב, ווערט ווידער אָפּגעגעבן א באפעל דער ארבעטער־קאָמאנדע. די, וואָס פּילן אויס אזעלכע אופגאבעס, מעגן נעמען פאר זיך אייניקע שפּײַז־פּראָדוקטן. ניט געקוקט אפן פאר־באָט, ברענגט דער אוילעם מיט זיך אויך פארשיידענע זאכן.

דאָס הויז באם סאמע אָנהייב פון סאדאָווניקאָווער גאס, קימאַט בא די טויערן פון דער „גרויסער געטאָ“, האָבן פארנומען טיילן פון ס.ד. יאַקאָבסאָנס גרופּע האָט באקומען א באפעל צו ברענגען דאָס הויז אין אָרדענונג און מאכן דערפון אן ערשטקלאסיקן האָטעל. אין הויז זײַנען פאראַן פופצן דירעס. יעדע דירע דאַרף מען אויסמעבלירן. דער טעכנישער אָפּטייל האָט מיך געשיקט אלס שלאָסער אין יאַקאָבסאָנס גרופּע. אין איינער א קיך האָב איך זיך געמאכט א מין וואַרשטאַט. די ארבעט אין דעם הויז גיט געוויסע פּריווילעגיעס. די גרעסטע פון זיי איז דאָס, וואָס מיר באגעגענען דאָ אייניקע פרויען. זיי ארבעטן אלס אופראַמערנס. יאַקאָבסאָן קען אויס־קומען מיט די דײַטשן. אונדז איז דערלויבט צו נוצן זיך מיט די שפּײַז־פּראָדוקטן, וואָס מיר גע־פינען אין די דירעס. די פרויען פון אונדזער גרופּע געפינען זיך אין רעשוס פון א דײַטש, וואָס שלאָגט ניט. און כאָטש ווען מיר דערלאָזן עפּעס א פעלער, שרעקט אונדז יאַקאָבסאָן, אז ער וועט אונדז פארמאסערן פארן דײַטש, דאָך האָט ער עס נאָך קיין איין מאָל ניט געטאָן. נאָר ביכלאל איז יאַקאָבסאָן א מיִעס מענטשל. עס עקלט אזש פון דעם, ווי ער האַלט אין איין אונטערלעקן זיך די דײַטשן.

די האָפענונג, אז אונדזערע פרויען און קינדער לעבן, איז ווידער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין איינעם פון די הײַזער אף סאדאָווניקאָווער גאס האָבן מיר באגעגנט א פּאָליציַי, וואָס האָט נאָך פארהיט אין זיך עפּעס מענטשלעכס. ער האָט באדויערט אונדזער גוירל. פון אן אָפענעם ענטפער אף אונדזערע פראַגן וועגן די פרויען און קינדער האָט ער זיך אויסגעדרייט, נאָר הערנדיק זײַנע רייד, אז דאָס לעבן איז אכזאָריעסדיק, אז מע דאַרף ניט בויען קיין לופטשלעסער, האָבן מיר פארשטאַנען, אז אונדזער האָפענונג איז אן אומזיסטע.

די דײַטשן האָבן מוירע, אז אין דער „קליינער געטאָ“ זאָל ניט אויסברעכן קיין עפּידעמיע פון טיפוס. דערפאר האָבן זיי דערלויבט אויסבויען א באָד. קיין בוי־מאַטעריאַלן האָט מען, פאר־שטייט זיך, ניט געגעבן. מיר דאַרפן אליין אלץ אויסגעפינען.

ביז איצט האָט זיך אין אונדזער דירע ניט אײַנגעגעבן אוועקשטעלן דאָס לעבן אזוי, אז מע זאָל זיך שפּײַזן צוזאמען. אבראַמסאָן און ענלעכע טיפּן זײַנען קעגן. זיי האָבן מוירע, אז זיי וועלן דערלייגן דערצו. פון זייערע „רײַכטימער“ וועלן געניסן די הונגעריקע. אין אייניקע אנדערע די־רעס, ווו עס וווינען מענטשן, וואָס ארבעטן אף איין אָרט, גייען אוועק אף דער ארבעט און קומען צוריק אין איין צײַט, האָבן זיך געשאפן קאָלעקטיוון. זיי קלײַבן אויס אן עלטסטן, לויט דער ריי ראַמען זיי די וווינונג, קאָכן. אלע לעבן און עסן אלציינס.

בעסער פון אלץ איז ארבעטן אין דער וווינונגס־פאַרוואַלטונג — אין „קוואַרטיראַמט“. דאָרטן זײַנען פאראַן בעטלעך פאר די ארבעטער, און די יידן האָבן רעכט בלײַבן נעכטיקן, אויב זיי ווילן. אין קעלער פון „קוואַרטיראַמט“ קאָן מען זיך באגעגענען געהיים מיט ניט־יידן.

איינער פון די אײַנוווינער פון אונדזער דירע, א שוסטער (זײַן פאמיליע איז, אגעוו, אויך שוסטער), ארבעט אין א דײַטשישן וואַרשטאַט און האָט דאָרט א מעגלעכקײַט הערן אויסלענדישע ראַדיאָ. אין די טעג, ווען ער קומט אהיים, איז בא אונדז א יאָמטעוו. מיר שלעפּן ארויס די מאַפּעס, וואָס מיר האָבן אויסגעשניטן געהיים פון די צײַטונגען (קיין צײַטונגען טאָרן מיר דאָך אויך ניט לייענען), און פארגעסן אף א צײַט אין אונדזערע טאָג־זאָרגן.

אין אײנעם אַן אָוונט קומט צו לױפֿן מיט אַ פֿרײדיקער נײַס מאָטקע. ער האָט פּינקטלעכע ידיעות, אַז אַ טײל פֿון אונדזערע פֿרױען געפֿינט זיך אין סאַלאַספּילס. דאָס האָט אים געזאָגט אַ מענטש (ער װױנט אין אונדזער הױף), װאָס איז הײַנט געפֿאָרן מיט די דײַטשן נאָך זאַלץ קײן סאַלאַספּילס. איך בין גלײַך אװעק צו דעם דאָזיקן מענטשן. לױט זײַנע רײד, איז ער צוגעגאַנגען צום פּלױט פֿון שטעכדראָט און געזען די פֿרױען. זײ האָבן זיך שטאַרק דערפֿרײט, װען זײ האָבן זיך דערװוּסט, אַז אַ סאַך מאַנצבלען זײַנען געבליבן לעבן. די פֿרױען װאַשן װעש פֿאַר די דײַטשישע סאָלדאַטן. די קינדער זײַנען אױך מיט זײ. די אַלטע לײַט האָט מען אױסגעהאַרגעט אין װעג. דער מענטש שװערט זיך, אַז אַלץ, װאָס ער דערצײלט, איז עמעס. פֿון פֿרײד נעם איך אים אַרום און קוש אים. אָבער אין דער זעלבער צײַט זעט מיר אַלץ אױס אומלאָגיש. עפּשער האָט ניט געסטײַעט קײן גריבער פֿאַר אַלעמען, און ביז מע װעט אױסגראָבן נײַע גריבער האָט מען געלאָזט לעבן אַ טײל פֿרױען? עס איז אַלץ אַזױ פֿאַרפּלאָנטערט און ניט קלאָר...

אײַזמאַן איז אַ דװינסקער סטעלמאַך. ער רעדט זײער שלעכט דײַטש. אײגנטלעך, איז זײַן דײַטש דאָס זעלבע ייִדיש. ער נעמט זיך דערפֿון װײניק צום האַרצן, ער רעדט נאָר אױף „דײַטש". מיט אַלע פּאָליצײַען איז ער אין די בעסטע באַציִונגען. ער איז מיט זײ אױף „דו" און מאַכט מיט זײ „געשעפֿטן". ער אַרבעט אינערגעץ ניט, איז שטענדיק שיכּור און גײט אַרום מיט אַ שטעקעלע, מײַסע דײַטש. די טעג, אַזײגער צען אין אָװנט, איז ער אַרײַן צו אונדז צוזאַמען מיט אַן ס.ד.־לײטענאַנט דורכקאָנטראָלירן אונדזערע דאָקומענטן. ניט געקוקט דערױף, װאָס ער איז, װי מיר, באַהאַנגען פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן מיט געלע לאַטעס, האָט ער געשלאָגן אײניקע פֿון אונדז. געשלאָגן מיטן שטעקן, מיט די פֿױסטן אין פּאָנעם אַרײַן און דערבײַ געשריִען: „אָט אַזױ קומט אײַך, זשידקי". מיר װײסן אױך, אַז אין קעשענע טראָגט ער אַ מאַוזער. די דײַטשן, װײַזט אױס, מאַכן אײניקע אױסנאַמען פֿאַר מענװואָלים. נאָר מיט אַ קיװער איז ער באַװאָרנט. אױב די דײַטשן װעלן אים ניט אָפּשיקן אױף יענער־װעלט, װעלן מיר עס טאָן. װאַנט איז אױך זײער אַ רעטעניש־פֿולער פּאַרשױן. אױסערלעך איז ער אונדזערער אַ פֿרײַנט, ער פֿאַרטײדיקט אונדזערע אינטערעסן, אָבער פֿאַרװאָס באַציִען זיך צו אים די דײַטשן אַזױ גוט? בײַס דעם ערשטן װעלט־קריג איז ער געװען אַן אָפֿיצער פֿון דער דײַטשישער אַרמײ און באַלױנט געװאָרן מיט אַן אײַזערנעם קרײץ.

מע האָט מיך געקרױנט מיט ניט קײן אָנגענעמער צונעמעניש — „דער ייִדישער דאַנצקאָם". דאָס איז דערפֿאַר, װאָס איך בלאָנקע אַרום איבער די הױפֿן, יאָגנדיק זיך נאָך טױבן. אין דער „גרױסער געטאָ" האָב איך עס געטאָן צוליב די קינדער. איצט „רײכער" איך די טױבן. איך האָב קײן קאָפּעקע געלט ניט, קײן זאַכן אױף בײַטן האָב איך אױך ניט, און אָן טאַבעק קאָן איך ניט אױסקומען. עס איז פֿאַר מיר נײטיקער װי ברױט. קאַהאַן האָט געלט און האָט ליב טױבן. פֿאַר אַ פּאָר טױבן צאָלט ער פֿינף מאַרק. און פֿאַר זײ קריג איך בײַ אונדזער „מײַקאַפּאָר" (אַ ייִד, װאָס ברענגט אין געטאָ טאַבעק, פּאַפּיראָסן און מאַכאָרקע) אַ פּעקל רוסישע מאַכאָרקע. דאָ ניט לאַנג האָב איך אָפּגענאַרט קאַהאַנען, נאָר אַזױ קונציק, אַז ער האָט עס ניט באַמערקט. לעצטנס זײַנען די טױבן קליגער געװאָרן, און װי נאָר איך דערנעענטער זיך, פֿליִען זײ אַװעק. אָפּט קומט מיר אױס שאָענװײַז זוכן אַ טױב. איז אָט, אינדערפֿרי, האָב איך אײן טױב אונטערגעשאָסן, די צװײטע האָב איך אַלץ ניט געקאָנט פּאַקן. און איך האָב באַשטימט אָנשטאָט אַ טױב פּאַקן אַ ראָב. ראָבן זײַנען דאָ פֿאַראַן אָן אַ שיר. נו, האָט קאַהאַן דאָס מאָל געהאַט אױף מיטיק אײן געװײנלעכע טױב און אײן „טױב" אַ מאָגערע און אַ האַרטע.

פֿאַראַן אין געטאָ דירעס, װוּ עס שמעקט מיט געפּרעגלטן הערינג, מיט קאַטשקעס און אַפֿילע מיט װוּרשט. אין די דאָזיקע דירעס װױנען אונדזערע פּאָליצײַען. זײ קומט אָפּטער אױס צו זײַן אין די פֿאַרלאָזטע דירעס פֿון דער אַלטער געטאָ, האָבן זײ „אָרגאַניזירט" גאַנץ היפּשע שפּײַז־רעזערװן. דאָס זײַנען געזונטע יונגען, אײניקע זײַנען אַלט אינגאַנצן אַכצן־נײַנצן יאָר.

בישכײנעס מיטן טעכנישן אָפּטײל געפֿינט זיך דאָס צימער פֿון אונדזער געמײנדע. דאָרטן שטײט אַ קאַסטן מיט די פּאַספּאָרטן, װאָס מע האָט צונױפֿגענומען נאָך די אַקציעס. לױט די פּאַספּאָרטן האָט מען צונױפֿגעשטעלט אַ צעטל פֿון די אומגעקומענע. אין דער געמײנדע באַקומען מיר אונדזערע שפּײַז־קאַרטלעך. שטענדיק איז דאָ אַ שטופּעניש. יעפֿונע, דער סעקרעטאַר, קאָן

זיך ניט ספראווען מיט די באזוכער. קימאט אלע טאָג מוז איך בא אים צורעכט מאכן די טיר. אַף די קאַרטלעך דאַרפֿן מיר באַקומען פֿלייש אויך, נאָר מיר באַקומען פֿאַקטיש ניט מער ווי ביינער. דאָך האָבן מיר א פֿלייש־קאַרטל. א סאך פֿרומע ייִדן, וואָס עסן ניט קיין טרייפֿס, פֿאַרקויפֿן די קאַרטלעך. יעפּונע האָט קיינעם ניט פֿאַרקויפֿט זײַן קאַרטל, ער האָט עס פֿאַרברענט. ער וויל קיינעם ניט ארײַנברענגען אין אן עווירע.

כוץ עטלעכע „גליקלעכע", זײַנען מיר אלע שטענדיק הונגעריק, און דעריבער דרייען זיך אלע אונדזערע שמועסן דעריקער ארום עסן. נאַטאַנסאָן האָט מיר דערציילט, אז זײַן ברודער האָט באַהאַלטן א שטיקל שפּעק בייס ער האָט אָנגעלאָדן א לאַסטמאַשין, דערפֿאַר האָט מען אים גלײַך דערשאָסן.

עס האָט זיך בא אונדז געעפֿנט אן אַפּטייק און אן אַמבולאַטאָריע. אַפּטייקערס און דאָק־טוירים האָבן מיר, נאָר קיין מעדיקאַמענטן — ניט. סײַ די אַפּטייק, סײַ די אַמבולאַטאָריע האַלטן זיך נאָר אַדאַנק דער אַרבעטער־גרופּע פֿונעם סאַניטאַר־פּונקט. דער „אָבער־יודע" פֿון דער גרופּע האָט „אָרגאַניזירט" די אַרבעט אַזוי, מע זאָל קאָנען ביגנייווע ברענגען פֿונעם סאַניטאַר־פּונקט אין געטאָ אייניקע מעדיקאַמענטן און פּרעפּאַראַטן. די אַרבעטער־גרופּע טוט עס, ריזיקירנדיק מיטן לעבן.

וואָס א טאָג, ווערן אלץ ווייניקער אַזעלכע, וואָס ווילן אַרבעטן אין געטאָ. די, וואָס אַרבעטן אויסער דער געטאָ, זײַנען כאָטש זיכער, אז דעם טאָג וועלן זיי איבערלעבן. כוץ דעם, קאָן מען אײַנשטעלן א קאָנטאַקט מיט ניט־ייִדן — בײַטן זאַכן, קויפֿן פּראָדוקטן, זיך דערוויסן פּאָליטישע נײַס. די אָבער, וואָס בלײַבן אין געטאָ, זײַנען שטענדיק אין סאַקאָנע און זיי זײַנען אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿון דער וועלט.

א וווּנדערלעכער ווינטער־טאָג. א שטאַרקער פֿראָסט. איך האָב קיין מאַכאָרקע ניט, און רייכערן ווילט זיך. גיי איך ארויס מיט טשאַרלין אַף געויגע נאָך טויבן. איך גיי פֿון איין פּוסטן הויף אין א צווייטן. איך קום צו דער ווילּיאַנו־גאַס. נאָר ווי אַפּצולאָכעס זײַנען אלע טויבן אַף די דעכער. אין איינעם פֿון די הויפֿן דערזע איך א נאַרוואָס דערשאָסענע קאַץ. דאָס איז דאַנצ־קאַמס אַרבעט. הײַנט, אלס אויסנאַם, האָט ער זיך טרענירט אין שיסן קעץ. טשאַרלי לויפֿט צו מיט אינטערעס צו זײַן טויטן סוינע. מיר גייט די קאַץ ווייניק אָן. איך שטעל זיך אָפּ א רוף טאָן דעם הונט. נאָר אין דעם מאָמענט דערהערט זיך הינטערן טויער א רעוואָלווער־שאָס. טשאַרלי לויפֿט מיט אן אַרויסגעשטעקטער צונג צו מיר. עס באַווײַזט זיך א גרינער שינעל. מע עפֿנט איבער אונדז א פֿײַער. בליצשנעל ווערן מיר פֿון יעגערס פֿאַרוואַנדלט אין געיאָגטע כײַעס. מיר לויפֿן איבער פֿון דעם הויף אין אן אַנדערן, לויפֿן ארײַן אין עפּעס א שטוב און קריכן אַפֿן בוידעם.

דאַנצקאַם האָט דאָס מאָל ניט געטראָפֿן, אונדז האָט אָפּגעגליקט. ווידער איז דער טויט דורכגעלאָפֿן פֿאַרבײַ מיר.

אין געטאָ ווערט געבוירן א נײַע „בורזשואַזיע" — דאָס זײַנען די פֿורמאַנעס. ווען זיי פֿירן פֿאַר די דײַטשן אָנגערויבטע זאַכן, גיט זיך זיי אָפּט אײַן אויסבאַהאַלטן אין די ראָגזשעס, אין די היי־זעקלעך „אָרגאַניזירטע" זאַכן. אז עס קומט זיי אויס צו זײַן אין שטאָט, בײַטן זיי אויס די זאַכן אַף פּראָדוקטן.

די דירעס, ווו עס וווינען די פֿורמאַנעס, זײַנען פֿול מיט שפּײַז. קיין מאַכאָרקע רייכערן זיי ניט, זיי האָבן דײַטשישן טאַבעק „ריינשניט". ניט זעלטן דערטראָגט זיך צו אונדז פֿון די דירעס, ווו אונדזערע „בורזשויען" וווינען, דער רייעך פֿון געפּרעגלטע גענדז. בראָנפֿן זײַנען זיי אויך ניט זשעדנע. א סאך פֿון אונדז סטאַרען זיך אײַנקויפֿן בא זיי אין יכעס. מע כאַוועט זיך מיט זיי. און מע דאַרף זאָגן דעם עמעס, זיי זײַנען ווויליע יאַטן, זיי העלפֿן א פֿרײַנט מיט דער ברייטער האַנט. צום באַדויערן אָבער, זײַנען פֿורמאַנעס פֿאַראַן ווייניק און כאַווערן זיך מיט זיי ווילן א סאך.

אין אונדזער טעכנישן אָפּטייל אַרבעט אלס עלעקטריקער דער אינזשעניער קאַהאַן. א קליין נערוועז מענטשל, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון דײַטשלאַנד און איז פֿאַרט ארײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די דײַטשן. ביז הײַנט האָט ער געטראָגן אן אַלטינקן האַרבסט־מאַנטל. הײַנט האָט ער זיך באַווויזן

עלמאר ריוואַש בא דער ארבעט איבער א סקולפּטור.

אין א גרויסארטיקן פּוטער. געשען איז דאָס אזוי. אין דעם הויז פון דער וואך אף סאדאָווניקאָווער גאס איז קאליע געוואָרן די עלעקטרע. די פּאָליציי האָט געשיקט נאָך קאהאנען. דער שעף פון דער וואך איז, ווי שטענדיק, געווען שיקער, און ווען מע האָט צו אים געבראכט קאהאנען, האָט ער אים געשטעלט אזא באדינג: פאר א שאָ צײַט דארף ער פאריכטן די עלעקטרע. טוט ער עס — באקומט ער א מאטאָנע, אויב ניט — א קויל. אין פינף און פערציק מינוט ארום האָט די שײַן זיך אָנגעצונדן און מע האָט גרויסמוטיק דערלויבט קאהאנען א נישטער טאָן אין א הויפן מאנטלען, זאָל ער זיך אויסקלײַבן, וועלכן ער וויל.

ארבעטן אין געטאָ און ניט האָבן קיין שום פארבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט ווערט אומדערטרעגלעך. די גאנצע צײַט ביסטו הונגעריק. זיצן דאָ אוןווארטן אף א נײַער אקציע האָט קיין זין ניט. די, וואָס ארבעטן אין שטאָט, באגעגענען זיך מיט מענטשן. איך האָב אויך פּרײַוואַט צווישן די לעטן און רוסן. מע דארף זיך פּרווון טרעפן מיט זיי. ווער ווייסט, עפשער וועט מיר געלינגען אנטלויפן צו די פּארטיזאנער, באקומען א פאלשן פּאספּארט. מע דארף א פּרווו טאָן. קעדיי פארעכנט ווערן אין א גרופּע, וואָס גייט ארבעטן אויסער דער געטאָ, דארף מען צאָלן דעם „אַבער־יודע", און קיין געלט האָב איך ניט. קראַמערס קאָמאנדע, וואָס ארבעט אין סאניטאר־פּונקט, איז שוין קאָמפּלעקטירט, נאָר איך לייג האָפענונג אף אונדזער אלטער באַקאנטשאפט. קראַמער איז א פײַנער באָכער.

מישע לאט זוכט אויך א מעגלעכקײַט פּאָטער צו ווערן פון דער געטאָ. דאָ ניט לאנג האָט ער זיך דערוווּסט, ווו מע קאָן פאר געלט מאכן א פאלשן דײַטשישן פּאס.

הערצמארק טראָגט זיך ארום מיט זײַנער אן אייגענער טעאָריע. ער האלט, אז ס'האָט קיין זין ניט צו ראטעווען זיך. אויב אלע אונדזערע אייגענע זײַנען אומגעקומען, אויב ס'איז עמעס, אז מע האָט זיי דערשאָסן אין די וועלדער, איז שוין בעסער לעבן, ווי מיר לעבן איצט, איידער זײַן אף דער פרײַ. וואָס בעסער עס וועט זײַן דאָס לעבן נאָך דעם, ווי מע וועט צעקלאַפּן דײַטשלאנד, אַלץ שטארקער וועט אונדז מאטערן דאָס איבערגעלעבטע. אפילע אויב מיר וועלן קאָנען נעקאָמע נעמען, וועט עס אונדז נאָר אף א צײַט אָפּווענדן פונעם אומגליק. קיין רו וועלן מיר שוין קיינמאָל ניט האָבן. איך קאָן ניט מאסקים זײַן מיט אים. מיר דארפן מיט אלע קויכעס זיך באמיִען בלײַבן לעבן. אויב ניט, וועלן קיין איידעס ניט פארבלײַבן פון דעם, וואָס עס איז געשען. מיר דארפן נעקאָמע נעמען — ניט צוליב בארויִקן זיך, נאָר צוליב דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע, צוליב דער גערעכטיקײַט. אונדזער קומענדיק לעבן איז א שווערער כויוו, א לעבן אף זיך צעצאָלן מיט די מערדער.

איך האָב זיך דערעדט מיט קראַמערן. איבערמאָרגן וועל איך גיין ארבעטן מיט זײַן קאָלאָנע.

אפן סאניטאר־פּונקט דארף דער סטאָליער, א דײַטש, אויסבויען א שפּײַכלער פאר כלאָרירטן קאלך. האָט מען קראַמערן באפוילן קריגן יידן־טעסליערס. אדאנק דעם קאָן ער מיך ארײַנעמען אין זײַן ארבעטער־קאָמאנדע. נו, וועל איך ווערן א טעסליער. ס'איז מיר בלויז א שאָד, וואָס איך מוז זיך געזעגענען מיט הערצמארקן.

אלע ארבעטער פונעם סאניטאר־פּונקט וווינען אין איין הויז, זיי פארנעמען א גאנצן שטאָק. קראַמער האָט אײַנגעשטעלט אין זײַן קאָמאנדע קימאט א מיליטערישע דיסציפּלין. אין אייניקע צימערן זײַנען אפילע די געלעגערס צווייִשטאָקיקע, ווי אין די קאזארמעס. לויט דער ריי ווערן באשטימט דעזשורנע און אופראמער. די שפּײַז־קארטלעך און אויך די פּראָדוקטן, וואָס מע קריגט פּריוואט, וועלן אלע דארפן אָפּגעבן אין דער אלגעמיינער קיך, ווײַל שפּײַזן זיך וועט מען דאָ קאָלעקטיוו. איך וועל וווינען אין א צימער מיט נאָך פינף מענטשן. צווייען פון זיי — ברוסאָוואנסקין און ראפּאָפּאָרטן — קען איך. עמעס, וועגן ברוסאָוואנסקין ווייס איך בלויז לויט דעם, וואָס מע פלעגט וועגן אים דערציילן אין ריגע. דאָס איז אן עמעסער בורזשוי. ראפּאָפּאָרט שטאמט פון גרויסע סאָכרים. אליין איז ער אן אדוואָקאט. מע האָט וועגן אים דערציילט, אז דעם 17 יון

1940, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייַט לעטלאַנד, האָט ער געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. איך וועל מיסטאָמע ניט קאָנען אויסמייַדן אַ צונויפֿמענשטויס מיט אים.

דער דריטער איז דער דאָקטער גורעוויטש פֿון דווינסק, אַליאַס אַ קאָרעוו. זייער אַ ווילער אַלטיטשקער, אַ צוגעלאָזענער צו אַלעמען, אַ רויִקער. ער האָט מיר דערציילט זייַן געשיכטע. אין יול 1941 האָט מען אַלע דווינסקער ייִדן אַרויסגעטריבן פֿון שטאָט אין וואַלד. מע האָט מיט שטעכדראָט אַרומגעצוימט אַ לאָנקע און פֿאַרטריבן אַהין די ייִדן. פֿאַרנאַכט האָט גורעוויטש באַמערקט, אַז צו דער לאָנקע זייַנען צוגעפֿאָרן לאַסטמאַשינעס, פֿון וועלכע מע האָט אויסגעלאָדן כלאָרירטן קאַלך. אָנשטויסנדיק זיך, וואָס די דייַטשן ווילן טאָן מיטן קאַלך, האָט ער באַשטימט אַנטלויפֿן. ווען ס׳איז געוואָרן פֿינצטער, איז ער אַרונטערגעקראָכן אונטערן דראָט און זיך דערקליבן צו אַ באַקאַנטן רוסישן פּויער, זייַנעם אַ געוועזענעם פּאַציִענט. קימאַט צוויי כאָדאָשים האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן באַם פּויער, נאָכדעם איז ער, באַהאַלטנדיק זיך אין אַ פֿור, געקומען צו פֿאָרן קיין ריגע. ער האָט געטראַכט, אַז אין אַזאַ גרויסער שטאָט איז אוממעגלעך, עס זאָלן אונטערגענומען ווערן מאַסן־אַקציעס. איצט איז ער געוואָרן אַ פּעסימיסט. ער איז זיכער, אַז מיט אונדזערע מישפּאָכעס האָט געטראָפֿן דאָס זעלבע, וואָס מיט די ייִדן פֿון דווינסק.

מיר שטייט פֿאָר ניט קיין אָנגענעמע פּראָצעדור. פֿון אונדזער „דערנערונגס־פֿאָנד“ אויף דער אַלטער וווינונג דאַרף איך אָפּנעמען מייַן קיילעך. מיט הערצמאַרקן וואָלט מיר זייַן לייַכט, אָבער מאָטקע און איזיקע וועלן מיסטאָמע זיך פּרוּוון מיך אָפּנאַרן. איך וויל, אַז אַלץ זאָל זייַן אָרנטלעך. מיר פֿאַרמאָגן אַ האַלבן זאַק קאַרטאָפֿל, עטלעכע פּושקעס קאָנסערוון און קימאַט אַ קילאָגראַם צוקער. איך וואָלט מיט פֿאַרגעניגן זיך אָפּגעזאָגט פֿון מייַן קיילעך, נאָר דעמלט דאַרף איך אינעם נייַעם קאָלעקטיוו קומען אָן „נאַדן“, און דאָס גלוסט זיך מיר ניט.

קוים מיט צאָרעס האָבן מיר דאָס פֿאַרמעגן צעטיילט און איך מיט טשאַרלין קלייַבן זיך איבער אין דער נייַער וווינונג. עס האָט זיך פּונקט אַזוי געמאַכט, אַז אין דעם טאָג, וואָס איך האָב זיך איבערגעקליבן, האָט קראַמער באַפֿוילן, מע זאָל די פּריוואַטע דערנערונגס־רעזערוון איבערגעבן אויף דער אַלגעמיינער קיך. פֿאַר ברוסאָוואַנסקין איז דאָס אַ שווערער ניסאָיען. עס ווייַזט זיך אַרויס, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ שטיק געזאַלצן פֿלייש פֿון עטלעכע קילאָגראַם, אַ גרויסן סלאָי האָניק, צוקער, אייַנגעמאַכטס, גרויפּן.

מאָרגן אינדערפֿרי וועל איך גיין אַרבעטן אין סאַניטאַר־פּונקט. ס׳איז שוין פֿאַרנאַכט. די אַרבעטער־קאָלאָנעס קערן זיך אום פֿון שטאָט. דאָס פֿענצטער בייַ אונדז אין צימער גייט אַרויס אויף דער וויליאַנער־גאַס. אַז מע עפֿנט עס אַ ביסל אויף, זעט מען די טויערן פֿון דער „קליינער געטאָ“ און די שוואַרצע קאָלאָנעס מענטשן, וואָס פֿאַרשווינדן הינטערן צוים פֿון שטעכדראָט.

אויף די טרעפּ הערן זיך מידע טריט, עס קלאַפּן אָן אויפֿהער די טירן. דאָס גרויסע הויז האָט אויפֿגעלעבט. די מענטשן קומען פֿון דער אַרבעט.

אין געטאָ רעדט מען שוין לאַנג וועגן דעם, אַז דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט אָנגעהויבן אַ טייל־וויַיזן אָנגריף, אַז אויף אייניקע פֿראָנט־באַצירקן טרעטן די דייַטשן אָפּ. מיט אומגעדולד זוכן מייַנע אויגן אויף די גאַסן פֿון דער שטאָט סימאָנים, וואָס זאָלן דאָס באַשטעטיקן. אומזיסט. ווי פֿריִער, שפּאַנען די דייַטשן מיט אַ פֿעסטן טראָט, דער טראַנספּאָרט באַוועגט זיך מיט דער זעלבער אַקוראַטקייַט, ווי שטענדיק.

דער סאַניטאַר־פּונקט געפֿינט זיך אין דער געבייַדע פֿון דער געוועזענער ציטאַדעל, קעגניבער דעם הויז, ווו איך האָב זיך אַמאָל געלערנט. קראַמער פֿירט מיך אָפּ אינעם אַפּטייק־שפּייַכלער און גייט מעלדן וועגן מיר די דייַטשן. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט ער צוריק מיט אַ דייַטשישן אָפֿיצער, ווען עס גייען נאָך אַ ייִדישער דאָקטער און אַ פֿעלדפֿעבל.

מע הייסט מיר זיך אויסטאָן. איך טו עס ניט גערן. אין שפּייַכלער איז קאַלט. דער דאָקטער יאַוואָרקאָווסקי אונטערזוכט מיך אויפֿמערקזאַם און קאָן דאָך ניט געפֿינען קיין לייַז. דער אָפֿיצער גלייבט אים ניט, נעמט זיך אַליין זוכן. ענדלעך האָבן זיי דערמיט פֿאַרענדיקט און מע פֿאַרעכנט מיך אין דער גרופּע פֿון סאַניטאַר־פּונקט.

דער סטאָליער־וואַרשטאַט געפֿינט זיך אין הויז, וואָס אַנטקעגן דעם אַפּטייק־שפּייַכלער. ס׳איז אַ קליין צימערל, פֿול מיט וואַרשטאַקן און ברעטער. דער באַלעבאָס פֿונעם וואַרשטאַט איז דער דייַטש העגער פֿון פּאַדערבאָרן. בייַ אונדזעריקע האָט ער זיך פֿאַרדינט אַ גוטע רעפּוטאַציע. מע האַלט אים פֿאַר אַ ווילן דייַטש. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט ייִדן רעדט ער נאָר אויף „דו“. ער האַלט, אַז דייַטשלאַנד פֿירט אַ גערעכטע מילכאָמע. שולדיק זייַנען די פּלוטאָקראַטן, די קאָמוניסטן און די ייִדן. אָבער אַז ער זעט, זאָגט ער, די פּייַניקונגען, וואָס די ייִדן האָבן אויסצושטיין, פֿאַרקלעמט אים דאָס האַרץ פֿאַר... דייַטשלאַנד, ווייַל טאָמער, זאָל גאָט אויסהיטן, וועט דייַטשלאַנד פֿאַר־

שפּילן דעם קריג, וועט דאָך אויסקומען פאַר דעם זיך צעצאָלן. ער איז אַ פרומער קאַטויליקער און פאַרופט זיך אַלעמאָל אָף דער ביבל.

אַלע אינדערפרי איז העגער מעכאַבעד מיט ברויט די פיר יידן, וואָס אַרבעטן באַ אים. ער שלאָגט אונדז ניט, ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון אַ סאַך זאַכן. אָבער „מײַן קאַמף" איז פאַר אים די צווייטע יעוואַנגעליע, דער „פיורער" — דער צווייטער מאָשיעך און „הײַל היטלער" קלינגט אין זײַן מויל, ווי אַ שוווע.

פון אונדז, פיר יידישע טעסליערס, האָט, כוץ מיר, נאָר איינער געהאַט אַמאָל צו טאָן מיט אַ האַק. דאָס איז דער געוועזענער פורמאַן קיש. די צוויי אַנדערע טעסליערס, שולקין און לעווי, האָבן בכלל ניט געוווּסט פריער פון קיין פיזישער אַרבעט.

שולקין איז אַ געוועזענער קאָמערסאַנט. לעווי — אַן אינזשעניער-כימיקער. זײַן איצטיקע אַרבעט באַטראַכט ער, ווי אַ צוגרייטונג צום לעבן אין פּאַרטיזאַנישן וואַלד. ער איז מיר געפעלן מער, ווי אַלע אַנדערע. עס וועט זײַן אַ שאָד, אויב דער דאָזיקער יונג וועט אומזיסט אומקומען.

מיר טעסען קלעצער פאַר דעם באַראַק. מע האָט זיי אַהער געבראַכט פײַכטע, און איצט, ווען דער פראָסט האַלט באַ דרײַסיק גראַד, זײַנען זיי ווי שטיקער אײַז. העגער שמײַעט אַרום לעבן אונדז אין וואַרעמע וואַליקעס, דאָס פּאָנעם פאַרוויקלט אין אַ שאַלעכל. ס'איז נאָך גוט, וואָס נאָך יעדע צוויי שאָ אַרבעט דערלויבט ער אונדז צען מינוט זיך דערוואַרעמען אין וואַרשטאַט.

דער סאַניטאַר-פּונקט איז איינס פון די בעסטע אַרבעטס-ערטער. דאָ גיט מען עסן. איינס אַזייגער באַטאָג באַקומען מיר עפּעס אַ געקעכטס, וואָס איז ענלעך אָף אַ זופּ, — אַ שיסל וואַסער, אין וועלכער עס שווימט אַרום אַ האַלב קאַרטאָפל אָדער אַ שטיקל בריוקווע. דער שעף פונעם פּונקט איז לויט זײַן פאַך אַן אַפּטייקער, איז טאַקע קיין כידעש ניט, וואָס די ווערטפולע פּראָדוקטן — דאָס גרינוואַרג — ווערן אַרויסגעגעבן אָף דער קיך אין „אַפּטייק-דאַזעס". דערפאַר איז דער קעכער אַ ייד, וואָס קאַרגט ניט קיין האַלץ און קיין וואַסער. די שיסל איז פול מיט זופּ, און דער זופּ איז הייס. אַלע וואַרטן מיט אומגעדולד אָפן מיטיק. די מערהײַט קוקט, פאַרשטייט זיך, אַרויס אָף די קאַלאָריעס, אַנדערע אָבער נוצן אויס דעם מיטיק-איבעררײַס, קעדיי צו טרעפן זיך מיט זייערע ניט-יידישע פרײַנט.

קראַמער האָט אין דעם זין זיך אײַנגעאָרדנט גרויסאַרטיק. אָפן צווייטן שטאָק, איבער אונדזער וואַרשטאַט, געפינט זיך די קיך און אויך דער וואַרשטאַט פון די עלעקטראָטעכניקער, ווו עס אַרבעטן אַן אַלטער לעט, זײַן זון און צוויי יידישע יאַטן. הינטער דעם צימער איז דאָ נאָך אַ קליין צימערל, וואָס דינט אַלס גאַרדעראָב פאַר די עלעקטראָטעכניקער. אין אָט דעם צימערל טרעפט זיך קראַמער מיט אַן עלטערער פרוי, וואָס ברענגט אים צוויי-דרײַ מאָל אין וואָך פּאַקעטן און אַ צײַטונג. די פרוי האָט קעסיידער אַ טערעץ, אַז זי איז געקומען צו אירע באַקאַנטע — צו די לעטישע עלעקטראָטעכניקער, און דעריבער זײַנען אירע באַזוכן ניט געפערלעך. אייניקע באַגעגענען זיך מיט זייערע ניט-יידישע פרײַנט באַם קלויסטער, וואָס געפינט זיך אָף אונדזער טעריטאָריע, אַנדערע — לעבן גאַראַזש.

מיט קראַמערס באַקאַנטע האָב איך אָפּגעשיקט אַ בריוו צו מימי. עס ווילט זיך שוין וואָס גיכער אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. בייס דעם מיטיק-איבעררײַס איז קיינער פון די דײַטשישע אָפיצערן ניטאָ: אָדער זיי עסן באַ זיך, אָדער זיי גייען אוועק, און די סאָלדאַטן אינטערעסירן זיך ווייניק מיט אונדזערע פאַרווערטע באַגעגענישן.

די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט טיילט מיט, אַז דאָס מיליטער שלאָגט אָפּ די סאָוועטישע אַטאַקעס און אַז אייניקע באַצירקן זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן, קעדיי פאַרקירצן די פראָנט-ליניע. אין צו-זאַמענהאַנג דערמיט וואַרט מען אין געטאָ אָף נײַע אַקציעס.

הײַנט זײַנען אָנגעקומען וואַגאָנעס מיט מעדיקאַמענטן און ביז שפּעט באַנאַכט האָבן מיר זיי אויסגעלאָדן. צוריק גייען מיר מיט דער זשידו-גאַס. אין שטאָט איז שטיל, נאָר באַם צוים פון שטעכדראָט לויכטן זיך שײַטערס, וואָס די וואַך צינדט אָן. די פונקען פליִען אין אַלע זײַטן. דער שנײ סקריפּעט אונטער אונדזערע שווערע טריט. אָט איז שוין די וואַנט פונעם יידישן בעסוילעם, פון לינקס שווארצט זיך דער פּלויט פון דער „גרויסער געטאָ". פּלוצעם פאַרהאַלט די קאָלאָנע דעם גאַנג. די, וואָס גייען פון פאָרנט, האָבן עפּעס דערזען. מיר ציטערן אַלע אויף.

אַן ערעך אַ הונדערט מעטער פון אונדז, אָף יענער זײַט פּלויט, האָבן פּאָליצײַען מיט ברע-נענדיקע שטורקאַצן אין די הענט אַרומגערינגלט אַ גרופּע מענטשן. אַן אַקציע? איבער וועמען? קיינער וויסט גאָרניט. דערשלאָגענע, שלעפּן מיר זיך ווײַטער. וואָס טוט זיך באַ אונדז, אין דער „קליינער געטאָ"?

באַ אונדז איז אַלץ ווי געוועזן. ס'איז ניט קיין „אַקציע". דאָס האָט מען הײַנט געבראַכט אין

דער „גרויסער געטאָ“ ייִדן פֿון די אָקופּירטע לענדער, מערסטנטייל פֿון עסטרײַך און טשעכאָ־סלאָוואַקיע. פֿאַראַן צווישן זיי אויך דײַטשישע ייִדן. דאָס זײַנען מענטשן פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער — זקינים, פֿרויען און קליינע קינדער. באַ אונדז לעבט ווידער אויף אַ האָפֿענונג. עפּשער זײַנען אויך אונדזערע פֿרויען ערגעץ פֿאַרטריבן געוואָרן — קיין עסטרײַך אָדער קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע. אַלנפֿאַלס, דאָ קאָן מען אײַנזען אַ פּאָליטיק פֿון צעשפּרייטונג און ניט פֿון פֿאַרניכטונג.

אין דער „גרויסער געטאָ“, וואָס איצט הייסט זי שוין דײַטשישע, הערשט אַ שטרענגע אָרדענונג. אויף אייניקע הײַזער האָבן זיך באַוויזן רויטע קרייצן מיט אויפֿשריפֿטן „ווין“, „פּראָג“ אאַוו. דאָס זײַנען סאַניטאַר־פּונקטן. שוין פֿון די ערשטע טעג טרײַבט מען די נײַע אײַנוווינער אויף אַרבעט. די ייִדן, וואָס שטאַמען פֿון די דאָרעמדיקע לענדער, זײַנען מאָדנע „געקליידט“. קימאַט באַ אַלעמען זײַנען די פֿיס אַרומגעוויקלט מיט זעק. די מאַנצבלען גייען אַרום מיט שאַלן אויף די קעפּ, און ס'איז שווער אונטערשיידן אַ פֿרוי פֿון אַ מאַנצבל.

אין ערעך אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די נײַ־אָנגעקומענע לײַדן זייער פֿון הונגער. קיין באַקאַנטע אין שטאָט האָבן זיי ניט, קיין שפּײַז־רעזערוון אויך ניט, מוזן זיי לעבן אויסשליסלעך פֿונעם „יודען־ראַציאָן“. אַ גרויל צו קוקן אויף זייערע קינדערלעך. זיי קומען צום שטעכדראָט אַ סאַך פֿריִער, איידער מע טרײַבט אַרויס אויף דער אַרבעט די ערשטע קאָלאָנע ריגער ייִדן. ווען זיי דערזעען אונדז, ציִען זיי אויס זייערע הענטלעך, מיר זאָלן זיי שענקען אַ שטיקעלע ברויט. מע שלאָגט זיי מיט שטעקנס. עס איז זיי פֿאַרבאָטן צו בעטלען, און אונדז איז פֿאַרווערט זיי עפּעס שענקען. נאָר זיי בעטן, און מיר גיבן, וואָס מיר קאָנען. געבן אַ הונגעריק קינד אַ שטיקל ברויט איז אַ פֿאַרברעכן, וואָס ווערט באַשטראָפֿט, אין בעסטן פֿאַל, מיט קלעפּ און צומאָל אַפֿילע מיט אַ קויל.

אין די צײַטונגען איז אָפּגעדרוקט אַ ווענדונג צו דער ציווילער באַפֿעלקערונג, מע זאָל שענקען וואַרעמע קליידער פֿאַר די „באַשיצער פֿון דער אייראָפּעיִשער קולטור“, וועלכע פֿירן אין די אומענדלעכע רוסישע מערכאָקים.

אין געטאָ הענגט אַ באַפֿעל — דרינגענדיק אָפּגעבן אַלע פֿוטערנע מאַלבושים. פֿאַר ניט אויספֿילן דעם באַפֿעל — טויט־שטראָף. אויף דער לודזאַס־גאַס, אינעם הויז פֿון דער וואַך, געפֿינט זיך דער אויפֿנעם־פּונקט.

איך מוז זיך צעשיידן מיט טשאַרלין. מיטנעמען אים אויף דער אַרבעט וואָג איך ניט, ווײַל דער פֿעלדפֿעבל דראָעט דערשיסן אים. אין דער צוזאַמענוווינונג קאָן איך אים אויך מער ניט האַלטן: מײַנע שכיינים זײַנען „אַריסטאָקראַטן“, זיי האָבן מוירע, אַז דער הונט וועט פֿאַרשלעפּן אַהער אַ קרענק. עפּשער איז עס טאַקע אַ מעשוגאַס צו האַלטן איצט אַ הונט, עפּשער איז אַפֿילע אַ ביזויען צו טראַכטן איצט וועגן אַ הונט און ביפֿראַט נאָך אַמפּערן זיך מיט עמעצן איבער אים, נאָר מיר איז שווער צו בלײַבן אָן טשאַרלין. די דײַטשן האָבן ליב הינט, האָב איך אוועקגעשענקט טשאַרלין אַ דײַטשישן סאָלדאַט פֿונעם סאַניטאַר־פּונקט. הײַנט קער איך זיך אום פֿון דער אַרבעט נאָך איינזאַמער, ווי פֿריִער. אַז טשאַרלי איז געווען מיט מיר, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין דורך אים פֿאַרבונדן מיט אַליען. איצט איז פֿאַרבליבן נאָר אַ דערמאָנונג.

באַם דאָקטער גורעוויטש האָבן זיך באַוויזן אויף די הענט גרויסע געשווירן — קאַרבונקולן. אין אָוונט נאָך דער אַרבעט בינדט אים יאַוואָרקאָווסקי איבער די וווּנדן, לייגט צו קאָמפּרעסן. אינדערפֿרי גייט גורעוויטש ווידער אויף דער אַרבעט. ער באַמיט זיך מיט אַלע קויכעס אויסצוזען ווי אַ געזונטער. די דײַטשן דאַרפֿן אַרבעטער, ניט קיין כאַלאָיִם. דער דאָקטער איז שטאַרק אַראָפּ פֿון פּאָנעם, נאָר אַלע טאָג ראַזירט ער זיך, און כאָטש ער איז שוין אין די זיבעציקער, טײַנעט ער, אַז אים איז ניט מער פֿון זעכציק יאָר.

הײַנט, מיטיק־צײַט, פֿון איינס ביז צוויי, וואַרט איך אויף מימין. צי וועט זי קומען? צי האָט זי ביכלאַל דערהאַלטן מײַן בריוו?

מיר, טעסליערס, האָבן הײַנט אַ גליקלעכן טאָג. פֿאַר דער בויונג מוז מען האָבן פֿאַרשיידענע פֿעסטיקונג־דעטאַלן פֿון אײַזן. אויפֿן סקלאַד פֿונעם סאַניטאַר־פּונקט איז עס ניט צו קריגן, און קיש האָט פֿאָרגעלייגט העגערן צופֿאָרן צו אַ באַקאַנטן שמיד. קיש האָט דערבײַ אַ מיין — באַגעגענען זיך מיט באַקאַנטע. פֿאַר העגערן איז דאָס אַ פֿאַרווײַלונג. קיש וועט שוין מאַכן אַזוי, אַז די רײַזע זאָל זיך פֿאַרציִען, און מיר וועלן דערווײַל ניט דאַרפֿן פֿירן אַזויפֿיל אין דרויסן.

און אָט איז דער מיטיק־איבעררײַס. מיר לויפֿן אויפֿן צווייטן שטאָק, ווו עס איז שוין פֿול מיט מענטשן. אַ מאַן פֿופֿצן פֿרומע ייִדן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ ווינקל און דאַווענען. זיי עסן ניט דעם אַלגעמיינעם זופּ. מע האָט נאָך אָבער דעם זופּ ניט געבראַכט, און איך וויל ניט, אַז איבער דעם זאָל איך פֿאַרשפּעטיקן צו מימיס קומען. איך בעט לעווין, ער זאָל פֿאַר מיר נעמען מײַן כיילעק, און אַליין לויף איך אַרויס אין דרויסן.

אַף דער ציטאַדעל־גאַס איז קימאַט פּוסט. בלויז אײנצלנע פיגורן מיט געלע לאַטעס שווינדלען פאַרבײַ. איך קלײַב מיר אויס אַ באַאָבאַכטונגס־פּונקט הינטער דעם ווײַסן קלויסטער. איך זע, ווי איבערן הויף גייט דורך יאַוואָרקאָווסקי, הינטער אים גייט אַ פרוי מיט אַ פּאַקעט אין האַנט. זיי פאַר־שווינדן. הינטער אַ קאָלאָנע פונעם גאַראַזש שטייט אַ מענטש מיט אַ געלער לאַטע און קוקט זיך אָנגעשטרענגט אײַן אין אַ פיגור, וואָס דערנעענטערט זיך צו אונדז. די צײַט ציט זיך לאַנגזאַם. כ׳האָב מוירע, אַז דער מיטיק־איבעררײַס וועט זיך באַלד ענדיקן. נאָר אָט איז די פיגור, נאָך וועלכער מיר שפּירן נאָך אײנצווייען, שוין קימאַט לעבן אונדז. דאָס איז דאָך מימי! זי קוקט זיך פאַרדעכטיק אום אין אַלע זײַטן. אין דער האַנט האַלט זי עפּעס אַ פּעקעלע. איך ווייס ניט, וואָס צו טאָן: גיין איר אַנטקעגן איז געפערלעך. שטיין אַפן אָרט — קאָן זי דורכגיין און מיך ניט דער־זען. אַ רוף טאָן — טאָר מען אויך ניט. זי גייט דורך פאַרבײַ מיר און דערקענט מיך ניט. לעבן דעם קלויסטער שטעלט זי זיך אָפּ, טראַכט אַ ווײַלע און קערט זיך אום צוריק.

זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן. איך גיי אַרויס פון מײַן באַהעלטעניש, דעריאָג זי און גיב פאַר־בײַגייענדיק אַ זאָג:

— גיי מיר נאָך, האָב קיין מוירע ניט, — און איך שפּאַן ווײַטער.

אין אונדזער הויף איז קײנער ניטאָ, אויסער די טויבן און שפּערלעך. אַ שפּאַן אַכט־צען הינטער מיר גייט מימי. די שליסלען פונעם וואַרשטאַט זײַנען בא מיר און איך לאָז זיך גלײַך אַהין. מימי גייט מיר נאָך, איך פאַרשליס נאָך איר די טיר, איך וויל עפּעס זאָגן און קאָן ניט. אַן אַלטע האַנט, פול מיט קנייטשן, גלעט מײַן ניט געגאָלט פּאָנעם. איך וויל פאַרמאַכן די אויגן און וויינען. נאָר קיין טרערן רינען ניט. עפּשער האָבן מיר שוין אָנגעווירן אַלע מענטשלעכע געפילן?

טשאַרלי איז בא מימין. ער איז אַנטלאָפן פונעם דײַטש און זיך אומגעקערט אין זײַן אַלטער היים. מימי דערציילט, אַז זי ווישט ניט אויס דעם שפּיגל פון דער שאַפע: אַפן גלאָז האָט מײַן מיידעלע איבערגעלאָזט שפּורן פון אירע הענטעלעך, און מימי היט זיי אָפּ. זי, מימי, ווייסט, אַז מע האָט זיי אַלעמען אויסגעהאַרגעט. קײנער איז ניטאָ, בלויז דער אָנדענק וועגן זיי איז געבליבן. צי איז דאָס טאַקע אַן עמעס, צי דען האָט מען דרײַסיק טויזנט שוצלאָזע מענטשן אַרויסגעטריבן אין וואַלד און אויסגעראָטן אַזוי, ווי מע ראָט ניט אויס אַפילע קיין כײַעס?

מימי זעט אין כאָלעם אַליען, אַנאַ גריגאָריעוונען, מײַנע קינדער. זי קלײַבט פאַר מיר צוקער, זי שפּאָרט פאַר מיר אָפּ פּוטער. זי האָט אויסגעביטן עטלעכע אייער אַף פּאַפּיראָסן פאַר מיר. דאָס אַלץ האָט זי מיר געבראַכט צו טראָגן. אין אַ וואָך אַרום וועט זי ווידער קומען. איצט איז צײַט זיך געזעגענען. אינגיכן וועלן קומען די דײַטשן.

קיש איז געבליבן צופרידן פון דער רײַזע. דער שמיד האָט זיי געשטעלט בראַנפן. ער האָט אַרײַנגערוקט קישן אַ לאַבן ברויט, ער האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז ווען די דײַטשן וועלן אָנהייבן אָפּטרעטן, וועט ער אים אויסבאַהאַלטן. קיש האָט געבראַכט גוטע יעדיעס פונעם פראָנט.

נאָך דער אַרבעט, איידער מיר קערן זיך אום אין געטאָ, גיט אונדז קראַמער מעדיקאַמענטן. מיר באַהאַלטן זיי אונטער די מאַלבושים. אַזוי קומט עס פאַר יעדן אָוונט.

עס ווילט זיך ניט גיין צוריק אין געטאָ. איך וואָלט אַנטלאָפן, נאָר וווהין? צום פראָנט? ווי דערקלײַבט מען זיך אַהין? מיר שלעפּן זיך מידע צו דער געטאָ.

איך זיץ בא הערצמאַרקן. ער וווינט נאָך אַלץ אין דעם זעלבן צימער, אײנײנעם מיט איזקען און מאָטקען. מײַן אָרט האָט פאַרנומען דער אַלטער וואַלענהיים. אינעם גרויסן צימער שלאָפט אַ קראַנקער זאַקן. פאַראַן טעג, ווען קײנער גייט צו אים ניט אַרײַן. ער זעט אויס, ווי אַ מעס. ווי נאָר עס וועלן זיך דאָ באַווײַזן די דײַטשן, וועלן זיי צו אים מאַכן אַ סאָף.

איך ווער פאַרן טאָג אַזוי מיד אַרבעטנדיק אַפן פראָסט, אַז עס ווילט זיך די גאַנצע צײַט שלאָפן. איך געזעגן זיך מיט הערצמאַרקן און גיי אַוועק צו זיך.

אין דער „דײַטשישער געטאָ“ קומט ווידער עפּעס פאָר. מע פירט אַלע טאָג אַוועק מענטשן אַף „אַרבעט“ און קײנער קערט זיך ניט אום. אָנשטאָט די פאַרשווונדענע קומען אָן נײַע מענטשן.

מיר וואַרטן אויך אַף עפּעס. אין די אָוונטן קלײַבן מיר זיך צונויף און פּרוּוון זיך אָנשטויסן, וואָס מיט אונדז וועט זײַן. אונדזערע ייִדישע פּאָליצײַען פאַרזיכערן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין שום גרונט, מיר זאָלן זיך באַומרויִקן. נאָר אַפן האַרצן ווערט דערפון ניט גרינגער.

אַ סאַך „אָבער־יודען“ פּרוּוון זיך פּועלן בא די דײַטשן, מע זאָל זייערע אַרבעטער־קאָמאַנדעס אַריבערפירן וווינען אין קאַזאַרמעס. אַלע האַלטן, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען — ניט וווינען אין געטאָ.

העגער האָט באַקומען אַ מאַשין אַף צו „אָרגאַניזירן“ אין געטאָ אינסטרומענטן. ער נעמט מיט מיך און נאָך אַ ייִדן — אַן עלעקטראָטעכניקער. מיר זוכן עגבערס, זעגן, דאָלאָטעס און

אַנדערע אינסטרומענטן. מיר גייען אַרום איבער די פֿאַרלאָזענע וווינונגען. דער שאָפֿער גייט אויך מיט אונדז. העגער האָט אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר זעקס. קינדערשע מאַלבושים וועלן אים צוניצקומען. און כאָטש דאָס זײַנען ניט קיין אינסטרומענטן, פּאַקעוועט מען זיי אין דער מאַשין. ניטאָ מער די קינדער, פֿאַר וועמען מע האָט די מאַלבושימלעך גענייט, זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט באַדאַרפֿן אָט די הייזעלעך, העמדעלעך, זעקעלעך. נאָר דעם קלייניקן האַנס זײַנען זיי אַקוראַט צו דער מאָס. פֿרויען־וועש דאַרף זיך דאָ אויך אומזיסט ניט וואַלגערן. אין דײַטשלאַנד קאָסטן אַזעלכע זאַכן טײַער...

צוריקוועגס גייען מיר אַרײַן אין מײַן געוועזענער דירע אויף קאַלנאַ־גאַס. מען איז שוין דאָרטן געווען פֿאַר אונדז און אַלץ איבערגעראַמט. די טירן זײַנען ברייט צעעפֿנט. ס׳איז פּוסט און קאַלט. אויף די ווענט הענגען נאָך די בילדלעך. איך באַווײַז העגערן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע: אַליע מיט די קינדער. ער זיפֿצט און רוקט בייסמײַסע אַרײַן אין קעשענע דימעס זעקעלעך. איך רײַס אַרויס פֿונעם אַלבאָם עטלעכע פֿאָטאָ־בילדער און באַהאַלט זיי בײַ זיך אין קעשענע. העגער איז צופֿרידן. ער האָט געקראָגן סײַ אינסטרומענטן, סײַ „קלייניקײַטן“ פֿאַר דער פֿאַמיליע.

מיר פֿאָרן איבער די גאַסן פֿון דער געטאָ. לעם אייניקע הײַזער שטייען מיליטערישע לאַסט־אויטאָמאָבילן. זיי זײַנען אויך געקומען אַהער „אָרגאַניזירן“ דאָס נייטיקע פֿאַר זיך. עס דוכט זיך מיר אויס, אַז די געטאָ איז אַ ריזיקער מעס, אויף וועלכן רויבפֿויגל פֿראַוווען זייער מאָלצײַט. דער שאָפֿער פֿירט די מאַשין האַסטיק, און אָט זײַנען מיר שוין פֿון יענער זײַט געטאָ.

די פֿראָסט דערגייען ביז פֿינף און צוואַנציק — דרײַסיק גראַד. די אַמפּולעס פֿון דער לעצטער פּאַרטיע פּרעפּאַראַטן, וואָס די אַפּטייק האָט באַקומען, זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. די העזייקעס זײַנען גרויס, און דאָס איז זייער גוט. גורעוויטש האָט צופֿעליק אונטערגעהערט, ווי דער אַפּטייקער האָט ראַפּאָרטירט דעם אָבעראַפּטייקער: „אַלע קאַסטנס מיט די אַמפּולעס זײַנען צו גרונט געגאַנגען“. — „וויִאַרום, ווער איז שולדיק?“ — „די ייִדן, פֿאַרשטענדלעך“. — „פֿאַרוואָס די ייִדן?“ — „זייער איינפֿאַך. דער פֿראָסט האַלט בײַ דרײַסיק גראַד“. די דײַטשן לאַכן. דער שפּאַס איז זיי געפֿעלן.

דער אַפּטייקער איז גראָד גערעכט, כאָטש ער ווייסט עס אַליין ניט. מיר האָבן אויך אַ שטיקל ביילעק אין דעם, וואָס די מעדיקאַמענטן זײַנען געפֿאַטערט געוואָרן. ווען מיר האָבן זיי אויסגעלאָדן, האָבן מיר באַזונדערס שטאַרק געוואָרפֿן די קאַסטנס מיט דער אויפֿשריפֿט „פֿאָרזיכטיק, גלאָז!“

העגער איז אין אַ גוטער שטימונג. ווען ער וועט פֿאַרענדיקן די געבײַדע, וועט מען אים געבן אורלויב אויף צוויי וואָכן. דעריבער טרײַבט ער אונדז אונטער, מיר זאָלן פֿלײַסיקער אַרבעטן. ער באַציט זיך צו אונדז ברוטאַלער, ווי פֿריִער, זידלט זיך. דערווײַל שלאָגט ער נאָך ניט. נאָר די האַנט פֿאַרהייבט ער שוין.

אין אָוונט האָב איך געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן. ער האָט זיך אָנגערופֿן אַבע סאַלנער, אַ הייצער אין דער מעלוכע־ביבליאָטעק. ער האָט מיך געבראַכט אַ צעטעלע פֿון ליוסיען. באַקאַנט אים מיט ליוסיען האָט אירע אַ כאַוועריטע, וואָס אַרבעט אין דער ביבליאָטעק. ליוסיע האָט געבעטן סאַלנערן, ער זאָל זיך דערוויסן אין דער קאַרטאָטעקע פֿון דער געטאָ וועגן מײַן גורל. אַזוי האָט ער מיך געפֿונען. ער נעמט זיך אונטער איבערגעבן מײַנס אַ צעטעלע ליוסיען. איך באַשטים אַ טאָג און אַ שאָ פֿאַר אונדזער באַגעגעניש.

איך האָב איצט נאָך אַ מיטל צו קריגן מאַכאָרקע.

אין אונדזער וווינונג איז זייער ענג, דעריבער זײַנען אַרײַן אין דער מאָדע צווייסטאָקיקע נאַרעס, ווי אין די קאַזאַרמעס. פֿאַר מאַכן אַזאַ „לופֿט־געלעגער“ באַצאָלט דער באַשטעלער אַ פּעקל מאַכאָרקע אָדער דײַטשישן טאַבעק. איך האָב אײַנעם שכײַנעסדיקן הויף צענומען אַ הילצערן ווענטל פֿון אַ שטעלכל און פֿאַרגרייט ברעטער. מע האַלט, אַז אויפֿן צווייטן שטאָק קאָן מען זיך גיכער אויסהיטן פֿון לײַז. דעריבער קלעקט פֿאַר מיר אַרבעט.

עס טרעפֿט, אַז מע פֿירט אונדז אָפּ פֿון דער אַרבעט אויף אַ מאַשין. הײַנט האָבן מיר געאַרבעט לענגער, ווי געוויינלעך, און דערפֿאַר פֿאָרן מיר.

באַם ראָג פֿון דער לודזאַס־גאַס שטעלט עפּעס אַ דײַטש אָפּ אונדזער מאַשין. אונדזערע דײַטשישע באַגלייטער רינגלען אים אַרום. מיר הערן נאָר די ווערטער „דיקע לופֿט“. נאָכדעם

ציט מען שטײַף אָן דעם ברעזענט אױף דער מאַשין, מע זאָל אונדז ניט אַרויסזען. די מאַשין פֿאַר־קערעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג און פֿאָרט שנעל. לויט דעם קאַרגן שמועס, וואָס די דײַטשן פֿירן צווישן זיך, פֿאַרשטייען מיר, אַז זיי ווילן אונדז פֿון עפּעס ראַטעווען. צווישן אויסוואורפֿן טרעפֿן זיך דאָך אויך אַמאָל מענטשן מיט פֿילבאַרע הערצער. כאָטש מיר ווייסן ניט, וווהין מע פֿירט אונדז, זײַנען מיר צופֿרידן, וואָס מיר וועלן ניט נעכטיקן אין געטאָ.

מע ברענגט אונדז אין דעם הויז אַפֿן ראָג פֿון יעליזאַוועטינער און מאַריײַנער גאַסן. ערשט מאָרגן וועלן מיר זיך דערוויסן, וואָס איז געשען אין דער „קליינער געטאָ“. דערווײַל קאָנען מיר אָפּרוען, אַרויסגייען מעג מען נאָר באַרוועס, ווײַל קיינער פֿון די, וואָס וווינען אין הויז, דאַרף ניט וויסן, אַז אין איינער פֿון די דירעס געפֿינען זיך הונדערט צוואַנציק ייִדן. אונדזערע באַגלייטער האָבן אַף אייגענער אַכריַיעס געבראַכט אונדז אַהער. מיר וואַלגערן זיך אַוועק אַפֿן דיל. עס איז קאַלט.

ווי נאָר עס האָט געגומען שאַרײַען אַף טאָג, גייען מיר שטיל אַראָפּ פֿון די טרעפּ, שטעלן זיך אויס אין אַ קאָלאָנע און לאָזן זיך אַוועק אַף דער אַרבעט. מיר גלייבן, אַז אין מעשעך פֿון טאָג וועט אונדז געלינגען זיך דערוויסן, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין געטאָ. נאָר דער טאָג גייט שוין קימאַט אַוועק, און קיין יעדיִעס זײַנען ניטאָ. נאָך דער שלאָפֿלאָזער נאַכט ציט זיך די צײַט מוירע־דיק לאַנגזאַם, דער פֿראָסט דוכט זיך אויס נאָך שטאַרקער, ווי ער איז איינדערעמעסן, די אַרבעט נאָך שווערער. פֿאַרנאַכט פֿירט אונדז דער פֿעלדפֿעבל אין געטאָ. מיר גייען צופֿוס. די געטאָ שרעקט אונדז הײַנט מער ווי שטענדיק, און אין דער זעלבער צײַט ווילן מיר שוין גיכער דאָרטן זײַן, דערוויסן זיך, וואָס איז געשען.

נאָר אין דער „קליינער געטאָ“ איז דאָס מאָל גאָרנישט ניט געשען. מע האָט נעכטן פֿון דער „דײַטשישער געטאָ“ אַרויסגעפֿירט אַף אויטאָבוסן אַ מענגע מענטשן. דער דײַטש, וואָס האָט גע־וואָרנט אונדזערע באַגלייטער, איז געווען שיקער און האָט אָנגעפּלאָנטערט...

באַ קראַמערן זיצט דער אַדוואָקאַט יע. ער מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס איז געריררט פֿון זינען. ער איז צוויי כאָדאָשים ניט געווען אין געטאָ, זיך אויסבאַהאַלטן באַ אַ לעט. אָבער די נערוון האָבן מער ניט אויסגעהאַלטן די אָנשטרענגונג און ער האָט זיך אומגעקערט. אויב ס'איז באַשערט צו שטאַרבן, איז צווישן אייגענע מענטשן.

יאַנוואַר. איינגיכן וועט קומען דער פֿרילינג. נאָר עפּעס פֿילט מען ניט, אַז די דײַטשן זאָלן האָבן פֿאַרשפּילט די מילכאָמע. מע האָט זיי אָפּגעוואָרפֿן פֿון מאָסקווע, אָבער מאָסקווע איז אַזוי ווײַט פֿון אונדז.

איך האָב זיך געזען מיט סאַלנערן. ליוסיע האָט צוגעזאָגט קומען. איך וואַרט מיט אומגע־דולד. איינדערווײַטנס, אַף דער ציטאַדעל־גאַס, באַווײַזט זיך אַ הויכע פֿרויען־פֿיגור. זי שפּאַנט האַסטיק. אָט דערנעענטערט זי זיך צו דעם ווײַסן קלויסטער. איך גיי איר אַנטקעגן. זי האָט מיך אָבער, ווײַזט אויס, ניט דערקענט. זי קוקט זיך אַפֿילע ניט אום אַף מיר. צי דען איז דאָס ניט זי? איך קער זיך אום, יאָג זי איבער. עס איז זי. קיין שום צווייפֿל. אין דער לעצטער מינוט האָט זי זיך דערשראָקן און איז פֿאַכדאָנעסדיק אַנטלאָפֿן. אַ דאַנק כאָטש דערפֿאַר, וואָס זי איז געקומען. דער, וואָס באַגעגנט זיך מיט אונדז, איז אין אַ גרויס געפֿאַר. צומאָל פֿאַרגעסן מיר וועגן דעם.

די קינדער פֿון די דײַטשישע ייִדן לעבן נאָר אַדאַנק אונדזערע נעדאָוועס. איינדערפֿרי און פֿאַרנאַכט וואַרטן זיי אַף אונדז באַם צוים פֿון שטעכדראָט. אייניקע ייִדן האָבן זיך צווישן די קינדער זייערע קליינינקע פֿרײַנט, וועמען זיי באַזאָרגן שטענדיק מיט אַ פֿרישטיק און אָוונט־ברויט. בישכיינעס מיט אונדזער דירע וווינט איינער אַרשאָן. דאָס איז אַ וווּקסיקער ברוטאַלער יונג. מע זאָגט, אַז ער איז אַ גאַנעוו. נאָר אויך ער האָט זיך „זײַן קליין מיידעלע“, וועגן וועלכער ער זאָרגט, ווי אַ לײַבלעכער טאַטע. פֿאַר איר גרייט ער צו אַלע טאָג אַ פּעקעלע מיט עפּעס אַ געשמאַקער זאַך. און קעסיידער גיט זיך אים אײַן דאָס פּעקעלע איבערגעבן איר. הײַנט האָט ער אַף דער אַרבעט ווידער עפּעס אויסגעביטן און איך האָב געזען, ווי ער האָט אַרײַנגעלייגט אין קעשענע אַ שקאַרמיצל פֿאַר דעם מיידעלע.

אַ שטיקל פֿאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט האָב איך שוין אויך. פֿון צײַט צו צײַט קומט מימי. איך נעם זי אויף, ווי דאָס ערשטע מאָל, אינעם טעסליער־וואַרשטאַט. געווען איז אויך ליוסיע. נאָר זי האָט אַזוי געציטערט, אַז איך בין געווען צופֿרידן, ווען זי איז אַוועק. וווהין צו

אַנטלויפֿן פֿון דער געטאָ האָב איך ניט. מימי האָט מוירע מיך באַהאַלטן בײַ זיך, און איך וויל ניט שטעלן זי אין אַ געפֿאַר. נאָר דער געדאַנק וועגן אַנטלויפֿן לאָזט מיך ניט צו רו.

מיר האָבן שוין גרייט געמאַכט דעם הילצערנעם טייל פֿון דער שטאַל. איצט דאַרף מען די געבײַדע אַוועקשטעלן אויף אַ פֿונדאַמענט. פֿריִער האָט מען געהאַט בעדייע מאַכן אַ שטיינערנעם פֿונדאַמענט, נאָר איבער די פֿרעסט האָט מען זיך דערפֿון אָפּגעזאָגט און באַשלאָסן שטעלן די געבײַדע אויף סטויפּעס. מיר גראָבן גריבער. דער פֿראָסט האַלט בײַ פֿינף און צוואַנציק גראַד. העגער איז קימאַט די גאַנצע צײַט אין וואַרשטאַט. ער כאַפּט זיך זעלטן אַרויס אַ קוק טאָן, ווי גייט די אַרבעט. אונדזער סאַבאָטאַזש באַשטייט דערין, וואָס די גריבער, אין וועלכע עס ווערן געפּעסטיקט די סטויפּעס, פֿאַרשיטן מיר מיט אײַז אָנשטאָט ערד. פֿרילינג, ווען דאָס אײַז וועט צעגיין, וועט זיך איבערקערן דער שפּײַכלער.

אין געטאָ דערוואַרט מען אַן „אַקציע". הײַנט האָבן אַלע קאָמאַנדירן פֿון די קאָלאָנעס באַקומען אַ באַפֿעל צו נעמען אויף אַרבעט ווייניקער מענטשן. אין סאַניטאַר־פּונקט וועלן מאָרגן גיין ניט קיין הונדערט צוואַנציק מאַן, נאָר אַכציק.

קראַמער דאַרף אויסמעקן פּערציק מענטשן. אין דער ערשטער ריי — זקיינים און שוואַכע. אַלע האָבן מוירע אַרײַנצופֿאַלן צווישן די אויסגעמעקטע. קיינער צווייפֿלט ניט, אַז פֿאַרבלײַבן אין געטאָ איז געגליכן צום טויט. קראַמערן איז אויך ניט לײַכט, נאָר ער טוט זײַן זאַך מיט אַ פֿעסטער האַנט.

אינדערעמעסן איז קיין „אַקציע" ניט געווען. ס'איז אויסגעפֿאַלן אַ גרויסער שניי, האָבן זיך געפֿאָדערט מענטשן אויף רייניקן די גאַסן. דערפֿאַר האָט מען געהייסן שאַפֿן „אַרבעטס־רעזערוון".

אויפֿן סאַניטאַר־פּונקט איז הײַנט אַ שלעכטער טאָג. דער פֿעלדפֿעבל האָט זיך דערוווּסט וועגן אַ צוזאַמענטרעף פֿון ש. מיט אַן אַריער. ווען ער איז אַרויסגעלאָפֿן פּאַקן דאָס פּאָרל צוזאַמען, איז די פֿרוי שוין ניט געווען. ש. האָט אָבער נאָך געהאַלטן אין די הענט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און שפּײַז־פּראָדוקטן. דער פֿעלדפֿעבל האָט געפֿאָדערט, אַז ש. זאָל טייקעף אַרויסגעבן די פֿאַרברעכערן, אָנרופֿן איר נאָמען. ש. האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. דאַן האָט דער פֿעלדפֿעבל טעלעפֿאָנירט אין געסטאַפּאָ. באַלד נאָך דעם האָט מען ש. אַוועקגעפֿירט. זײַן גוירל איז קלאָר.

איך האָב באַשטימט זוכן אַן אַנדער אַרבעטס־אָרט, ווײַ די באַגעגענישן וועלן ניט זײַן אַזוי געפֿערלעך. אויפֿן סאַניטאַר־פּונקט וועל איך מער ניט גיין. כ'וועל דערווײַל אַרבעטן אין טעכנישן אָפּטייל פֿון דער געטאָ.

די „קליינע געטאָ" ווערט פֿאַרברייטערט. פֿון ליטע איז אָנגעקומען אַ פּאַרטיע ייִדן. זיי זײַנען אײַנגאַנצן אָן זאַכן. איצט אָרדענען זיי זיך אײַן אין דעם פּאַרלאָזטן און באַרויבטן טייל פֿון דער „גרויסער געטאָ", וואָס ווערט פֿאַרייניקט מיט אונדזער געטאָ.

מיר העלפֿן זיי פֿאַריכטן די טירן, פֿאַרשלאָגן מיט ברעטער די פֿענצטער. די ליטווישע ייִדן גייען איבער די הײַזער און בעטן נעדאָוועס. מיר דערוויסן זיך פֿון זיי, אַז נאָך דער אַלגעמיינער „אַקציע" איז אין קאָוונער געטאָ קיין צעשיידונג פֿון מישפּאָכעס ניט געווען. ביכלאַל איז דאָרט צוגעגאַנגען עטוואָס לײַכטער איידער בײַ אונדז.

איך האָב באַגעגנט מײַן אַלטן באַקאַנטן וואַלדענבערגן. ער אַרבעט אין אַ מין בוי־קאָנטאָר, וואָס געהערט צום אינזשעניער אַקערמאַן — זײַנעם אַ פֿרײַנט. די אַרבעטער־גרופּע באַשטייט פֿון פֿינף מענטשן, אַלע באַלמעלאָכעס, כוץ וואַלדענבערגן, וואָס איז בײַ זיי דער עלטסטער. די אַרבעט איז ניט קיין שווערע. עמעס, עסן גיט מען דאָרט ניט. דערפֿאַר אָבער איז דאָרט ניטאָ קיין אויפֿזיכט. וואַלדענבערג האָט מיר צוגעזאָגט זיך דורכשמועסן מיט אַקערמאַנען, מע זאָל מיך נעמען אַהין פֿאַר אַ טעסליער.

איך מוז אַנטלויפֿן פֿון דער געטאָ. פּינקטלעך טרעפֿן דעם געהעריקן מאָמענט איז קימאַט אוממעגלעך. טאָן עפּעס אין אונדזער לאַגע — באַטײַט געווינען אָדער פֿאַרשפּילן, נאָר גאָרנישט ניט טאָן — באַטײַט בלויז פֿאַרשפּילן.

אויף די הענט און אויפֿן קאָפּ האָבן זיך בײַ מיר באַוויזן בלאָטערלעך, וואָס פֿאַרהיילן זיך ניט. איינס פֿון זיי האַלט אין איין וואַקסן. עפּשער איז עס פֿון הונגער, צי עפּשער האָב איך זיך אָנגעשטעקט פֿון עמעצן. איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף אַקערמאַנס ענטפֿער. דערווײַל רעמאָנטיר איך די דירעס פֿון די ליטווישע ייִדן. אַ סאַך פֿון זיי ווילן ניט גיין אַרבעטן אויסער דער געטאָ און באַהאַלטן זיך אויס. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט קומען פֿאָר אָבלאַוועס. מיר, די אַרבעטער

פון טעכנישן אָפּטייל, האָבן, פאַרשטייט זיך, די נייטיקע פּאַפּירלעך מיטן שטעמפּל פונעם „אַרבעטס־אַמט". פונדעסטוועגן טרעפט, אַז מע כאַפּט אויך אונדז. מיר באַקומען עטלעכע שיינע קלעפּ און ווערן אָפּגעשיקט אויף עפּעס אַ דרינגענדיקער אַרבעט...

אַקערמאַן איז מסכים צו נעמען נאָך צוויי ייִדן — אַ טעסליער, דאָס הייסט מיך, און אַ בלעכער. וואַלדענבערג הייסט מיר געפינען אַ בלעכער. אין געטאָ איז פאַרבליבן ווייניק באַלמע־לאָכעס. נאָר עס גיט זיך מיר סאָפּקאָלסאָף אײַן צו געפינען איינעם אַזאַ. דאָס איז אַ יאַט פון אַ יאָר פינף—זעקס און צוואַנציק. זײַן פאַמיליע איז בושקין. מיר דערריידן זיך, אַז מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר זיך טרעפן אויף ווילִיאַנו־גאַס, באַם אַרײַנגאַנג.

איך בין קוים איבערצײַגט, אַז אינגיכן וועט מיר געלינגען פּאָטער ווערן פון דער געטאָ. איך דערצייל אָבער קיינעם ניט וועגן מײַנע פּלענער. פאַרעטערס זײַנען פאַראַן אויך צווישן אונדז, פּלאַפּלערס נאָך מער.

נאָך אַקערמאַנס מענטשן קומט זײַנער אַ קאָרעוו זשאַניס, אַ ווילער באַכער, נאָר אַ שיקער. דערפאַר טאַקע האָבן מיר מוירע, אַז ער וועט ניט קומען צו דער צײַט. נאָר אַלץ איז אין אָרדע־נונג. אָט איז זשאַניס מיט אַ צעטל פונעם אַרבעטסאַמט אויף „5 ייִדן". מע ציילט אונדז איבער, און מיר גייען אַרויס פון יענער זײַט שטעכדראָט. זשאַניס פירט אונדז מיט דעם קירצסטן וועג צו דער ריטער־גאַס: איבער דער אײַזנבאַן־ליניע. דאָ איז פאַרבאָטן צו גיין. ס'איז אָבער נאָך פינצטער, און מע קאָן זיך דורכשמוגלען. איך בין שוין אָפּגעוווינט צו גיין איבער דער שטאָט אָן אַ קאָנוואָי.

מיר גייען פאַרבײַ דעם הויז, וווּ איך בין אויסגעוואַקסן. דאָס הויז איז אויף דעם זעלבן אָרט און די גאַס איז אויך די זעלבע, נאָר ווי אַלץ אויף דער וועלט האָט זיך געענדערט זינט יענער צײַט, ווען איך בין דאָ אַרומגעלאָפן איבער די הויפן מיט אַ הילצערנער שווערד. אָט איז דער קינאָ־טעאַטער „צאַפּן־פּאַליוס", וווהין דער טאַטע האָט מיך און די שוועסטער מײַנע געפירט זען דעם ערשטן אין אונדזער לעבן פילם „די פאַלשע קופּיור". איצט איז, דוכט זיך, דאָס גאַנצע לעבן געפעלשט...

מיר גייען אַרײַן אין הויף פונעם הויז נומער 17 אויף סטרעלניקו. דאָ וועל איך אַרבעטן. אינעם הויף שטייט אַ קליין שטיבל — אַ סקלאַד פון מאַטעריאַלן און אַ וואַרשטאַט. מיר טרעפן שוין דאָ עטלעכע רוסישע יאַטן און אַן אַלטיטשקן טעסליער — אויך אַ רוס.

צום ערשטן מאָל פאַר אַ לאַנגער צײַט דערפיל איך, אַז איך בין צווישן מענטשן, וואָס באַציִען זיך צו אונדז ניט מיט פאַראַכטונג, נאָר פרײַנטלעך, ווי צו פאַרבינדעטע.

אונדזער אַרבעט איז — מאַכן קליינע רעמאָנטן אין די הײַזער פון דער דאָזיקער גאַס. מיר אַרבעטן אָן די מאָגנדאָווידס. קיינער טרײַבט אונדז ניט אונטער, קיינער זידלט ניט. אַנטלויפן פונדאַנען איז זייער לײַכט, נאָר אין דער זעלבער צײַט קימאַט אומעגלעך, ווײַל, ערשטנס, איז ניטאָ, וווּהין צו אַנטלויפן, און, צווייטנס, די פּלייטע וועט גיך באַוווּסט ווערן, און צוליב דעם אַנטלאָפענעם וועט מען באַשטראָפן די איבעריקע.

דאָך נעם איך בײַס דעם מיטיק־איבערײַס אַ העמערל, אַן עגבער, אַ האַנטזעג, רוק אָן דאָס היטל איבער די אויגן און גיי אַוועק. די לעצטע כאַדאָשים זײַנען בײַ מיר אויסגעוואַקסן גרויסע געלע וואָנצן, וואָס מאַכן מיך ניט צו דערקענען. שנעל, אָבער רויִק גיי איך איבערן טראָטואַר פון ניקאָלײַעווער גאַס. עס גייען פאַרבײַ מיליטערלײַט, מענטשן מיט גרינע בענדלעך אויף די הענט (די „בענדלדיקע" האָט מען זיי גערופן), נאָר קיינער לייגט אויף מיר ניט קיין אַכט. ווייניק אַרבעטער גייען אַרום איבער דער שטאָט?

ווי וועט מיך באַגעגענען רודי? איך ווייס אַפילו ניט, צי ער וווינט נאָך אויף אָט דער גאַס.

באַם טויער שטוי איך זיך אָן אויף אַ שאָכן. איך פרעג, וווּ וווינט אַנקראַוס. ער באַווײַזט מיר העפלעך די וווינונג, און איך קלאַפּ אָן אין טיר. עס עפנט אַ פרוי אין אַ שלאָפראָק. איך דער־זע רודיס ווײַב — וויוע. מיר קענען קנאַפּ איינס דאָס אַנדערע, נאָר זי לאָזט מיך שוין ניט אַרויס און איז מיך מעכאַבעד מיט קאַווע. ס'איז מיר אַ בושע, נאָר איך טרינק אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז. די בוטערבראָדן מיט קעז און וווּרשט צעגייען מאַמעש אין מויל.

ס'איז וואַרעם און וווּנדערלעך היימיש. רודי איז ערגעץ אַוועק. ווען ער וועט קומען, ווייסט זי ניט. איך בעט, זי זאָל אים דערציילן וועגן מײַן באַזוך, און אויב ס'איז מעגלעך, זאָל ער מאָרגן אַרײַנקומען אינעם שטיבל, וואָס שטייט אויף סטרעלניקו. קיין שום געפאַר דראָט ניט, ווײַל אַהין קומען געוויינלעך אַרײַן פאַרשיידענע מענטשן. באַם געזעגענען זיך שטופּט מיר וויוע אַרײַן אין קעשענע אַ פּאַקעט מיט עסנוואַרג און פּאַפּיראָסן.

זשאניס פירט האנדל־וואנדל מיט די ייִדן. אים אינטערעסירן זאכן פון דאמען־טואלעט — זאָקן, שוכווארג. פאר אזעלכע זאכן קאָן מען בא אים באקומען ברויט, שפעק און פוטער. בושקין פארלירט ניט קיין צײַט און בײַט אויס אף פוטער א פּאָר זײַדענע זאָקן און א העמד. די פוטער האָט ער צעשניטן, פארפאקעוועט אין פלאכע פאקעטלעך און באהאלטן אונטער די בעגאָדים. מיך בעט ער אויך דורכטראָגן א פּאקעטל דורך די טויערן פון געטאָ. איך שטופּ עס ארײַן אונטערן העמד אפן בויך. מיר גייען ווידער דורך די אײַזנבאן־ליניע. איצט אָבער באמערקט מען אונדז: „וווּהין פירסטו דײַנע ייִדן?" זשאניס מורמלט עפּעס, פארענטפערט זיך. „נו, געדענק, כאַפּן מיר אײַך נאָכאמאָל, וועלן מיר אײַך אָפּשיקן אהין, וווּ אײַערע ווײַבער ווארטן אף אײַך"... די לעצטע ווערטער האָבן א שניט געטאָן, ווי מיט א מעסער. זיי ווייסן, אז אונדזערע פרויען האָט מען דער־מאָרדעט::

אין אָוונט בין איך ארײַן צו סעריאָזשע גורעוויטש. ער וווינט איצט צוזאמען מיט ניקאָלײַען, אליק גערצפעלדן און נאָך עמעצן אין קעגניבערדיקן הויז. זיי האָבן זיך ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט. סעריאָזשע האָט זיך ערגעץ אײַנגעשאפן ציִאן־קאלי. ער זאָגט, אז איצט איז עס די נייטיקסטע און ווערטפולסטע זאך.

סעריאָזשע ווייסט, אז איך האָב פארטראכט צו מאכן פלייטע, און ער בעט מיך, איך זאָל אים ארויסקריגן די פושקע, וואָס איך האָב אמאָל פארבאהאלטן אף קאלנו־גאס. אין אָט דער פושקע ליגן דעם טאטנס גאָלדענער זייגער און עטלעכע רונגען. מע וועט דארפן פרובירן ארײַנשמוגלען זיך אין דער „דײַטשישער געטאָ" און צונעמען די פושקע.

אנקראַווס האָט זיך ניט איבערגעשראָקן און איז געקומען צו מיר. ער לייגט פאָר, איך זאָל זיך בא אים אויסבאהאלטן. ער איז זיכער, אז די דײַטשן וועלן אין די נאָענטסטע כאדאָשים פאר־שפילן די מילכאָמע. איצט דארף איך זיך דערקלײַבן צו אונדזער וווינונג אף קאלנו־גאס און דער־נאָך — מאכן פלייטע.

אז מע רעמאָנטירט אויוונס, דארף מען ליים. די ליים געפינט זיך אף דער טעריטאָריע פון דער „גרויסער געטאָ". אנטאָקאָל האָט באקומען א דערלויבעניש שיקן אונטער א קאָנוואָי עטלעכע מענטשן נאָך ליים. צווישן זיי — אויך מיך. די ליים איז פארפרוירן. מע דארף זי ברעכן שטיקער־ווײַז, די ארבעט דויערט לאנג, און אונדזער קאָנוואָיִר גייט זיך אָנוואַרעמען. איך נוץ אויס דעם מאָמענט און פארשווינד אין דער „דײַטשישער געטאָ". איך קלאַפּ אָן אין דער טיר פון מײַן געוועזענער וווינונג. איצט לעבן דאָרט דײַטשישע ייִדן — צוויי פרויען און א דארער קראנקער מאנצביל.

אין שטוב הערשט אן אָרדענונג. די זאכן זײַנען מיר אלע באקאנט. נאָר דאָס קינדער־בעטעלע זע איך ניט. זיי דארפן עס ניט. אונטער דער פּליטע ליגט אקוראט צונויפגעלייגט א ביסל האָלץ, וואָס איז אָנגעהאקט פון אונדזערע שטולן. איך דערקלער, ווער איך בין און צוליב וואָס איך בין געקומען. די פרויען זיפצן, לאָזן א טרער, נאָר זיי האָבן אין זינען מאמאָשעסדיקע זאכן אויך. איידער זיי גיבן מיר די האק אף ברעכן דעם דיל, מוז איך זיי צוזאָגן, אז איך וועל זיי ברענגען שפעק אָדער פוטער. איך רײַס אוף א ברעט. קיין טאָעס האָב איך ניט. אָט איז דאָס קעסטעלע.

איך קער זיך אום אין דער „גרויסער געטאָ". אלץ גייט גוט. דער קאָנוואָיִר האָט ניט בא־מערקט, אז כ'בין א צײַט ניט געווען.

מיר שפּאנען זיך אײַן אין א שליטן און שלעפּן די ליים און ציגל. הײַנט בין איך דאָ דעם לעצטן טאָג. נאָך איין נאכט אין געטאָ. וואָס מאָרגן וועט זײַן — ווייס איך ניט...

אינדערפרי, דעם 4 פעווראל 1942, גיי איך מיט סעריאָזשעס קאָלאָנע אין „קוואַרטיראמט". דאָס איז די סאמע גרעסטע ארבעטער־גרופּע. ציילן די מענטשן איז דאָ ניט לײַכט, און מע ציילט נאָר לעפּאָנעם. ווען די קאָלאָנע וועט זיך אומקערן פון דער ארבעט, וועט מען אפילע ניט בא־מערקן, אז עס פעלט א מענטש.

אין די קעשענעס האָב איך ראזיר־געצײַג און פארשיידענע קלייניקײַטן. די מאָגנדאָווידס האָב איך אָפּגעטרענט, זיי האלטן זיך בלויז אף א פּאָר שפּילקעס. ס'איז נאָך ניט אינגאנצן ליכטיק, נאָר אף די גאסן זײַנען שוין פאראן א סאך מענטשן. פון דער לאנגער געבײַדע פונעם „קוואַרטיר־אמט", וווּ ס'איז פריִער געווען דער זאגס, גייט מען זיך פאנאנדער אף די ארבעטס־ערטער. איך גיי ארײַן אין טואלעט־צימער און כאַפּ זיך פון דאָרט ארויס אין דרויסן. דורך א שמאָלן דורכגאנג צווישן די הײַזער גיי איך אוועק אף יאקאָוולעווער גאס.

אף ווידערזען, מײַנע פרײַנט! זײַ מיר מויכל, געטאָ!

צוגעגרייט צום דרוק — א. גאָנטאר און מ. שולמאן.

יויסעף קאַטליאַר

מיר דרוקן דאָ די לעצטע לידער פונעם ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם דיכטער.

דײַן געשטאַלט

ווי קאָן איך אָף דיר, זאָג, אין קאַס ווערן,
אַז ס׳איז דײַן געראָטן געשטאַלט
אָן אַפּגלאַנץ פון לויטערע וואַסערן,
דער אָפּהילך, דער אָטעם פון וואַלד.

ווי קאָן איך אָף דיר, זאָג, בערויגעז זײַן,
אַז דו ביסט אַ קיילעך פון דעם,
פון אַלץ, וואָס איך קאָן מיט די אויגן זען,
פון אַלץ, וואָס איך פיל און באַנעם.

ווי קאָן איך אָף דיר זיך באַליידיקן,
אַז דו ביסט אַ טייל פון דער ערד,
אַ צוגאָב צום טומל דעם פריידיקן,
און עפּשער, און עפּשער פאַרקערט.

צו אַ מיידל

דיר קליידט אַזוי דאָס גרינס פון וואַלד,
די ווײַסע זומער־נאַכט אָן שטערן,
דער גוטער שאָטן, וועלכער האַלט,
אַז ס׳מעג אַ ביסל טונקלער ווערן.

דער ווינט, וואָס ניורעט זיך צום קליידל
מיט שטילן, פרידלעכן געברום.
און מער פון אַלץ דיר פּאַסן, מיידל,
די הענט, וואָס נעמען דיך אַרום.

איך וועל זינגען פאַר אײַך

שטילערהייט, שטילערהייט
קומט די זון און פאַרגייט.
שטילערהייט, שטילערהייט
הייבט אָן גרינען אַ בייט,
הייבט אָן פליסן אַ טײַך,
און אַ שאָטן זיך צעשפּרייט...
איך וועל זינגען פאַר אײַך
שטילערהייט, שטילערהייט.

דער שענסטער שטראַל

א שלאַל מיט שטראַלן. און פון גאַנצן שלאַל
האָט אָפּגעזונדערט זיך איין קורצער שטראַל
און אָנגעשפּאַרט אין א פאַרשטויבטן פענצטער.
פון דאָרט געטאָן א שפּיל אַף א געזיכט,
וואָס האָט זיך שוין אַף גאָרנישט ניט געריכט...

היימיש מיט די שטערן

אינעם הימל פינקלען, שײַנען
ניט קיין קאַלטע, ווײַטע שטערן, —
היימיש שוין מיט זיי מיר זײַנען,
קרויווים שוין מיט זיי מיר ווערן.
ניט נאָר טרוימערישע בליקן —
שליכים שוין צו זיי מיר שיקן.
אין די שטערנדיקע הייכן
דרייען זיי זיך אום, ווי בליצן,
ווי א סימען, ווי א צייכן,
אַז מיר וועלן זיי דערגרייכן,
אַז מיר וועלן זיי באַזיצן.

דער סאָד פון וואַלד

עס שמעקט מיט סאָסנע־וואַלד, מיט פּעך,
עס סוידען זיך די טאַנען,
פון זייער אייביקן געשפּרעך
דעם זין האָב איך פאַרשטאַנען.

זיי גרויסן זיך מיט זייער זײַן
בישכיינעס און צוזאַמען,
מיט אָפּלייגן — יאָר־אויס, יאָר־אײַן —
די קרײַזן אין די שטאַמען;

מיט רעגן־גוס, מיט שטורעמווינט,
וואָס מען איז אויסגעשטאַנען,
מיט קרוינען־ציר, וואָס אייביק גרינט,
זיי גרויסן זיך, די טאַנען;

מיט וואָרצלען, אָדערלעך א וועלט
אין ערד־טיף אין געהיימער,
וואָס האָט אים אַף די פיס געשטעלט,
דעם וואַלד פון שטאָלצעביימער.

פאַר קליין און גרויס

שיקע דריז



פייגל-שפּראַך

וואָלט איך קענען
ניט קיין סאַך —
צוויי־דרײַ ווערטער
פייגל־שפּראַך.

פּיו־פּי, לעמאַשל,
זאָל הייסן —
כ׳האָב א קנעפּל,
נאַט עס אײַך
און גיט מיר
פייגל־מילך
א טעפּל.

פייגל־מילך
איז פייגל־מילך,
אוועק וואָלט
א מעסלעס,
האָב איך מיר
א וואַרעקל
מיט אויסגעפּרעסטן
קעז.

הייץ איך אויס
דעם אויוון,
גרייט איך צו
א בעקן,
און איך מאַך אײַך
קנישעס —
די פינגער
צו באַלעקן.

אזעלכע,
וואָס זיי וואָלטן
געשווינדלט
פאַר די אויגן,
געזעסן
אף די דראָטן,
פון בוים צו בוים
געפלויגן;

אזעלכע,
וואָס זיי וואָלטן
געצוויטשערט
אפן דאַך...

לערן איך
און לערן
און קען נאָך ניט
די שפּראַך.



דאָס וועווריקל

א בלענד האָט געגעבן
דאָס וועווריקל קוים —
און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט
א בוים נאָך א בוים.

די סרייפע אַלץ גרעסער,
די פלאַמען זיך מערן,
אָט־אָט וועט שוין ברענען
די פעל אף די בערן.

ציטערט דער וועווריק,
ווי א וואַרעמע טרער,
און ווייסט ניט, אז שולדיק
דער האַרבסט — און ניט ער.

בארן-בארן-בוץ

בארן־בארן,
בארן־בוץ,
לאָמיר ציילן
ביז א טוץ.

לאָמיר מיינען,
לאָמיר קלערן:
בארלעך וואקסן
אפן שטערן.

איינס א טערפקע,
הארט, ווי שטיין,
איינס — א ביטערס,
פונקט ווי כריין.

איינס געוועזן וואַלט
א מעכיַיע,
ווען מע קאָן עס
נאָר צעקיַיען.

איינס, ווי עסיק,
איינס — ווי הייוון,
איינס — ניטאָ
אף דעם קיין מייוון.

בארן־בארן,
בארן־בוץ,
פעלט נאָך אויס אונדז
צו דער טוץ.

איינס אין צוקער
אויסגעבאָדן,
איינס, ווי לעקעכלעך
מיט פלאָדן.

איינס — ווי האָניק,
איינס — ווי פוטער,
איינס — אזויווי
צימעס גוטער.

איינס — ווי קאַלטער,
זיסער וויַין,
בעסער
קאָן שוין
גאָרניט זיַין.

מע זאָגט

מע זאָגט, אז מיַין טאטע
די ווערטער וועגט אָפּ.
האָב איך געטראכט
און געדרייט מיר מיַין קאָפּ;
אויב ס'איז אן עמעס,
און ניט קיין געלעכטער,
איז ווו זשע די וואָגשאָל,
וואָס וועגט זיַינע ווערטער?
און פלוצעם געכאַפּט זיך,
צעקיַיעט דעם ביין:
אף די וואָנצעס ער וועגט זיי —
און גיי זאָג, אז ניין!

ווער וואָס עס לאָזט איבער

א וויַיניקן עפּל,
א פליושענע פלוים,
לאָזט פאר אונדז איבער
דער פרוכטבארער בוים.

האָניק און סטעלניק
פון יעטווידן מין,
לאָזט פאר אונדז איבער
די פליַיסיקע בין.

א כאָכעם — זיַין כאָכמע,
א טיפּעש —
ניט מיין,
ווי בא יענעם אין גאָרטן
א פלאַטשיקן שטיין.

האַרבסט

ווען אונטער דער סטריכע
פון פּאַפּליאַטע שטרוי
מיט פאַרהויבענע העמדלעך
הענגט פּאַפּעשוי

און ס'וואָרעמט זיך ווישניק
אין פענצטער א פלאַש,
און ס'רייכערט אף גערטנער
פון היטשקע דאָס אַש, —

דאַן שמעקט אונדזער קעלער
מיט געזײַערטער קרויט,
דער בוידעם — מיט עפּל,
די מאַמע — מיט ברויט.



אינדערשטיל

דער זייגער טיקעט
טיק־טאַק־טאַק,
די באָבע באַם פענצטער
לאַטעט איר סאַק.

די מאַמע איז עפּעס
פאַרזאָרגט און פאַרבענקט,
דעם טאַטנס א פידל
אף א צוועקעלע הענגט.

איך זיץ אינדערשטיל
און א שטעקל איך שניץ,
אַמאָל נאָר, אַמאָל
טוט דער פידל א זיפּץ.



א גוטע־נאַכט

אָנגעשפּילט זיך,
אָנגעלאָפן,
דאַרף א קינד
זיך לייגן שלאָפן.
יעדעס בלעטעלע
דאָס מינדסטע
וואַשט און צוואָגט זיך
אינדערפינצטער.
טאָר קיין ווינטעלע
ניט ווינטלען,
טאָר קיין פינטעלע
ניט פינטלען.
קיינער, קיינער
טאָר ניט שטערן
דער גרינער וועלט
נאָך שענער ווערן.
נאָר ווען אלץ
וועט זײַן שוין פאַרטיק,
יעדער צווײַג
פאַרפּוצט גרויסאַרטיק —
וועט דײַן טאָג
דיך ניט פאַרשעמען,
שטילערהייט
א שטערן נעמען,
א טשירקע טאָן
די הימל־ווײַט
און אונטערצינדן
מיזרעך־זײַט
און דיר באַלויכטן
זײַן גרינע פּראַכט.
דערווײַל, מײַן קינד,
א גוטע־נאַכט!

שמועל ווערִיטע

געבוירן אין 1901 אין דער יִדישער קאָלאָניע דאָמ־בראָווני (מאָלדאַוויע). אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1924. וווינט אין זאַפּאָראָזשיע.

ווער איז שולדיק?

עס כאָלעמט זיך באָריסן, אז ער שטייט איין־אליין אין א גרויסן, לאנגן צימער, אָן טירן און אָן פענצטער. דאָס צימער איז ליידיק — קיין טיש, קיין באנק, קיין שום מעבל. די הוילע ווענט פינקלען מיט א גרינבלעכער טויטער שײַן. גייט ער צו, באָריס, צו א וואנט, טוט א טאפּ און כאפּט צוריק די האנט: די וואנט איז פון אײַז און בריט, ווי צעגליט אײַזן... פאלט אף אים אָן א ווילדע שרעק און ער נעמט זוכן א טיר. ער דרייט זיך ארום איבערן צימער און קאָן ניט ארויסגיין...

א נאסער פון קאלטן שווייס כאפּט זיך באָריס אוף, קוקט זיך ארום און קאָן צו־זיך ניט קומען.

— א? ווו געפין איך זיך?

א שמאָל פּאסיקל שײַן פון גאס־לאמטערן פאלט דורך דעם פענצטער אף דער וואנט קעגניבער. בא דער דאָזיקער שוואכער שײַן דערקענט באָריס ליאמין, דער עקספּעדיטאָר פון א פּאָלטאווער טעקסטיל־פאבריק, דאָס צימערל פונעם האָטעל, ווו ער וווינט שוין באלד א כוידעש...

ער זעצט זיך אוף אפן געלעגער, שטרעקט אויס די האנט צום טישלאָמפּ און מאכט ליכטיק. א קליין צימערל, די ווענט ווײַס געקאלכט. אין איין ווינקל שטייט דאָס בעטל, אף וועלכן ער ליגט; אין צווייטן ווינקל — א וואשבענקל מיט א שפּיגל; אינמיטן, לעבן דעם שמאָלן פענצטער, טוליעט זיך דאָס קײַלעכיקע טישל, אף וועלכן עס שטייט דער לאָמפּ און אף א גלעזערנער טאץ א גראפין מיט וואסער און א גלאָז. א געוויינלעכער האָטעל־נומער אין ניט קיין גרויסער שטאָט אף דאָרעם־אוראל. פון דער דאָזיקער שטאָט דארף מען פאָרן ביז פּאָלטאווע קימאט צוויי טויזנט קילאָמעטער... באָריס ליאמין דערפילט, ווי עס כאפּט אים אָן א שארפע בענקעניש אהיים.

אָט שטייט זי פאר אים, זײַן היימשטאָט, אף א הויכן בארג, ארומגעגארטלט מיט סעדער און סקווערן, און קוקט אראָפּ מיט ווײַסע הײַזער צו די גרינע ברעגן פון דער שטילער וואָרסקלע; אָט איז דער שעווטשענקאָ־מוזיי, רעכטס — א שמאָל געסל, וואָס פירט צום קײַלעכיקן סקווער. דאָרט שטייען אין א ראָד ווײַסע בעריאָזעס און סוידען זיך, דערציילן אלטע לעגענדעס וועגן פּאָלטאווע, ווו פּיאָטער דער ערשטער האָט די שוועדן צעקלאפּט... פון יענער זײַט סקווער זעט מען דאָס נײַע פינפשטאָקיקע הויז, ווו ער, באָריס ליאמין, און קלארע, זײַן פרוי, וווינען.

ער וויל זיך פאָרשטעלן קלארען און קאָן ניט. קיין כידעש ניט, ער פאָרט דאָך אזוי אָפּט אין קאָמאנדירונגען. און אז ער פארהאלט זיך שוין יאָ אף עטלעכע טעג אין דער היים, פארברענגט ער די פרײַע צײַט אין קאָנטאָר אָדער זיצט שאָענווײַז אין הויף מיט שכיינים לעבן טיש, וואָס שטייט אין שאָטן פון דער אלטער אקאציע, און שפּילט אין דאָמינאָ.

א?.. קלארע?.. זײַן פרוי... קלארע...

נאָך גוט, וואָס ער האָט איר נאָמען ניט פארגעסן, ער רעדט מיט איר זעלטן און נאָך זעלטענער רופט ער זי באם נאָמען. אז ער קומט אהיים פרעגט ער:

— געלט דארפסטו?
געלט גיט ער, וויפל זי זאָגט אים, און נעמט קיינמאָל קיין כעזשבן ניט אָפּ.
אָדער ער פרעגט:
— שוין פארטיק דער מיטיק?
עס טרעפט אויך, ער לויבט דאָס מײַכל, וואָס זי דערלאַנגט אים, אָדער ער זאָגט מיט א גענעץ:
— בעט אויס... עפּעס שלעפערט מיך...
א שטילע גייט זי פון צימער אין קיך און פון קיך צוריק אין צימער, ראמט, וואשט, קאָכט און איז, דוכט זיך, שטענדיק מיד, ניט אויסגערוט...
זי איז א גוטע, קלארע. זי האלט אים קיינמאָל ניט פיר, וואָס ער קומט שפעט אהיים...
ווען ער זעט זי איצטער, וואָלט ער זיך שוין דורכגעשמועסט מיט איר, ער וואָלט איר געזאָגט עטלעכע מילדע ווערטער, ער וואָלט זי געפרעגט, וואָס פאר א מאטאָנע איר ברענגען... עפּשער א שאַל? א ווײַסע שאל, אָן אָרענבורגער?..
יאָ, ער וואָלט גערן זיך דורכגערעדט מיט קלארען. אָבער א מעהאלעך פון קאַרגע צוויי טויזנט קילאָמעטער טיילט אים אָפּ פון דער שטאָט פּאָלטאַווע, פון דעם סקווער, ווו צניעסדיק־ווײַסע בעריאָזעס שטייען אין א ראָד, פון דעם פינפשטאָקיקן הויז, ווו ער און קלארע וווינען...
א גרויע שײַן גיסט זיך אריין דורך דעם שמאָלן פענצטער. ערגעץ ווײַט פײַפט א לאָקאָמאָטיוו, גיט איבער א גרוס פון ווײַטע שטעט, פארבײַ וועלכע ער איז געלאָפן, שלעפנדיק נאָך זיך א לאנגע שערענגע וואַגאָנעס. ס'קלינגט דער זייגער. עס איז שוין אכט אינדערפרי. נאָר וווהין האָט ער זיך צו אײַלן, דער עקספּעדיטאָר באָריס ליאָמין פון פּאָלטאַווע? הײַנט איז זונטיק, די אנשטאלטן זײַנען צוגעמאכט.
אין שכייניסדיקן צימער רעדט עמעצער דורכן טעלעפאָן:
— אלאָ! וואָקזאל! אלאָ! וואָקזאל!..
— א? עפּשער זי ארויסרופן, קלארען, צום טעלעפאָן? — קומט אים פּלוצלינג אוף א געדאנק.
עס גיט אים א הייב פון געלעגער. ער וואשט זיך, טוט זיך אפגיך אָן און גייט ארויס פון האָטעל.
די קאַפע אפן ראָג גאס, ווו באָריס טרינקט אויס אלע אינדערפרי א פלעשל קעפיר, איז שוין אָפן. לעבן בופעט שטייט די בלאָנדע בופעטשיצע, קוקט אף די באזוכער מיט די זעלבע גלײַכגילטיקע בליקן, מיט וועלכע זי קוקט אף די פלעשלעך מיט קעפיר. זי פארריכט די האָר, וואָס קריכן פון אונטער דעם ווײַסן טשיפּיקל, גלעט צו מיט די פינגער דאָס פארטעכל.
באָריס גייט ארוף מיט די טרעפּ. ער וויל שוין, ווי ער טוט עס יעדן פרימאָרגן, א שטופּ טאָן מיטן עלנבויגן די טיר, צוגיין צום בופעט, באצאָלן פאר דעם קעפיר, נאָר דאָ באגעגנט ער זיך מיט דעם גלײַכגילטיק־לאנגווײַליקן בליק פון דער בופעטשיצע, וועלכע קוקט אף דער גלעזערנער טיר און אף באָריסן, ווי ער וואָלט אויך געווען א שויב אָדער א קליאַמקע פון דער טיר. זי גענעצט, פארשטעלנדיק דאָס רויטגעפארבטע מויל מיט דער ווײַסער האנט. קערעווע ער זיך אָפּ פון דער טיר, לאָזט זיך צוריק אראָפּ מיט די טרעפּ און גייט ווײַטער מיט דער שטילער גאס.
ער בלײַבט שטיין לעבן א דרײַגאָרנדיקער געבײַדע. ברייטע טרעפּ פון גראניט פירן צום ארײַנגאנג, ווו עס הענגט א שילד מיט גרויסע בוכשטאבן: „פּאָטשטאַמט“...
אין זאל פון דער טעלעפאָן־סטאנציע זיצן עטלעכע מענטשן, קוקן ארײַן ווער אין א צײַטונג, ווער אין א בוך. עס פילט זיך, אז דאָס איז בלויז לעפאָנעם, די אויגן ווענדן זיך יעדע ווײַלע צו דעם פענצטערל, ווו די טעלעפאָניסטן זיצט. די אויערן זײַנען אָנגעשפּיצט, ניט דורכצולאָזן דעם מאָמענט, ווען דער מיקראָפאָן וועט א כריפּע טאָן:
— לויטן ארויסרוף... אין דער קאבינע נומער...
באָריס גייט צו צום פענצטערל און שטיל, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, פרעגט ער:
— פּאָלטאַווע ארויסרופן קאָן מען?..
— מע קאָן... אף מאָרגן...
באָריס גיט א טאַפּ די בוזעם־קעשענע און זאָגט נאָך שטילער, ווי בעטנדיק:
— הײַנט... אומבאדינגט הײַנט... און וואָס גיכער...
די טעלעפאָניסטן האָט אף אים א קוק געטאָן מיט מיטגעפיל:
— פאראן א טעלעפאָן אין דער קווארטיר?
באָריס האָט זיך צוגעבויגן צום פענצטערל, גיך־גיך, ווי ער וואָלט ניט זיכער געווען, אז זײַנע ווערטער וועלן דערגיין צו דער טעלעפאָניסטן, געענטפערט:
— פאראן... פאראן א טעלעפאָן... באם שאָכן... ארויסרופן קלארע ליאָמין... יאָ, יאָ, קלארע ליאָמין... דער מאן רופט זי צום טעלעפאָן...

— וויפל מינוט? — האָט געפרעגט די טעלעפאָניסטן, פאַרפּילנדיק גיך א בלאַנק.
— א? וויפל?
— נו, יאָ... וויפל מינוט ווילט איר ריידן?
— פינף... ניין... צען מינוט...
און גלײַך זיך פאַרכאַפּט:
— פופצן! פופצן מינוט.
— איר פאַרהאַלט מיך, בירגער.
— יאָ, יאָ, פופצן מינוט. וויפל עס וועט קאָסטן... אן אוואַנס? דרײַ רובל... אויב מער, וועל איך דערצאָלן. מיטן ווײַב זיך דורכשמועסן...
— וואַרט אף אן אַרויסרוף, — האָט אים די טעלעפאָניסטן ווי אָפּגעהאַקט און, צוליגנדיק די ליפּן צום מיקראָפאָן, געמאָלדן:
— לויטן אַרויסרוף פון טאָמסק — אין דער פערטער קאַבינע...
פון דער קאַבינע דערהערט זיך א פרויען־שטימע, א ווייכע, פול מיט צאַרטקײַט:
— יאָ, איך בענק... אין דרײַ טעג אַרום? וועסט פליִען? איך וואַרט. די מינוטן וועל איך ציילן...
באָריסן ווערט גוט אפן האַרצן פון דער ווייכער שטימע, פון די וואַרעמע ווערטער, וואָס דערטראָגן זיך צו אים פון דער קאַבינע. ער זעצט זיך צו, קוקט אפן וואַנטזייגער, אפן מיקראָפאָן. אָט־אָט וועט מען אים א רוף טאָן, און ער וועט ריידן מיט קלאַרען...
— לויטן אַרויסרוף...
באָריס טוט זיך א הייב פון אָרט, איז שוין גרייט לויפן צו איינער פון די קאַבינעס:
— קויבישעוו... אין דער פינפטער קאַבינע...
א יונגער לייטענאַנט, א שוואַרצכיינעוודיקער, מיט פאַרפלאַמטע בעקלעך, האַלט דאָס טעלע־פאָן־טרײַבל, ווי ער וואָלט עס געקושט:
— טאַמאַרע!.. טאָמעטשקע!.. האָסט שוין אָפּגעגעבן די עקזאַמענעס? נאָך איין עקזאַמען געבליבן? איך ווינטש דיר דערפאָלג!
— א קאַלע... — טראַכט באָריס.
ווען ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר קלאַרען, האָט זי אויך זיך געלערנט אין דער אָרטיקער מעדשול. באָריס האָט אַזוי לאַנג זי אײַנגערעדט, זי זאָל וואַרפן די שול, ביזוואַנען זי האָט אים געפאָלגט... ער פאַרדינט, באָריס, גאַנץ פײַן, האָט ער געטײַנעט, און אים שטייט ניט אָן, אז זײַן ווײַב זאָל זײַן א קוועטשערן פון באַנקעס...
פון דער קאַבינע נומער זעקס הערט זיך א פרויען־שטימע:
— יאָ, איך אַרבעט. א גוטע אַרבעט. זי באַפרידיקט מיך.
— א בראַווע פרוי, — טוט א טראַכט באָריס, — זי אַרבעט... אף א גוטער אַרבעט...
קלאַרען האָט ער אפן צווייטן טאָג נאָכן רעגיסטרירן זיך אין זאַגס געהייסן וואַרפן די אַרבעט. די גרויסע פאַרדינסטן אירע... זי וועט זיך באַשעפטיקן מיט דער באַלעבאַטישקײַט, וועט זײַן מער עקאָנאָמיע... קלאַרע האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די אַרבעט. זי געפעלט איר, ווילע כאַווערטעס, פריילעכע, מע גייט צוזאַמען אין קינאָ, אין טעאַטער, אף פאַרזאַמלונגען. האָט ער, באָריס, אַזוי לאַנג זי געטאַטשעט, ביזוואַנען זי האָט געמוזט אײַנגיין...
פון דער קאַבינע נומער זעקס הערט זיך די זעלבע פרויען־שטימע:
— די קינדער זײַנען געזונט. מאַריק לערנט זיך גוט...
ווען קלאַרע איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט ער איר געזאָגט:
— פריִער לאָז מיך אף די פיס זיך שטעלן...
דאָס צווייטע מאָל האָט ער א נײַעם טערעץ געפונען:
— אָט וועלן מיר א דירע באַקומען... אין דעם נײַעם הויז...
און פּלוצלינג האָט א שטימע גלײַך אים אין אויער א זאָג געטאָן:
— פּאָלטאַווע... די דריטע קאַבינע...
מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער גענומען דאָס טרײַבל. אין האַלדז איז אים טרוקן געוואָרן, ער האָט ווי אויסגעקרייט:
— אַלאָ! פּאָלטאַווע! אַלאָ!..
א שוואַכע שטימע — שוין זשע איז דאָס קלאַרעס שטימע? — האָט געענטפערט:
— יאָ... יאָ... איך הער... ווער רעדט?
— איך... באָריס...
— באָריס? עפּעס האָט זיך געטראָפן? קראַנק?
— ניין... גלאַט אַזוי...

זי האָט געכאַזערט אירס:

— קראַנק? אַף וואָס קראַנק?

— איך בין געזונט! — האָט ער בייז אַ געשריי געטאָן אין טרײַבל. — וואָס מאַכסטו? האָ?..

אין טרײַבל האָט זיך געהערט אַ שטילער זיפץ.

ער האָט זיך ניט דערוואַרט אַף אַן ענטפער, געפרעגט:

— ווי איז אין פּאַלטאַווע? קאַלט?

— קאַלט...

— אַ שניי שוין אויסגעפאַלן?

— ניין... עס רעגנט...

און ווידער אַ שווײַגן.

— וואָס הערט זיך?

— גאָרניט...

און ווידער אַ שווײַגן.

דער זייגער קוקט צו אים אַרײַן אין קאַבינע. דער ציפערבלאַט כויזעקט, דער גרויסער ווײַזער — קוים וואָס ער רירט זיך, דער קליינער ווײַזער שטייט, דוכט זיך, אַף איין אָרט...

קעדיי אָפּריידן די פופצן מינוט, וואָס ער האָט באַשטעלט, פרעגט זיך באָריס אָן אַף די שכיינים, וואָס זיי מאַכן, כאָטש זיי גייען אים ניט אָן, די שכיינים... און נאָך פרעגט ער, וויפל קאָסט אין פּאַלטאַווע אַ קילאָ פלייש. דאָ איז פלייש וואָלוול...

— גוואַלד! — שרײַט אין אים דאָס האַרץ. — צוליב דעם האָב איך זי אַף פופצן מינוט צום טעלעפאָן ארויסגערופן?

ער פאַרקוועטשט דאָס טעלעפאָן-טרײַבל אין דער האַנט, קנייטשט דעם שטערן, מיטאָמאָל דערמאָנט ער זיך, שרײַט אין טרײַבל אַרײַן:

— אַ שאַל! אַן אָרענבורגער שאַל... איכל דיר קויפן!

וואָס נאָך זאָגט מען? וועגן וואָס נאָך רעדט מען?

— יאָ... די שאַל וועל איך דיר אַרויסשיקן.

קלאַרע ענטפערט שוואַך:

— אַ דאַנק...

און ווידער שטייט ער מיטן טעלעפאָן-טרײַבל אין דער האַנט. שווײַגט. צווישן זיי איז אַ שטרעקע פון קאַרגע צוויי טויזנט קילאָמעטער... דער זייגער קוקט צו אים אַרײַן אין קאַבינע, דער גרויסער ווײַזער — קוים וואָס ער קריכט, דער קליינער ווײַזער שטייט, דוכט זיך, אַף איין אָרט, און דער ציפערבלאַט כויזעקט:

— סאַכאַקל זיבן מינוט... נאָך אַכט מינוט געבליבן צו ריידן...

באָריס קאָן שוין מער דאָס שטילשווײַגן ניט אויסהאַלטן:

— אַ גוטן-טאָג...

ער גייט אַפילע ניט צו צו דעם פענצטערל נעמען די רעשט פון דעם אַוואַנס, לאָזט זיך גיין איבער גאַסן און געסלעך, פאַרקערעוועט צום טײַך, צו דעם גיכשטראָמיקן אוראַל, וואָס וויל זיך דעם ווינטער ניט אונטערגעבן און ווערט ניט פאַרפרוירן. ער קומט אַרויס אַף דער שטילער גאַס, וווּ דער האָטעל געפינט זיך, און עס לאָזט אים ניט צורו איין געדאַנק:

— ווער איז שולדיק?

שמועל פּערסאָוו

1952—1889

שמועל פּערסאָוו געהערט צום עלטערן דאָר ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. דאָס ערשטע בוך זײַנס איז דערשינען אין 1922. פאַר די דרײַסיק יאָר ליטעראַרישער טעטיקײַט זײַנען דערשינען דרײַצן ביכער זײַנע. ער איז אויך געווען אן אקטיווער מיטארבעטער אין דער פּעריאָדי־שער פּרעסע. מיט זײַנע טאַלאַנטפולע פאַרצייכענונגען האָט ער געשאַפן א גאַנצע גאַלעריי געשטאַלטן פון די העלדן פון בירגערקריג, סאָציאַליס־טישער בויונג און פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אין 1937 האָט ש. פּערסאָוו אָנגעשריבן א גרויס בוך אונטערן נאָמען „די געשיכטע פונעם ליסווער זאַוואָד“. עס ווערט דאָרט געשילדערט דער קאַמף פאַר אײַנשטעלן די סאָוועטנמאַכט אף אוראַל, דער אָנטייל פונעם אוראַלער ארבעטער־קלאַס אינעם בירגערקריג און אין דער אופ־שטעלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

שמועל פּערסאָוו איז געפאַלן אלס קאָרבן פונעם סטאַלין־קולט.

מיר דרוקן פראַגמענטן פון ש. פּערסאָווס ניט פאַרעפנטלעכטן בוך וועגן דעם אוראַלער זאַוואָד.

אין יענע שטורמישע טעג...

לענינס בריוו

שיין איז זומער־צײַט די אוראַלער שטאָט ליסווע. ווען מע שטייט אפן הויכן באַרג, דוכט זיך, אז מע זעט פאַר זיך א ריזיקן קאָס, וואָס פינקלט מיט אלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן. פון ביידע שטאָטישע טײַכן — ליסווא און טראַוויאַנקא — ציִען זיך צו די באַרג גלײַכע גאַסן. אינמיטן שטאָט — א יונגער, בונטער און שטענדיק רוישי־קער פּאַרק. אין די הייסע טעג ווייעט אין פאָנעם א דערפרישנדיק ווינטל, וואָס בלאָזט פון די ארומיקע וועלדער און בערג.

אין דעם זומער פון 1919 האָבן די ליסווער אײַנוווינער געהאַט גאָר א קנאַפּן פאַרגעניגן פון דער צעבליטער נאַטור. ווי אין א סאַך אנדערע אוראַלער שטעט, האָבן דאָ געווילדעוועט און גע־פּראַוועט זייערע אָרגיעס קאָלטשאַקס באַנדעס. אין דער לופט האָבן געפײַפט זייערע נאַהײַקעס. די גאַסן זײַנען געווען באַדעקט מיט טליִעס.

נאָך אין פרילינג פון דעם זעלבן יאָר האָט פון יענער זײַט פראָנט זיך דערטראָגן צו די ארבעטער פון ליסווער מעטאַלורגישן זאַוואָד די ידיִע, אז לענין האָט זיך געווענדט צו די פּעטראָ־גראַדער ארבעטער מיט א בריוו, זיי זאָלן מיט אלע מעגלעכקײַטן קומען צו הילף דעם מיזרעך־פראָנט.

„כאַוויירים! די לאַגע אפן מיזרעך־פראָנט איז געוואָרן ערגער, — האָט לענין געשריבן אין זײַן בריוו פון 10 אַפּרעל 1919. — קאָלטשאַק האָט הײַנט פאַרנומען דעם וואָטקינסקער זאַוואָד, עס האַלט באַם פאַלן בוגולמאַ. קאָלטשאַק וועט, ווײַזט אויס, זיך א רוק טאָן נאָך ווײַטער. די גע־פאַר איז א גרויזאַמע...“

דער בריוו האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„...לאָמיר אָנשטרענגען אלע קויכעס, שטעלן אלץ אף די פיס, מיט אלע מעגלעכקײַטן העלפן דעם מיזרעך־פראָנט.

איך בין זיכער, אז די ארבעטער פון פּיטער וועלן באַווײַזן א בײַשפּיל פאַר גאַנץ רוסלאַנד“.

לענינס בריוו האָט שטאַרק אופגעהויבן די שטימונג פון די ליסווער ארבעטער, אָנגעפילט זייערע הערצער מיט מונטערקײַט, זיכערקײַט און האָפענונג אינעם זיג איבער דער קאָנטררעוואָ־ליוציע. אלס ענטפער לענינען האָט אף די ווענט פונעם זאַוואָד זיך באַוויזן א גרויסער, פון דער האַנט געשריבענער פּלאַקאַט, וועלכן עס האָט ארויסגעהאַנגען די היגע אונטערערדישע באָלשע־וויסטישע אָרגאַניזאַציע: „שטרײַקט קעגן די ווײַסע!“

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט די לאַגע אפן מיזרעך־פראָנט זיך אָנגעהויבן ערנסט פארבעסערן. די איניציאַטיוו איז וואָס ווײַטער אַלץ מער אַריבער אין די הענט פון דער רויטער אַרמיי. און כאָטש אין ליסווע האָבן די קאָלטשאַקאָווצעס און זייערע לאַקייען געהאַלטן אין איין באַרימען זיך מיט זייערע „גרויסע ניצחונעס", אײַנשמועסנדיק דעם עולם, אַז די רויטע זײַנען שוין נאָענט צו זייער ענדגילטיקן אונטערגאַנג, דאָך האָבן זיי גאַנץ גוט געפילט, אַז דער באָדן אונטער זייערע פיס וואַקלט זיך. דעריבער האָבן זיי געמאַכט פאַרצווייפלטע פרווון אַריבערצוציִען אויף זייער זײַט די אַרבעטער.

...אויף איינער פון די ליסוואָער גאַסן שטייט אַ שיין הויז, וואָס געהערט צו די באַלעבאַטים פונעם זאַוואָד. די ווענט זײַנען פון דרויסן באַדעקט מיט פּילצאָליקע סקולפּטורן פון נאַקעטע פרויען און מלאָכים. די פּילצאָליקע גרויסע און ברייטע פענצטער, וואָס גייען אַרויס צו דער גאַס, זײַנען אַרומגערעמלט מיט וווּנדערלעכע אָרנאַמענטן. אין אָט דעם הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַ באַל די רעדלפירער פון דער שטאָט צוזאַמען מיט די עסערן און קאָלטשאַקישע אָפיצערן. אויף די רײַך געדעקטע טישן זײַנען געשטאַנען אָן אַ צאָל גראַפינען מיט בראַנפן און פלעשער מיט די בעסטע ווײַנען, אַ באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די ברייטע און הויכע טראַדיציאָנעלע ליסוואָער קוכנס, געפילטע מיט פרישע פיש.

בײַ דעם מאָלצײַט זײַנען פאַרבײַ די פענצטער גראָד דורכגעגאַנגען אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון זאַוואָד. איינער פון די שטאָט־באַלעבאַטים, דער מיטגליד פון דער עסערן־פאַרטיי קאַטײַעוו, האָט צעעפנט אַ פענצטער און אויסגערופן צו זיי:

— ברידער! די רויטע באַנדיטן גרײַפן אָן!.. לאָמיר צעקלאַפּן דעם סוינע!..

— דעם סוינע? — האָט געענטפערט איינער פון די אַרבעטער. — וואָס פאַר סאָנים זײַנען זיי אונדז? זיי זײַנען אַזעלכע אַרבעטער, ווי מיר...

— בײַ די רויטע האָט דאָס פאָלק געהונגערט, און בײַ אונדז פעלן ניט קיין פּראָדוקטן. אָט ווי רײַך די טישן זײַנען געדעקט, — האָט קאַטײַעוו אָנגעוויזן אויף די געריכטן און ווײַנען.

— יאָ, געוויס, אײַערע טישן זײַנען רײַך געדעקט, — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער אַרבעטער. — נאָר אונדזערע מענטשן בעטלען אַ שטיקל ברויט אונטער די פענצטער...

* * *

ווי אַ דונער האָט געטראָפן די שטאָט־פירער די ידיִעה, אַז די רויטע אַרמיי האָט דערלאַנגט די ווײַסע כאַיאָלעס אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ אויף דער קראַסנאָופימסקער ריכטונג. דאָס קאָלטשאַקישע מיליטער איז דעמאָראַליזירט און טרעט אָפּ אין פּאַניק. איינמאָל אינדערפרי האָבן די אַרבעטער, קומענדיק אין זאַוואָד אויף דער אַרבעט, דערזען, ווי סאָלדאַטן מאַכן כאַרעוו די צעכן: ברעכן די מאָטאָרן, שרויפן אָפּ פון די מאַשינען די וויכטיקסטע טיילן, מאַכן אַ טייל פון די פּרעסן, ווערקשטעלן, טראַנסמיסיעס.

דער זאַוואָד האָט באַקומען דאָס אויסזען פון אַ פּאַקהויז. די גרויסע טויערן זײַנען געווען ברייט צעעפנט און מע האָט געשלעפּט צו די וואַגאָנעס מאַטעריאַלן, אינסטרומענטן, דעטאַלן. צו ערשט האָט מען געלאָדן אין די וואַגאָנעס קופער, צין, בלײַ, צינק, כימיקאַטן, דערנאָך — אויסשטאַטונג. אַ גאַנצע וואָך האָבן די סאָלדאַטן זיך געמיסעקט אַרום אַ דרוק־מאַשין, זייער אַ שווערע, אַ טײַערע, אַן אויסלענדישע. די מאַשין איז נייטיק געווען אויף דרוקן געלט־באַנקנאָטן, האָט מען זי מיט גרויס צאָרעס אַרויסגעריסן פונעם צעמענטענעם פונדאַמענט, מאַמעש „מיטן פלייש".

אין רעכטן ברעג פון דער עוואַקואַציע האָבן מיטאַמאָל זיך באַוויזן אַרבעטער פונעם זאַוואָד און אָנגעבאָטן זייער פרײַוויליקע הילף. די קאָלטשאַקאָווצעס האָבן גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. אינעם אומבאַשרײַבלעכן כאַאָס און מישמאַש האָט זיך די אַרבעטער אײַנגעגעבן אַרויספירן דעם גרעסטן טייל אויסשטאַטונג ניט צו די וואַגאָנעס, נאָר אין געהיימע ערטער, וועלכע זײַנען אומצוטריטלעך פאַר אַ פרעמד אויג. צו די וואַגאָנעס האָבן זיי לעפאָנעם וועגן געפירט אומבאַדײַטנדיקע דעטאַלן און פאַרעלטערטע ווערקשטעלן.

דער געדאַנק צו ראַטעווען די וויכטיקסטע זאַוואָד־אויסשטאַטונג, ניט דערלאָזן די קאָלטשאַקאָווצעס עוואַקויִרן זי, איז אויפגעקומען פון זיך אַליין. און דאָך האָבן דערין אָנטיילגענומען קימאַט אַלע אַרבעטער. זיי האָבן געהאַנדלט ווי איין מענטש, פונקט ווי מע וואָלט זיך פריִער וועגן אַלץ געגנוי אָפּגערעדט. אָט איז דער עמאַל־צעך. טאָג און נאַכט שטייט דאָ דער אַרבעטער מאַטווייעוו און פּאָמפּעט אַרויס דאָס וואַסער, וואָס פאַרגיסט די אויוונס. אַרום און אַרום — אַ האַוועניש, אַ לויפעניש, אַ ווילדער טומל, מע ברעכט, מע גאַנוועט, מע רויבט, נאָר מאַטווייעוו לייגט אויף דעם אַלץ קיין אַכט ניט, ער שטייט און פּאָמפּעט.

— צוליב וואָס טוסטו עס? — פרעגט מען אים. — וועמען איז דאָס איצט נייטיק?

— וואָס הייסט, צוליב וואָס? וואָס הייסט, ווּעמען? — ענטפערט מאַטווייעוו. — דער צעך שטייט דאָך אַף אַ זומפּ, מוז מען אָפּהיטן די אויוונס. די ווײַסע ליופּן, באַלד וועלן זיך אומקערן אונדזערע, די רויטע. ווי זשע וועלן מיר לאָזן אין גאַנג דעם זאַוואָד מיט קאַליע געוואָרענע, צעוויקטע אויוונס?

די קאָלטשאַקאָווצעס האָבן באַשלאָסן אופרײַסן די הרעבליע, קעדיי פאַרפלייצן דעם זאַוואָד און אין דער זעלבער צײַט אָפּנעמען בא אים די טרײַבקראַפט פונעם וואַסער, איבערלאָזן אים אָן עלעקטרישער ענערגיע. דערוווּסט זיך פון דער געפּלאַנטער דיווערסיע, האָט דער מײַסטער סעמיאָן לאַבאַנצעוו, אונטערן טערעץ, אַז מע מוז עפּעס פאַריכטן, מיטגענומען אַ קליינע גרופּע אַרבעטער און אַוועק מיט זיי צום הרעבליע־שלאָס. אונטער לאַבאַנצעווס אָנפירונג האָבן די אַרבעטער עט־וואָס אונטערגעהויבן דעם שלאָס און געהאַלטן אים אין אַזאַ צושטאַנד עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, ביז דאָס גאַנצע וואַסער איז אַראָפּגעפלאָסן אין טײַך אַרײַן.

אַף לאַבאַנצעוון האָט מען געקוקט ווי אַף אַ מענטשן, וואָס איז געטרײַ די זאַוואָד־אייגנטימער. איינמאָל האָט נאַטשאַלסטווע אפילע אַרויסגערופן אים צו זיך און געפרעגט:

— דו וועסט זיך עוואַקוירן מיט אונדז?

— ווי זשע דען? אָט שטייט שוין מײַן פור געשפּאַנט...

לאַבאַנצעוו האָט, פאַרשטייט זיך, אפילע ניט געטראַכט צו עוואַקוירן זיך מיט די ווײַסע. נאָר קעדיי באַזײַטיקן יעטווידן כשאַד, האָט ער געדונגען אַ פערד מיט אַ וואָגן, פאַרוואַלגערט דעם וואָגן מיט היימישע בעבעכעס און געהאַלטן אים די גאַנצע צײַט אַ געשפּאַנטן בא זיך אין הויף.

* * *

דעם 29 יון 1919 האָט דער שטאַב פון דער דריטער אַרמיי באַקומען אַזאַ דעפּעש:

„הײַנט האָט דער דריטער באַטאַליאָן פונעם 260־טן פּעטראָגראַדער פּאָלק פון דער 29־טער דיוויזיע פאַרנומען ליסווע".

אין צוויי טעג אַרום, דעם 1 יול 1919, האָט לענין טעלעגראַפירט דעם רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט פונעם מיזרעך־פראָנט:

„אַ הייסן גרוס די באַפרײַער פון אוראַל!"

שירשאָוו און קוקלין

ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרײַט די שטאָט, האָט די פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער פונעם עמאַל־צעך באַשלאָסן טייקעף צוטרעטן צו זײַן אופשטעלונג. עס זײַנען אָבער ניט געווען קיין ספּעציאַליסטן, קיין כימיקאַטן, קיין שמעלץ־אַפּאַראַטור. די שמעלץ־ און ברען־אויוונס זײַנען געווען כאָרעוו, קיין טעכנישע צייכענונגען פון די אויוונס זײַנען ניט געבליבן.

דעמלט איז איינער פון די אַרבעטער — זאַכאַר שירשאָוו — צוזאַמען מיט אַ מולער צור־געטראָטן צו רעמאָנטירן די צעבראָכענע אויוונס אָן טעכנישע צייכענונגען, פּאַשעט לויטן זיקאָרן, לייגנדיק ציגל צו ציגל.

ווען די אויוונס זײַנען געוואָרן פאַרטיק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלן אויס באַילערס — קיילים, אין וועלכע מע שטעלט אַרײַן וואַנעס, ווו פונעם מעטאַל ווערט באַזײַטיקט די קאָראָזיע. ס'האָט זיך ווידעראַמאָל אַרויסגערופן זאַכאַר שירשאָוו. צוזאַמען מיט זײַנעם אַ כאַווער האָט ער מאָנטירט אַ באַילער — די ווענטלעך פון דער וואַנע פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, אַף די ברעטלעך אַרופגעלייגט אַ שיכט גודראָן, אַפן גודראָן — אַ שיכט בעטאָן. ס'האָט זיך באַקומען אָן אויסגע־צייכנטער באַילער, ווײַל דער שיכט פון גודראָן און בעטאָן ווערט ניט צעגעסן פון די כימישע עלעמענטן, מיט וועלכע דער מעטאַל רייניקט זיך אָפּ פון קאָראָזיע.

די שמעלץ־אַפּאַראַטן האָט מען געפונען צווישן דעם ברוכוואַרג, וואָס איז געווען אָנגעוואַל־גערט אַף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע. די אַרבעטער האָבן אויך געבראַכט צוריק די פאַרבאַהאַלטענע אויסשטאַטונג — און דער צעך איז, ענדלעך, געלאָזט געוואָרן אין גאַנג.

עס זײַנען אָבער קיין אָנדערהאַלבן כאָדאָשים ניט אַריבער, און דער צעך האָט אָנגעהויבן עטעמען אַלץ שווערער און שווערער, ביז ער האָט זיך ווידער אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. עס איז אויסגעגאַנגען דאָס לעצטע ביסל פליסיקער עמאַל.

אין צעך איז געקומען דער מיטגליד פון זאַוואָד־פאַרוואַלטונג סטעפּאַן פּאָדאָיניצין. זײַנע פליכטן זײַנען באַשטאַנען אין באַזאָרגן דעם זאַוואָד מיט מאַטעריאַלן און הייצוואַרג. צוגייענדיק צום אַרבעטער גילמאַטדין טוטשעבײַעוו, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— דו אַרבעטסט שוין לאַנג אינעם עמאַל־צעך?

— פון זינט ער האָט זיך געעפנט... די גאַנצע צײַט אַרבעט איך באַם שמעלצן עמאַל...

— איז עפּשער קאָנסטו דערציילן, פון וואָס מע מאַכט דעם פּליסיקן עמאַל, וויפל כאַלאַקים מע נעמט פון די מאַטעריאַלן?

טוטשעבײַעוו האָט אָנגעהויבן כּעזשבענען לויט די רידלען: איין רידל פון אַזאַ מאַטעריאַל, דערנאָך אַ רידל פון אַ צווייטן מאַטעריאַל, ווײַטער אַ רידל פון אַ דריטן... אָט אַזוי באַקומט זיך דאָס געמיש. שלעכט איז אָבער, וואָס צו אָט די מאַטעריאַלן פלעגט מען צוגעבן נאָך עפּעס, פון וואָס טוטשעבײַעוו ווייסט ניט. און אָן דעם איז דאָס געמיש קיין געמיש ניט...

אין צעך האָט געהערשט אַ שווערע שטילשווײַגעניש. דער אוילעם האָט אָנגעשטרענגט געטראַכט, נאָר צו גאָרנישט ניט געקאָנט זיך דערטראַכטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז צו פּאָדאָיניצינען אין זאַוואָד־פאַרוואַלטונג געקומען אַ גרופּע אַרבעטער.

— סטעפּאַן יאַקימיטש! דערוויסן זיך, וואָס מע דאַרף צוגעבן צום עמאַל־געמיש, איז זייער ניט קיין לײַכטע זאַך. דערפאַר אָבער האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן עפּעס אַנדערס...

— וואָס, איר האָט אופגעדעקט אַ באַהאַלטענעם אויצער?

— יאָ, טאַקע אַן אויצער. הערט אונדז אויס. נאָך פונעם ערשטן טאָג אָן, ווען דער צעך האָט זיך געעפנט, פלעגט מען די ניט געלונגענע פּראָבעס פונעם עמאַל־געמיש אַרויסגיסן אין דער קאַנאַווע פונעם זאַוואָד־הויף. איז עפּשער קעדײַ צונויפנעמען אָט די פּראָבעס און אויסנוצן?

— אויסנוצן דעם אָפּפאַל? — האָט פּאָדאָיניצין געפרעגט מיט כידעש, און ער איז אַוועק מיט די אַרבעטער אָנקוקן דעם „אַנטדעקטן אויצער“.

פּאָדאָיניצין איז געשטאַנען לעבן דער קאַנאַווע אַ פאַרטראַכטער. אים האָט זיך קימאַט ניט געגלייבט, אַז פון אָט דעם אָפּפאַל זאָל עפּעס אַרויסקומען. נאָר מע מוז אויסנוצן אפילע אַזאַ מעגלעכקײַט. וויאַזוי טוט מען עס אָבער? איינער פון די אַרבעטער האָט זיך אָנגערופן:

— עפּשער זאָלן מיר זיך אַן אייצע האַלטן מיטן אַלטן קוקלין? ער איז דאָך אַ געלערנטער...

* * *

פּאָדאָיניצין האָט אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך מיט קוקלינען פונדערווײַטנס:

— וואָס מאַכט איר, יעווגעני וולאַדימיראָוויטש? ווי פילט איר זיך? איר ווייסט דאָך, מיסטאַמע, אַז מיר קעמפן איצט פאַר אַ נײַ יונג לעבן. עפּשער ווילט איר אויך ווערן יינגער?

דער געלערנטער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ גוטמוטיק זקייניש געלעכטער. ער האָט אויסגעטאָן די ברילן, אָפּגעווישט די אָנגעלאָפענע טרערן און מיט האַרץ געזאָגט:

— איך פיל אויס די געבאָטן פון מײַן גרויסן לערער דמיטרי איוואַנאָוויטש מענדעלייעוו. און מענדעלייעוו האָט געזאָגט, אַז די וויסנשאַפט אָן פּראַקטיק איז אַ זייפנבלאָז. פו — און עס בלײַבט גאָרנישט.

קוקלין האָט אַראָפּגעבלאָזן דאָס אַש פון זײַן פּאַפּיראָס און פאַרגעזעצט:

— איר זײַט גערעכט, מע דאַרף ווערן יינגער! איך נעם אָן אײַער פאָרשלאָג. דער זאַוואָד אַרבעט דאָך קימאַט ניט, און אָן דעם זאַוואָד — צו וואָס טויג מײַן לאַבאָראַטאָריע?

יעווגעני וולאַדימיראָוויטש קוקלין האָט אַ יאָר פופצן אָנגעפירט מיט דער זאַוואָד־לאַבאָראַטאָריע. ער האָט אַמאָל אָנטיילגענומען אין דער פאָלקיסטישער באַוועגונג, איז געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט. נאָך דער באַפרײַונג איז ער געקומען קיין ליסווע און אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן זײַן לאַבאָראַטאָריע און דער וויסנשאַפט.

...איצט איז קוקלין טאָג און נאַכט אָפּגעזעסן אין לאַבאָראַטאָריע און געפאָרשט די פּראָבעס פון עמאַל־געמישן, וועלכע די אַרבעטער האָבן אומדערמידלעך און פאָרזיכטיק געשעפּט פון דער קאַנאַווע. איינמאָל איז ער געקומען אַ צעהיצטער צו פּאָדאָיניצינען און פרײַערלעך אויסגערופן:

— דער אָפּפאַל פון קאַנאַווע טויג!

פּאָדאָיניצין, אַ שטאַרק באַגײַסטערטער, האָט אים פעסט געדריקט די האַנט. קוקלין, פאַרקערט, האָט זיך גלײַך באַרויִקט און געזאָגט קימאַט קאַלטבלוטיק:

— פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז דאָס זייער אַן אינטערעסאַנטער עקספּערימענט. דער אָפּפאַל, ווײַזט זיך אַרויס, איז קלאַל ניט קיין אָפּפאַל. וועמעס אידיי, זאָגט איר, איז דאָס געווען, אַז מע זאָל שעפּן פון דער קאַנאַווע?

— די אידיי פון די אַרבעטער...

— האַ?.. פײַן, פײַן!

דער צעך האָט ווידער גענומען אַרבעטן. די סקלאַדן זײַנען פול געוואָרן מיט גלאַטן, גלאַנציקן קאָלירטן עמאַל־געמיש.

* * *

עס האָט זיך אָנגערוקט דער בייזער אוראַלער ווינטער, די לאַגע אין צעך איז ניט קיין איבעריקס פריילעכע: די קאַנאַווע איז שוין אינגאַנצן אויסגעשעפּט. ווו נעמט מען נײַעם עמאַל־געמיש?

שפּעט באַנאַכט. עס בלאָזט אַ קאַלטער שנײַדנדיקער ווינט. בלויז אינעם פענצטער פון דער לאַבאָראַטאָריע זעט זיך אַ טונקל געל פײַערל.

אין לאַבאָראַטאָריע זיצט קוקלין און מאַכט עקספּערימענטן, שרײַבט פאָרמולעס, לאַנגע קאָלאָנקעס מיט ציפערן. ווען עס זאָל זײַן קאָבאַלט־אָקסיד, וואָלט מען געקאָנט באַקומען אַ טונקל־בלאָווע פאַרב. איז אָבער קיין קאָבאַלט־אָקסיד ניטאָ. עס איז ניטאָ אויך קיין צין־אָקסיד, קאָן מען אַפילו קיין ווײַס גלעזשיר ניט אַרויסלאָזן... וואָס זשע טוט מען?

פאַר די לעצטע טעג האָט זיך קוקלין געעלטערט מערער ווי פאַר אַלע פופצן יאָר פון זײַן אַרבעט אין זאַוואָד.

עס קומט אַרײַן דער אַרבעטער זאַכאַר שירשאָוו. אַ הויכער, מיט זייער אַן ערנסט פּאָנעם, גראָווע וואָנצן, שטרענגע אויגן, זעט ער איצט אויס, ווי אַ זעלנער בײַ אַ שווערער שלאַכט.

— יעווגעני וולאַדימיראָוויטש, איך לייג פאָר אויסנוצן דעם אײַזן־אָפּפאַל...

— וואָס? — האָט מיט כידעש אים אָנגעקוקט דער זאָקן.

שירשאָוו האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ פּאַפּירל און באַוויזן אַ מוסטער פון טונקעלן שטויב.

— איך האָב שוין צוגעפּאַסט אַן אויוון צום טריקענען און גליִען דעם אײַזן־אָפּפאַל...

דער זאָקן האָט מיט די פינגער געטאַפּט דעם שטויב, ווי אַ קרעמער טאַפּט דורך אַ סאָרט מעל, וואָס רופט בײַ אים אַרויס אַ כשאַד.

— איר האָט שוין אַפילו אַן אויוון צוגעפּאַסט? המ...

— פּרוּוון דאַרף מען, יעווגעני וולאַדימיראָוויטש, אַן אַנדער ברירע האָבן מיר? — האָט געענטפערט שירשאָוו.

דערנאָך זײַנען געקומען צום געלערנטן נאָך צוויי אַרבעטער. איינער פון זיי האָט זיך אינטערעסירט, צי קאָן מען ניט פאַרבײַטן דעם פינישן שפּאַט מיט אָרטיקן פעלד־שפּאַט. דער צווייטער האָט זיך אונטערגענומען באַזאָרגן דעם צעך מיט קוואַרץ־זאַמד. אַף מאָרגן האָבן די פרויען פונעם זאַוואָד געבראַכט דעם געלערנטן מוסטערן פון פאַרשיידענע מינים ליים, וועלכע זײַנען אין דער אומגעגנט פאַראַן אַ סאַך...

דער אַלטער כימיקער האָט, ווי אַ שוואָם, אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלע פאָרשלאָגן פון די אַרבעטער. טאָג און נאַכט האָט ער אָרודעוועט מיט די טיגעלס, קאָלבעס, שטײסלען, באַנקעס, מענזורקעס. עס האָט אים געעגבערט אַ געדאַנק: אין דער יוגנט האָט ער געטרוימט וועגן דעם פאָלק, איז פול געווען מיט אידייען וועגן גליקלעך מאַכן דאָס פאָלק. דערפאַר איז ער אַפילו געווען פאַרשיקט. נאָר דאָס פאָלק גופא האָט ער ניט געקענט, און אים האָט דאָס פאָלק אויך ניט געקענט. און איצט, ווען זײַן לעבן דערנעענטערט זיך שוין צום סאָף, איז ער געקומען אין אַזאַ וווּנדערלעכער באַרירונג מיטן פאָלק. קוקלין האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז נאָך קיינמאָל ביז איצט האָט ער ניט געאַרבעט מיט אַזאַ באַגײַסטערונג.

* * *

ענדלעך איז אויפן טיש געשטאַנען דאָס נײַע עמאַלירטע געפעס. פּאָדאָיניצין האָט אויסגעפּרוּווט דאָס נײַע געשיר: געשלײַדערט עס אויפן דיל, געקלאַפּט איבער דעם מיט אַ האַרטער זאַך, געהאַלטן אויפן פײַער... גוט! די עמאַלירונג אַ פעסטע. נאָר די פאַרב... ווי אָרעם! עפּעס אַ מין פאַריייניקונג פון גרוי און ברוין.

שירשאָוו האָט באַמערקט קוקלינס טרויעריקן בליק און האָט ווי פאַרענטפערט זיך פאַר אים:

— נישקאָשע, מירן נאָך אויסזוכן שיינע פאַרבן אויך... — און אויסגעשטרעקט דעם געלערנטן זײַן מאָזאָלישע האַנט.

צענדליקער הענט, אָפּגעברענטע פון זויערס, אָנגעזאַפּטע מיט פאַרבן, האָבן זיך אַ צי געטאָן צו קוקלינען. דער זאָקן האָט געפינטלט מיט די ברעמען, אײַנהאַלטנדיק קוים די טרערן.

אין אָוונט האָט פּאָדאָיניצין אים אײַנגעלאַדן צו זיך און גענומען ריידן מיט אים, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ רעדע אַף אַ מיטינג:

— דאָס לאַנד, ווי איר ווייסט, הונגערט. בײַ אונדז אין ליסווע האַלט מיט דערנערונג אויך ניט פויגלדיק. מיר אַלע האָבן באַשלאָסן אויסצואַרבעטן געשיר, קעדיי מענטשן זאָלן האָבן פון וואָס צו עסן, קעדיי מע זאָל קאָנען עפּענען וואָס מער גאָרקיכן... איר, יעווגעני וולאַדימיראָוויטש, האָט אַרײַנגעלייגט דערין אַ סאַך מי. דערפאַר פּרעמירן מיר אײַך מיט אַ פּאַיאָק...

פּאָדאָיניצין האָט פײַערלעך דערלאַנגט קוקלינען אַ פּראָדוקטן־קאַרטל.

קוקלין האָט געדרייט אין די הענט דאָס קאַרטל, ווי ער וואָלט געווען מיט עפּעס אומצופרידן, און צום סאָף געזאָגט מיט אַ זקיינישן קרעכץ:

— אויך מיר אַ זאַך, עסן... ניט פון ברויט אַליין לעבט אַ מענטש...

אווראָם דאָברינקי

געבוירן אין 1888 אין בערדיטשעוו. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1941. וווינט אין מאָסקווע.

די ייִדישע דיכטונג אין דער פּרעסע פון די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן

מיר האָבן אָפּגעמערקט דעם 45־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. מיט שטאָלץ פאַרצייכענען מיר דעם פאַקט, אַז די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער זײַנען אין יענער צײַט ניט געשטאַנען אין אַ זײַט פון די היסטאָרישע געשעענישן — טראָט בא טראָט זײַנען זיי געגאַנגען מיט די אופגעוואַכטע מאַסן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און דורכגעטראָגן אָט די פאָן דורך אַלע שלאַכטן פונעם בירגערקריג.

אין זײַן אַרבעט „באַם סאַמע אָנהייב" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1 פון 1962) האָט נ. אויסלענדער געשריבן: „בלעטערנדיק די צײַטונגען פון די בירגערקריג־יאָרן, זעען מיר, וויפל אָרט מע פלעגט דאָ אָפּגעבן דער יונג־אופשטײַגנדיקער סאָוועטישער דיכטונג". דאָס איז אַ דערשײַנונג, וועלכע די ליטעראַטור־פאָרשונג דאַרף ווי סיגעהער צו זײַן אָפּשאַצן. פּראָפּאַגאַנדירנדיק די קאַמפּסטראַדיציעס פון די ערשטע פּראָלעטאַרישע ייִדישע פּאָעטן מ. ווינטשעווסקי, ד. עדעלשטאַט, י. באָווּשאָווער, זײַנען די דעמלטיקע קאָמוניסטישע פּרעסע־אָרגאַנען אַף ייִדיש געווען די טריבונע פון דער נײַער רעוואָליוציאָנערער פּאָעזיע. זיי האָבן גערן געדרוקט די לידער פון דער יונגער פאַלאַנגע ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. אַזוי, לעמאָשל, טרעפן מיר אינעם מינסקער „דער שטערן" לידער פון אָשער שוואַרצמאַנען („דער אופשטאַנד", „געבענטשט זאָל זײַן די האַנט"[1]), פון דאָוויד האָפשטיינען („פּראָצעסיע", „די שטאָט"[2]); אויך אין דער קיִעווער „קאָמוניסטישע פאָן" און אין מאָסקווער „דער עמעס" האָבן זיך געדרוקט האָפשטיינס לידער („אַ בריוו קיין אוקראַיִנע"[3], „ווידער איך פאַל", „געפאַלן אין ווילטיק פון וועלט"[4]). מאַרקישעס ליד „דעם הייסן מילשטיין" איז אָפּגעדרוקט געווען אין דער כאַרקאָווער צײַטונג „דער קאָמוניסט"[1] אאַוו.

די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן האָבן דערוואַרט פון די פּאָעטן נײַע טענער, געפאָדערט לידער, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן דעם גײַסט פון דער נײַער רעוואָליוציאָנערער צײַט. אין מינסקער צײַטונג „דער שטערן" האָט י. ראָטהויזער געדרוקט „שמועסן וועגן דער ליטעראַטור". „אַ נײַע עפּאָכע הייבט זיך אָן, — האָט ער געשריבן, — און נײַע לידער וועלן מיר הערן, דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַשאַפן אַ געזונטע, אַ קאַמפּסלוסטיקע ליטעראַטור, וועלכע וועט אַנטשפּרעכן דעם העלדנמוט, דעם געזונטן ווילן צום לעבן, צום זיגן"[2].

אין ערשטן נומער „דער אמת", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע דעם 7 אווגוסט 1918, לייענען מיר אין דעם אַרטיקל פון ק. נעלסאָן, וועלכער טרעט אַרויס אין נאָמען פון דער רעדאַקציע: „אין די טעג מוז און דאַרף זײַן דער ייִדישער אַרבעטער אַף דער וואַך. מיט געווער אין דער האַנט, אַלס זעלנער פון דער רעוואָליוציע, וועט ער שטיין אַפן פּאָסטן ביזן סאָף... אין די טעג וועלן מיר דאָך ניט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַן אייגענע „ייִדישע גאַס", אַ פינצטערע, רעאַקציאָנערע גאַס, ווו מיר דאַרפן פירן אַ לאַנגן שווערן קאַמף, ווו עס שטייט אונדז פאָר צו האַלטן אַ גרויסע מילכאָמע מיט אַ טראַדיציאָנעלער רעאַקציע, וועלכע ווערט קולטיווירט און געהאָדעוועט דורך אונדזער גרויס־ און קליין־בורזשואַזיע. דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט האָט גרויסע און שווערע אופגאַבן".

ברענענדיק אַקטועל זײַנען געווען די פראַגן פונעם פראָנט, פונעם קאַמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע, וואָס האָט אָנגעגריפן פון אַלע זײַטן. און די ייִדישע פּאָעטן האָבן אין זייערע דעמלטיקע לידער פריִער פאַר אַלץ געזונגען וועגן דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן געשילדערט דעם מוטיקן מאַרש פון די רויטע כאַיאָלעס, גערופן צום קאַמף, געריטמט דעם רעוואָליוציאָנערן גײַסט פון די רויטאַרמייער, דעם הויכן אידעאַל, וואָס האָט זיי באַגײַסטערט.

---

[1] צײַטונג „דער שטערן" נומ. 190 און 147 פון 1920.

[2] ד אָ ר ט, נומ. 153 און 163 פון 1920.

[3] „קאָמוניסטישע פאָן" נומ. 39 פון 1921.

[4] „דער עמעס" נומ. 91 פון 1921.

---

[1] נומ. 4 פון 1920.

[2] צײַטונג „דער שטערן" נומ. 8 פון 1919.

דאָס זײַנען געווען ניט סטאַם מעליצע־לידער. אויב עס איז ריכטיק, ווי מאַיאַקאָווסקי האָט געזאָגט, אַז די פּען פון אַ שרײַבער איז געגליכן צו אַ שפּיז, זײַנען די דיכטערישע ווערק פון יענער צײַט געווען שאַרפע שפּיזן, וועלכע האָבן געטראָפן דעם סוינע. די טעטיקײַט פון די ייִדישע פּאָעטן — מיטאַרבעטער פון דער באָלשעוויסטישער פּרעסע איז געווען זייער פילזײַטיק. אַזעלכע דיכטער פון יענער צײַט, ווי כאַיִם גילדין, הערש ריקלין, דאָוויד אָוטקעס, האָבן געפירט אַ גרויסע פּאַרטייִשע אַרבעט, געשריבן לידער, לייטאַרטיקלען, אויפרופן, אַליין געווען אין די שלאַכט־רייען פון דער אַרמיי. לידער אויף פראָנט־טעמעס און אויך דיכטערישע אָפּקלאַנגען אויף אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראָבלעמען האָבן געדרוקט אין דער פּרעסע מ. אַבאַרבאַנעל, מ. שאַפּיראָ, פּאַלמע, ייִצחאָק לוקאָווסקי, עליע אַבראַמאָוויטש אאַ.

אַ געוויסע צאָל פון אָט די דיכטער (כאַיִם גילדין, מ. שאַפּיראָ, מ. אַבאַרבאַנעל) האָבן אויך אין די שפּעטערע יאָרן פאָרגעזעצט זייער אַרבעט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן דערווײַל, אין אָנהייב, געשריבן אונטער פּסעוודאָנימען און ניט אַלעמאָל איז פּינקטלעך פעסטגעשטעלט, ווער פון די באַרימטע פּאָעטן איז יונגערהייט געווען אין אָט דער אַצינד שוין קימאַט פאַרגעסענער פּאַלאַנגע? אָט איז, לעמאָשל, באַוווּסט, אַז אונטערן נאָמען „אַ. ז.“ אָדער „זעמבין“ האָט געדרוקט זײַנע ערשטע לידער איזי כאַריק... אייניקע פון די ערשטע צײַטונגס־דיכטער (אָוטקעס, לעמאָשל) האָבן שפּעטער אויפגעהערט צו שרײַבן. זיי האָבן ווי אָפּגעטאָן זייער אַרבעט, אויסגעפילט זייער מיסיע און זײַנען אַנשוויגן געוואָרן. אַנדערע, ווי ה. ריקלין, זײַנען געוואָרן רוסישע זשורנאַליסטן. ע. אַבראַמאָוויטש איז געשטאָרבן. עטלעכע רויטאַרמייִשע פּאָעטן זײַנען אומגעקומען אויף די פראָנטן. ברייט באַוווּסט איז דער העלדישער טויט פון אָשער שוואַרצמאַנען, בייניש שטיינמאַנען.

דער וועג, אויף וועלכן עס זײַנען געגאַנגען די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע פּאָעטן, איז געווען אַ ביז גאָר אייגנאַרטיקער און שווערער. דערצויגענע אויף די מוסטערן פון דער אַלטער ייִדישער קולטור, אויפגעוואַקסענע אין די אַלטע פּאַטריאַרכאַלע ייִדישע טראַדיציעס, זײַנען זיי געשטאַנען פאַר אַ פּראָבלעם פון אייגענער אידייִשער איבערבויונג. דאָס איז געווען אַ שווערער פּראָצעס, אָבער די מערהײַט פון זיי האָט אָן שום מעניִעס צעריסן מיט דעם אַלטן און דערקלערט, אַז זיי האָבן „אַ נײַע טוירע“. אין זייער שאַפונג זײַנען זיי געווען אונטער פאַרשיידענע האַשפּאָעס: אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער סוויווע ביכלאַל, ווי אויך אונטער דער ווירקונג פון די עלטערע ייִדישע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן, פון די רוסישע פּאָעטן אאַז״וו.

עס האָבן זיך געהערט אין דער ייִדישער פּאָעזיע פאַרשיידענע מאָטיוון: פאַרקישעפטע פון דעם אָפּקלאַנג פון גאָרקיס „שטורעמפויגל“, האָבן די ייִדישע דיכטער געזונגען וועגן שטורעם, וואָס ווערט דערוואַרט, קומט און איז שוין געקומען; עס האָבן הויך געקלונגען מאָטיוון וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, אין וועלכע עס האָבן זיך געהערט בוילעטע ווירקונגען פון בלאָקס פּאָעמע „צוועלף“; מיר געדענקען פון יענער צײַט אויך ניט ווייניק שטרײַט־ און קאַמפּס־מאָטיוון אין גײַסט פון ווינטשעווסקין, באָווּשאָווערן, עדעלשטאַטן — מיט דעם כילעק נאָר, וואָס בײַ די עלטערע פּאָעטן זײַנען די רעוואָליוציאָנערע שלאַכטן געוויזן אין דער צוקונפט, ווען פאַר די סאָוועטישע דיכטער איז דאָס געווען אַ לעבנס־פראַגע, וואָס האָט געפאָדערט אַ באַלדיקע לייזונג.

מיר קלײַבן זיך ניט אין אונדזער אַרבעט אַנאַליזירן די מאַגיסטראַלע פּאָעטישע ווערק פון יענער צײַט. די שאַפונגען פון ד. האָפשטיינען, פּ. מאַרקישן, ל. קוויטקאָ, אַ. קושנירעווו אאַ. זײַנען גוט באַוווּסט און מער אָדער ווייניקער אויסגעפאָרשט. מיר דערמאָנען דאָ אָט די גרויסע מײַסטערס נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי האָבן זיך אָפּגערופן אויף די טאָג־פראַגן פון די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און אייניקע פון די דעמלטיקע פּאָעטן זײַנען געווען אונטער זייער ווירקונג.

דער ציל פון דער דאָזיקער אַרבעט איז — געבן אַן אַלגעמיין בילד פון די פּראָבלעמען, וואָס זײַנען געשטאַנען פאַר די סאָוועטישע דיכטער פון דער צײַט פונעם בירגערקריג (1917—1921), דערציילן, וויאַזוי זיי האָבן די דאָזיקע פּראָבלעמען געלייזט. מיר האַלטן פאַר וויכטיק פעסטצושטעלן לויט די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וועלכע פּאָעטן זײַנען דאַן געווען טעטיק, דערמאָנען וועגן זיי, וועגן זייער קאַמפּערישער דיכטונג, אַרויסשלעפּן זיי פון דער פאַרגעסעניש. דאָס וועט בעמיילע אויך צוגעבן אייניקע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די באַקאַנטע פּאָעטן פון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן.

מיר האָבן זיך באַנוצט צומיינסטנס מיט די צײַטונגען און זשורנאַלן פון יענער צײַט און אויך מיט אייניקע לידער־זאַמלונגען, וואָס זײַנען דאַן דערשינען. ליידער האָט זיך אין דער לענין־ביבליאָטעק ניט אַלץ פאַרהיט. אין סאַמע ברען פון בירגערקריג האָבן דער טראַנספּאָרט און די פּאָטשט געאַרבעט זייער ניט נאָרמאַל, פיל צײַטונגען און זשורנאַלן זײַנען פּאָשעס ניט דערגאַנגען קיין מאָסקווע. אפילע די פּעטראָגראַדער „וואַרהײַט“, דער שפּעטערדיקער מאָסקווער „אמת“ און „דער עמעס“ פון יענע יאָרן האָבן זיך פאַרהיט אין געציילטע עקזעמפּליאַרן. דעריבער קאָנען מיר, נאַטירלעך, ניט פּרעטענדירן אויף אַ פולזײַטיקער באַלײַכטונג פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער און ביז גאָר וויכטיקער טעמע פון אונדזער אַרטיקל.

שוין אין זעקס כאָדאָשים אַרום נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אין פּעטראָגראַד אָנגעהויבן דערשײַנען די צײַטונג „די וואַרהײַט“. אין צען כאָדאָשים אַרום איז אין מאָסקווע אַרויס דער ערשטער נומער פונעם זשורנאַל „קולטור און בילדונג“, באַלד נאָך אים — די זשורנאַלן „די קאָמוניסטישע וועלט“ און „האָרעוואַניע“. אין די אַלע אויסגאַבעס פאַרנעמט די דיכטונג אַן אָנגעזען אָרט.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס שוין אינעם ערשטן נומער „קולטור און בילדונג“ איז אויסגעטיילט אַ רובריק פאַר אַרבעטער־דיכטונג. אָפּדרוקנדיק אַבאַרבאַנעלס לידער, האָט די רעדאַקציע רעקאָמענדירט דעם אַווטאָר אַלס פּאָשעטן אַרבעטער. מ. י. אַבאַרבאַנעל האָט אין דעם נומער פאַרעפנטלעכט דרײַ קאַמפּס־לידער.

אין דער ערשטער ליד שילדערט אַבאַרבאַנעל אַ דעמאָנסטראַציע באַלד נאָכן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דאָס פאָלק האָט געיובלט:

הערצער ציִען, הערצער גליִען מיט אַ הייליק פלאַם:
פול מיט אימפּעט ברויזט דאָס לעבן, שטורעמט ווי
אַ יאַם...

אין דער צווייטער ליד „מיר זײַנען אַלע איין מישפּאָכע“ דריקט אַבאַרבאַנעל אויס די אידיי פון

ארבעטער־סאָלידאַריטעט. די דריטע ליד (אָן א נאָמען) איז א דירעקטער אָפּרוף אפן בירגערקריג. איר לירישער העלד זעגנט זיך מיט זײַן געליבטער — ער גייט אוועק אפן פראָנט זיך שלאָגן מיטן סוינע פון דער יונגער סאָוועטן־מעלוכע.

אינעם מאָסקווער זשורנאַל „קאָמוניסטישע וועלט“ האָט אבארבאנעל פארעפנטלעכט א ליד „צו די גלאָקן“. זי איז אָנגעשריבן אף א העכסט אקטועלער טעמע. די ליד האָט געוועקט און גערופן צום קאמף. און דאן איז דאָך אָנגעגאנגען דער בירגערקריג. אזא מין פאָליטישע „טאָג“־ליד איז געווען פאָשעט נייטיק. מיר ברענגען א פאָר סטראָפן פון איר:

אײַלט צו די גלאָקן גיכער,
זאָל דער קלאנג זיך טראָגן העכער,
עס זאָל ציטערן די לופט.
די, וואָס ליגן ווי דערשלאָגן
פונעם לעבנס פילע פּלאָגן, —
אָט אזעלכע וועקט און רופט.
זאָלן אלע זיך דערהייבן
מוטיק, ווי די שטארקסטע לייבן,
צו דעם אופשטאנד פראנק און פרײַ,
וועקט א שוואכן נאָך א שוואכן.
אויב אינײנעם שטאָלץ דערוואכן —
נעמט א סאָף צו שקלאפערײַ.

מיר וועלן דערמאָנען נאָך א ליד אבארבאנעלס, וועלכע איז פארעפנטלעכט געוואָרן אויך אין 1918 אין דער וויטעבסקער צײַטונג „דער פרײַער ארבעטער“. די ליד הייסט „אן ארבעטער־מארש“. א מארש־ליד איז דאן געוואָרן די אָנגענומענע פאָרם פון דער פּראָלעטארישער פּאָעזיע.

עס ציטערן טראָנען, עס וויגן זיך קרוינען,
עס גיסט זיך נאָך בלוט און עס רינט.
היי, הענקער געקרוינטע, מע וועט אײַך באלוינען
אזוי נאָר, ווי איר האָט פארדינט.

און ברייטער דער וועג פאר די ארבעטער־מאסן,
פאר די, וועלכע גייען אין שטרײַט.
און אלץ, וואָס איז קעגן, — דאָס טוען מיר האסן,
אוועק! קערט אײַך אָפּ אָן א זײַט.

די דאָזיקע ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן צום ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, דעם 7 נאָ־יאבער 1918.

מ. אבארבאנעל, אן עכטער ארבעטער־דיכטער, איז געווען זייער פּראָדוקטיוו אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ער האָט מיטגעארבעט אין אלע דעמלטיקע אויסגאבן, זיך אָפּגערופן אף די אקטועלסטע פּראָבלעמען פון דער צײַט. אבארבאנעל האָט געשריבן אויך לירישע לידער און פּאָעמעס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זײַנען דערשינען אייניקע זײַנע לידער־זאמלונגען: „אף דער וואָגשאָל“ (1934), „אין ריטם פון לעבן“ (1937), „קינדהײַט“ (1939) אא.

אין די ייִדישע קאָמוניסטישע זשורנאַלן פון יענער צײַט האָט זיך געדרוקט עליע אבראמאָוויטש. געבנדיק זײַן ערשטע ליד „מיר גייען“, רעקאָמענדירט אים אזוי די רעדאַקציע פונעם מאָסקווער זשורנאַל „די קאָמו־ניסטישע וועלט“: „דער מעכאבער פונעם דאָזיקן ליד איז ערשט אלט פופצן יאָר און איז איינער פון די טיכטיקסטע מיטגלידער פון טאמבאָווער קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד“. א פלוצלינגער צופאל האָט פרי פאר־שניטן דעם יונגן פּאָעט. לײדער דערציילט ניט די רע־דאקציע די סיבע פון זײַן טויט. מיר וועלן דאָ ברענגען זײַן ליד אינגאנצן, זי האָט עס די ווערט.

מיר גייען
(געווידמעט דער רויטער ארמיי)

עס פינקלען די שווערדן, עס בליצן די שפּיזן —
מיר זײַנען די פרײַהײַטס־באגײַסטערטע ריזן.
מיר טויטן די הערשער און ברעכן די טראָנען,
מיר גייען מיט בלוט־רויטע פאָנען.

מיר צינדן מיט פאקעלן רויטע די נאכט,
און ווו נאָר מיר קומען — צעברענט זיך א שלאכט.
און ס'זײַנען די סאָנים אין שרעק און אין ציטער
פאר אונדזערע פרײַהײַט־באגײַסטערטע ריטער.

מיר גייען, מיר גייען דורך פײַער און טויט,
וואָס מער אונדזער וועג איז מיט דערנער פארשפּרייט—
אלץ שטארקער דער ווילן צום זיג ווערט צעפלאמט,
דער וועג אף צוריק איז אף אייביק פארצאמט[1].

אבראמאָוויטש האָט אָנגעשריבן נאָך אייניקע לידער. אין נומער 10—11 „קאָמוניסטישע וועלט“, אין וועלכן די רעדאקציע מעלדעט וועגן אבראמאָוויטשעס טויט, זאָגט זיך, אז ער האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן דרוקן זיך אין די זשורנאלן „קאָמוניסטישע וועלט“ און „האָרע־וואניע“, ער האָט איבערגעלאָזט עטלעכע לידער, וואָס וועלן „זיכער ארײַן אין די אנטאָלאָגיעס פון רעוואָליוציאָנערן ייִדישן שאפן“. און ווירקלעך, ווען אין מאָסקווע איז אין 1920 דערשינען א לידער־זאמלונג „מוט“, איז אבראמאָוויטשעס ליד „מיר גייען“ אהין אײַנגעשלאָסן געוואָרן.

פון דעם זשורנאל „האָרעוואניע“ האָבן זיך אין דער מאָסקווער לענין־ביבליאָטעק פארהיט בלויז איינצלנע נומערן. אבראמאָוויטשעס לידער האָבן מיר דערווײַל אין זיי ניט געפונען. דערפאר האָבן מיר געפונען אינעם זשורנאל „קאָמוניסטישע וועלט“ אבראמאָוויטשעס א ליד אין פּראָזע וועגן דעם אָרטאָדאָקסאלן ייִדישן מאָשיִעך און וועגן דעם „רויטן מאָשיִעך“. מיר ברענגען אן אויסצוג פון אָט דער ליד:

...אן אָקטיאבער־נאכט. פונקען האָבן אין דער שווארצקײַט געבליצט, ראקעטן האָבן דעם נאכט־הימל באלויכטן, פולווער־דונערן האָבן געקנאקט. און אינמיטן אָט דעם פײַער־שטורעם איז א מענטש אף א הויכן טורעם אופגעשטיגן, הויך זײַן קאָל דערהויבן, איבער פעלדער, איבער וועלדער, טײַכן און יאמען האָט אן אײַזערנער עכאָ געקלונגען: „ארבעטער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!“ „טוט אָן אײַערע זין און טעכטער אין פּורפּור און גייט ארויס אנטקעגן דעם רויטן מאָשיִעך, וואָס קומט אינעם ברענענדיקן שטורעם. איר הערט זײַנע טריט? איר הערט זײַן פלאמען־אָטעם? ער גייט, ער קומט, ער איז דאָ!“[2]

---

[1] „קאָמוניסטישע וועלט“ נומ. 5. מאָסקווע, 1919.

[2] זשורנאל „קאָמוניסטישע וועלט“ נומ. 6—7. מאָס־קווע, סענטיאבער 1919.

דאָס קומען פונעם „רויטן מאַשיִעך“ ווערט באַגלייט מיט פולווער־דונערן, מיט „פייַער־שטורעם“. דאָס איז די רעוואָליוציע. דער „רויטער מאַשיִעך“ האלט אָבער אין דער זעלבער צייַט א ברענענדיקן פאקעל און א האמער. מיטן פאקעל דארף ער באַלייַכטן דעם וועג צו דער צוקונפט. און דער האמער, ווי באַוווּסט, איז דער סימבאָל פון ארבעט. דער זינען פון דעם איז: ניט רעוואָליוציע צוליב רעוואָליוציע, נאָר רעוואָליוציע צוליב מענטשלעכן גליק, צוליב פרידלעכער מי.

דאָס דאָזיקע בילד איז ווירקלעך א פּאָעטישע זעונג. עליע אבראמאָוויטש האָט ארויסגעוויזן סימאָנים פון א ווירקלעכן טאלאנט. ס'איז בעפיירעש א פארלוסט פאר דער ליטעראטור, וואָס ער איז אזוי פרי אומגעקומען און ניט באַוויזן אויסזינגען זייַן ליד.

אין די יאָרן פאר דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט זיך אין דער ייִדישער ליטעראטור געהערט דער מאָטיוו פון די „לעצטע“. דאָס איז געווען ניט קיין פריילעכער מאָטיוו. עס האָבן געקלאָגט די אידעאָלאָגן פון דער ייִדי־שער רעאקציאָנערער ליטעראטור אף איר אומקום.

גאנץ אנדערע טענער האָבן זיך געהערט אין דער יונגער סאָוועטישער פּאָעזיע. כאראקטעריסטיש אין דעם זין איז א ליד, וואָס איזי כאריק האָט אונטערן פסעוודאָנים א. זעמבין אָפּגעדרוקט אין מאָסקווער זשורנאל „די קאָמוניסטישע וועלט“ — „זיי און מיר“:

זיי זייַנען די לעצטע
פון צווייפלען און טראכטן,
זיי זייַנען די לעצטע
פון טונקעלע פארנאכטן,
זיי קענען זיך זעלבסט נאָר
אין טרויער פאראכטן,
זיי זייַנען די לעצטע,
זיי זייַנען די לעצטע
פארגאנגענע טרוימען,
זיי זוכן א טיקן
אין ראָזעווע רוימען,
זיי זייַנען די לעצטע
פארלאָשענע זוימען...
זיי זייַנען די לעצטע.

מיר זייַנען די ערשטע,
די ערשטע, וואָס גייען
באַגייַסטערטע, שטאָלצע
אין אייַזערנע רייען
צו זון, צו דעם אופגאנג,
אָן שרעק, אָן ווייען,
מיר זייַנען די ערשטע.
מיר זייַנען די ערשטע,
די זוניקע שטראַלן,
וואָס קעמפן און שטרייַטן,
וואָס זעגן און פייַלן
און ווייסן: עס וועט שוין
דער גליק ניט פארפאלן.
מיר זייַנען די ערשטע[1].

[1] זשורנאל „די קאָמוניסטישע וועלט“, נומ. 14—15. מאָסקווע, 1920.

כאריקס פּאָלעמיק מיט די „לעצטע“ האָבן אונטער־געהאלטן אנדערע פּאָעטן, זיי האָבן געשטרעבט צו קאָנקרעטיזירן דעם טאָך פון דעם, ווער עס זייַנען „מיר, די ערשטע“.

מיר זייַנען די ערשטע, וואָס האָבן די האָזע
צו לעבן און שטארבן אזוי ווי מיר ווילן,
מיר שמידן דאָס מאזל מיט אייַזערנעם אָרעם,
מיט שטאָלענעם מוט און געפילן.
מיר זייַנען די לעצטע, וואָס האָבן געליטן,
מיר זייַנען די ערשטע, וואָס האָבן געשניטן
אף בלוט פונעם אָווער די צייַטיקע פיירעס,
די זאָמען פון קינפטיקע דוירעס[1].

פון די קלאָגערייַען פון די „לעצטע“ ביז דעם מוטיקן געזאנג פון די יונגע איז פּאָלג מיך א גאנג.

די פּאָליטישע דיכטונג פון ווינטשעווסקין, באָוושאָ־ווערן, עדעלשטאטן האָט געפונען איר פאָרזעצונג בא די סאָוועטישע פּאָעטן. מיר האָבן עס שוין געזען אין די אויבן געבראכטע לידער. די סאָציִאַל־פּאָליטישע באַדינ־גונגען, אין וועלכע עס האָבן געשריבן די יונגע סאָוועטישע דיכטער, זייַנען, פארשטייט זיך, געווען אנדערע, ווי אין די צייַטן פון זייערע פאָרגענגער, דער אינהאלט פון די ווערק אויך אן אנדערער. דער גייַסט און די ריכטונג אָבער פון דער פּאָליטישער דיכטונג זייַנען פארהיט געוואָרן.

זיי, די עלטערע דיכטער, וואָלט קיינמאָל ניט אייַנגע־פאלן אָנצורופן די ארבעטער־מאסן „קינדער פון דער זון“, ווי עס האָט געטאָן אין יאָרן ארום די פּאָעטעסע מירקע:

הייבט זיך אוף און קלייַבט זיך אוף, איר קינדער
פון דער זון,
וועמעס הארץ איז פול מיט שמארץ און פול מיט
ווייטעק און מיט גאל,
וועמעס בליק עס שטרעבט צום גליק און ווער
עס ווייס נאָך ניט דערפון,
גייט פאָרויס! דער טאָג איז גרויס, דער טאָג
איז שיין, ווי מיר אליין,
ווי דער ציל און ווי זייַן שפיל און ווי דער
גלאנץ פון אייַער גיין!
הייבט זיך אוף און קלייַבט זיך אוף, איר
קינדער פון דעם טאָג,
ווער עס לאכט זיך אויס פון נאכט און פון איר
מאטערנדן פלאָג,
ווער עס וועקט, און ווער עס פרעגט און ווער
עס שטייט נאָך אפן וועג —
אלע גייט, איניינעם גייט — ווייַל נאָ'נט און
זיכער איז דער ברעג.
אלע פרייַ, דאָס לעבן נייַ, אף אלע מאָל ביז
ווייַטן — ווייַט,
ביז דעם זיג פון לעצטן קריג, פון יונגן הייַנט
ביז גרויסער צייַט.

די דאָזיקע ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער אָדע־סער צייַטונג „קאָמוניסטישע שטים“ פון 2 מארט 1920, דה. אין צוויי מיט א האלבן יאָר ארום נאָך דער אָקטיא־בער־רעוואָליוציע, אין די באַדינגונגען, ווען אין לאנד

[1] ייִצכאָק לוקאָמסקי, געדרוקט אין דער האָמליער צייַטונג „קאָמוניסטישער וועג“ נומ. 133 פון 1921.

האָט געפלאַקערט א פארביטערטער קריג, ווען דאָס אלטע איז געווען רויִנירט און דאָס נײַע האָט זיך נאָך ניט אײַנגעפונדעוועט, ווען סאָנים זײַנען געווען זייער פיל און אפילע צווישן די אָרעמע שיכטן האָבן זיך געטראָפן אויך וואַקלענדיקע. מיט דעם דערקלערט זיך סאַקע, וואָס אין דער „זון־ליד" לייענען מיר אויף וועגן שמאַרץ און ווייטעק, די דיכטערן רופט צו גיין אינײנעם אלע „ווער עס וועקט, און ווער ער פרעגט און ווער עס שטייט נאָך אפן וועג". דער דאָמינירנדיקער טאָן אָבער פון דער ליד איז דער גרויסער אָפּטימיזם פון דער נײַער צײַט.

ווי געזאָגט, איז אין די ווערק פון די יונגע סאָוועטישע פּאָעטן פארהיט געוואָרן דער קאמפּס־גײַסט פון די פאָרגייער. די הויפּט־ריכטונג פון זייער פּאָליטישער ליד איז נאָך ווײַטער פאָרגעזעצט געוואָרן. „וויקלט פאנאנדער די פאָנען די רויטע"... — האָט גערופן מאָריס ווינטשעווסקי. אין אן ארבעטער־פאָלקסליד האָט געקלונגען דער זעלבער מאָטיוו:

טראָגט ארויס די הייליקע פאָן
פון איר פינצטערן געצעלט[1].

און אָט ווי־אזוי די דיכטערן מירקע אין איר ליד „צום ערשטן מײַ" שרײַבט אין סאָוועטישע באדינגונגען אף דער זעלבער טעמע:

שפּרײַזט שטאָלץ! קאָפּ — הויך און די פאָן אין דרויסן,
די פאָן, וואָס זי פלאַקערט אין שלאַכט, —
טרעט שפּילנד און ווילנד צום ציל צו דעם גרויסן,
וואָס שנײַדט זיך ארויס פון דער נאַכט...[2]

די שטימונג פון מירקעס ליד אונטערשיידט זיך סײַ פון ווינטשעווסקיס פּאָעזיע, סײַ פון די פאָלקסלידער, מע זעט אָבער אין איר די ווירקונג פון ביידע. אין די שטורמישע קלאסן־שלאַכטן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די אקטועל־פּאָליטישע ליד געהאַט א גוואַלדיקע ווירקונג אף די מאסן, איר נאַטירלעך־פּראָסטער סטיל, די וועקנדיקע און רופנדיקע אינטאָנאַציע האָבן זי געמאַכט לײַכט אויפנעמבאר, און ניט אומזיסט האָבן די קאָמוניסטישע צײַטונגען, ניט קוקנדיק אפן דויכעק אין פּלאַץ, גערן געדרוקט אזעלכע לידער.

לייענענדיק די צײַטונגען פון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף מוישע קולבאַקס אן אומבאַוווסטער ליד „צום בריסקער שאָלעם", וואָס איז געווען פארעפנטלעכט אין זשורנאַל „קולטור און בילדונג" נומ. 8 פאַרן 1918 יאָר.

קולבאַק האָט איינער פון די ערשטע זיך אָפּגערופן אף דעם פרידלעכן אקט פון דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק. ווענדנדיק זיך צום רעוואָליוציאָנערן רוסלאנד, האָט דער דיכטער געשריבן:

„א ריז א פארבלוטיקטער טראָגט אונדז אצינד
זײַנע גילדענע לוכעס!..
איין־איינציקע רוסלאנד, דו ליכטיקער וועג פון באפרײַונג.
זאָל פאלן אף גרויע רוינען דײַן שטראַלנדע זון פון באנײַונג!

[1] „יידישע פאָלקסלידער", מאָסקווע, 1940, ז. 362.
[2] אָדעסער צײַטונג „קאָמוניסטישע שטים", פון 1 מײַ 1920.

א ריז א פארבלוטיקטער טראָגט אונדז אצינד
זײַנע גילדענע לוכעס!..

גרויס איז פאר אונדזער יידישער דיכטונג די ווערט פון אזא ליד, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ערשטן עקזיסטענץ־יאָר פון דער סאָוועטנמאכט.

מיר ברענגען דאָ אויך אן אומבאוווסטע ליד פון מ. שאפּיראָ, וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער מאָסקווער צײַטונג „דער אמת" דעם 11 נאָיאַבער 1918. די ליד איז געווענדט צום ארבעטער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט מיטן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע באפרײַט פון אונטערדריקונג. שאפּיראָ זאָגט אים אָן די גרויסע בסורע, אז „עס ליגן צעטראָטן די גיפטיקע שלאַנגען", אז עס שטייט אוף פאר דעם ארבעטער א ליכטיקע צוקונפט, „א באשטראַלטער פרימאָרגן". דער אווטאָר רופט צו זײַן אומבעראכמאָנעסדיק צו די סאָנים פון דער רעוואָליוציע. מיט אינטערעס לייענען מיר איצט אָט דעם מוסטער פון פּאָליטישער ליריק — דאָס געזאַנג פון א זיגער, וואָס האָט אָקאָרשט באנומען די גאנצע ווערט פון זײַן זיג, די היסטאָרישע ראָליע פון זײַנע דעראָבערונגען. אָט איז זי, מ. שאפּיראָס ליד „צום פּראָלעטאַריער":

צי זעסטו, מײַן פרײַנט, ווי עס שטראַלן די אויגן?
צי פילסטו דעם פלאַקער, וואָס שפּילט אין די בלוטן?
מע האָט דיר זײַט דוירעס דײַן רוקן געבויגן,
זײַט יאָרן מע האָט דיר געסאַמט די מינוטן.
דאָך איצטער, זײַ וויסן, איז אלעס פארגאַנגען!
עס ליגן צעטראָטן די גיפטיקע שלאַנגען.
אויב שווארץ איז דײַן האַנט פון דער ארבעט דער שווערער
און בלײַך דײַן געזיכט פון די אייביקע זאָרגן —
איז ווייס, אז דײַן הימל ווערט קלערער און קלערער,
עס שאפט זיך פאר דיר א באשטראַלטער פרימאָרגן,
וואָס וועט דיך פארוויגן אין פרײַהײַטס־געזאַנגען...
עס ליגן צעטראָטן די גיפטיקע שלאַנגען!
לעש אויס אין דײַן הארץ די ראַכמאָנעס־געפילן
פאר די, וואָס דערוואַרטן דײַן וועלקן און פאַלן...
שמיד אויס זיך פון אײַזן אן אייביקן ווילן
און, שטאָלץ ווי די דורכזיכטיק־גאָלדענע שטראַלן,
דערקלער זיי דײַן שטרעבן און דײַנע פארלאַנגען...
עס ליגן צעטראָטן די גיפטיקע שלאַנגען!

דאָס איז א ליד פון א דיכטער, וואָס איז טיף פארגלייבט אין דעם זיג פון דער רעוואָליוציע. סײַ מיטן אינהאלט, סײַ מיט דער פאָרם האָבן אזעלכע ווערק באוויזן, ווי פרוכטבאר עס איז געווען אין די רעוואָליוציאָנערע שטורעם־טעג די ווירקונג פון דער רוסישער פּאָעזיע אף די שעפער פון דער יידישער קאמפּס־ליד.

די יונגע סאָוועטנמאכט האָט זיך גענייטיקט ניט נאָר אין אנערקענונג, נאָר אויך אין אקטיווער אונטערשטיצונג. דאָס האָבן ערלעך געטאָן די פּאָעטן פון יענער צײַט, די גרעסטע געפאַר פאר דער סאָוועטנמאכט איז דאַן געווען דער באוואָפנטער ווידערשטאנד, וואָס עס האָבן געשטעלט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע קויכעס. און כאָטש עס איז אָנגענומען, אז „בעשאַס מילכאָמע שווײַגן די מוזעס", איז געשען פארקערט: די מוזעס האָבן מעסירעסנעפעשדיק געקעמפט קעגן סוינע. „דער סוינע בא די טויערן!" — האָט מיט גרויס אומרו געוואָרנט דער דיכ־

טער־פּאַטריאָט אָשער שוואַרצמאַן און גערופן: „אַפּגיק צום פערד, די האַנט שטאָל אָן...“

אין דער אָדעסער צײַטונג „קאָמוניסטישע שטים“ איז אין אַפּרעל 1920 פאַרעפנטלעכט געוואָרן די קאַמפס־ליד פון דער אונדז שוין באַקאַנטער פּאָעטעסע מירקע:

מ׳קלאַפּט אין די פּויקן. פאַרלאָזן די היימען
די פרויען און קינדער, די שוועסטער און ברידער.
גייט מוטיק אַרויס קעגן לעצטן געהיימען
און אָפענעם סוינע — מיט וואָפן און לידער!

קלאַפּט אין די פּויקן! וואָס ווײַטער און ווײַטער,
קיין טראָט ניט צוריק און קיין שאָטן פון זאָרגן!
דער קריג איז אַ זיג פאַרן העלדישן שטרײַטער,
דאָס פירט אים אַרײַן אין דעם ליכטיקן מאָרגן!

דאָ זעען מיר אַ דירעקטע ווירקונג פון אָשער שוואַרצמאַנס „די שוואַרצע מוטער־נאַכט“. עס נעמט מאַמעש אַרום אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס דער קאַמפס־רוף פון ייִדישע דיכטער איז געקומען אין דעם מאָמענט, ווען דאָס סאָוועטן־לאַנד האָט אַמערסטן געניייטיקט זיך אין אים.

דעם 28 אַפּרעל 1919 האָבן זיך אין דער מינסקער „קאָמוניסטישער שטימע“ געדרוקט אַליאַרמירנדיקע אויפרופן: „צום געווער!“ „אַלע צו דער ביקס און — אויפן פראָנט!“ און מיט דרײַ טעג שפּעטער, דעם 1 מײַ, איז אין דער זעלבער צײַטונג פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ליד פון איינעם, וואָס האָט זיך געכאַסמעט „ד.־ני“. די ליד הייסט טאַקע „דער ערשטער מײַ“.

טראָט אין טראָט, טראָט אין טראָט
טרעטן רויטע ריטער.
ס׳איז דער סוינע הינטער שטאָט,
דאַרף מען טרײַע היטער.
דאַרף מען היינט פאַר די פײַנט
אונדזער מאַכט באַווײַזן.
ערשטער מײַ בליצט און שײַנט,
ווי דער שטאָל און אײַזן.
וויי צו דעם, וואָס ט׳זיך הײַנט
קעגן אונדז פאַרמעסטן,
זאָלן ציטערן די פײַנט
פאַר דעם מײַ דעם ערשטן.
זאָלן ענגער, טראָט נאָך טראָט,
טרעטן רויטע ריטער.
ס׳איז דער סוינע הינטער שטאָט,
דאַרף מען טרײַע היטער.

עס קומט אויפן זינען די פּאַראַלעל: „דער סוינע הינטער שטאָט“ און „דער סוינע בײַ די טויערן“. ס׳איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז אָשער שוואַרצמאַנס ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט 19 טעג שפּעטער, דעם 20 מײַ 1919.

אין דער ייִדישער פּאָעזיע ציט די מאַרש־ליד די ליניע פון די דעמאָנסטראַציע־מאַרשן, וועלכע עס האָבן געשאַפן די עלטערע פּראָלעטאַרישע דיכטער און די אַנאָנימע אויטאָרן פון דער פאָלקסליד, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, בעשאַס בירגערקריג, האָט די מאַרשמעלאָדיע געהאַט דעם ציל צו באַזינגען די רויטע אַרמיי, באַווײַזן איר גרויסע אידעאָלאָגישע הויכקײַט, די ריינקײַט פון אירע מאָראַלישע פּרינציפּן, די דערהויבנקײַט פון אירע צילן און די העלדנמוטיקײַט פון איר קאַמף. פאַרהיטנדיק אין זיך די מונטערקײַט פון אַמאָליקע דעמאָנסטראַציע־מאַרשן, האָט זי אָבער באַקומען אַ ספּעציפישקײַט פון דער צײַט, — זי איז געוואָרן אַ קריגס־מאַרש. ניט בלויז צו דעמאָנסטראַציעס האָט זי גערופן, נאָר צום געווער.

אָט איז די רויטאַרמייִשע קאַמפס־ליד פון ד.—ני.

מאַרשירן מיר הײַנט טראָט אין טראָט,
ווי ס׳זאָגט אונדז דער רויטער געבאָט —
די פרײַהײַט איז אונדזער באַגער,
דער גלויבן איז אונדזער געווער!

דער סוינע — ער קריצט מיט די ציין,
ער מיינט, אונדזער מאַכט איז קליין,
נאָר גרויס איז שוין אונדזער פאַרדינסט
נ׳דער רויטער אַרמייִשער דינסט.

מיר בעטן בײַ קיינעם קיין זאַך,
דער פײַנט מעג זײַן שטאַרק אָדער שוואַך,
פאַר אונדז איז דאָס איצטער אַלצײנס,
מיר ווייסן איצינד נאָר פון איינס.

מיר ווייסן, אַז אונדז נאָר געהערט
דער הימל, די זון און די ערד,
און ס׳וועט אונדזער רויטע אַרמיי
ניט טיילן דאָס וועלט־גוטס אויף צוויי.

מעג קריצן מיט ציינער דער פײַנט —
מיר זײַנען די שטאַרקערע הײַנט,
ווײַל פרײַהײַט איז אונדזער באַגער
און גלויבן אין אונדזער געווער.

מיר וועלן דאָ ברענגען אויך אַ צווייטע רויטאַרמייִשע ליד, וואָס איז געכאַסמעט מיט די בוכשטאַבן א.ס. מיר נעמען זיך ניט אונטער צו אורטיילן, וואָס פאַר אַ פּאָעט עס האָט זיך „באַהאַלטן“ אונטער די דאָזיקע בוכשטאַבן. די ליד אָבער אַן און פאַר זיך האָט די ווערט, זי זאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

בעסער טויט אין קאַמף פאַר רעכט,
איידער לעבן, ווי אַ קנעכט...
רויטע העלדן! מאַרש פאָרויס!
אײַער מאַכט איז פעסט און גרויס!
איר וועט ברענגען מענטשן נוץ,
פריד און פרייד און אַלדאָס גוטס.
זאָלן ציטערן די פײַנט:
זייער יאָם־האַדין איז הײַנט,
זייער הערשאַפט איז אַוועק,
זייער צײַט פון פּײַן און שרעק...
פּראָלעטאַריער, אייניק זײַט
און מיט קאַמף די וועלט באַפרײַט!
נידער מיטן ווײַסן קריג!
לעבן זאָל דער רויטער זיג!

די דאָזיקע ליד טראָגט מיט זיך אַ גרויסע עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג. מע זעט גלײַך, אַז עס האָט זי אָנגעשריבן אַ געניטע האַנט. און ווער ווייסט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ווער פון די באַוווּסטע פּאָעטן האָבן געדרוקט זייערע ווערק אונטער די פּסעוודאָנימען מירקע, פּאַלמע, ד.—ני, א.ס. אאַ.?

ווען עס זאָל זיך אַפילו אַרויסווײַזן, אַז די אַלע אויטאָרן האָבן מער ניט געשריבן און זײַנען געבליבן ווייניק באַוווּסט, האָבן זיי דאָך רעכט אַרײַנצוגיין אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג.

די היסטאָרישע פאַרדינסטן פון די אויבן דערמאָנטע פּאָעטן זײַנען געווען גרויס. דערמאָנענדיק וועגן זיי, דערפילן מיר אונדזער כויוו.

יעכעזקל דאָברושין

1953—1882

אין צוזאמענהאנג מיטן 80־טן געבורטסטאָג פון יעכעזקל דאָברושין, איינעם פון די ערשטע גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, ברענגען מיר אויסצוגן פון צוויי ווייניק־באוווּסטע ארטיקלען, וואָס י. דאָברושין האָט פארעפנטלעכט אין די יאָרן 1922 און 1925. די געדאנקען, וואָס דער קריטיקער זאָגט ארויס, קלינגען אקטועל אויך אין אונדזער צײַט.

י. דאָברושינס ליטעראריש־געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט איז ענג פארבונדן מיטן ערשטן נאָכאָקטיאבערישן דאָר ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. ער דרוקט א גרויסע צאָל ארטיקלען, מאָנאָגראפיעס וועגן זײַנע מיטצײַטלער און וועגן די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור, באגעגנט ווארעם צענדליקער נײַע טאלאנטן, ווײַזט זיי דעם ריכטיקן וועג צום ברייטן לייענער.

א קאָרבן פון רעכילעס אין דער צײַט פון פערזאָנען־קולט, איז יעכעזקל דאָברושין געווען אומגעזעצלעך רעפרעסירט. נאָכן טויט איז ער רעאבילעטירט געוואָרן. ביז דעם לעצטן טאָג פון זײַן לעבן האָט י. דאָברושין ניט פארלוירן זײַן אופריכטיקע ליבע צו אונדזער סאָציִאליסטישן היימלאנד.

אונדזער ליטעראַטור

די ליטעראטור, וואָס איז געווען ביז אהער א נאציִאָנאלע, דארף ווערן אן אינטערנאציִאָנאלע.

(געטע. ערקמאנס שריפטן).

נאָר אונטער פעלדזן, הער איך, רינט און ריזלט פריש א שטראָם.

(אָ. שווארצמאן).

די פולשטענדיקע פאָליטישע פולמאכט פון די ייִדישע ארבעטס־קויכעס אין רוסלאנד, דער פארענדערטער לעבנס־אינהאלט מוז אויך פארענדערן דעם טויכן פון דער ייִדישער קולטור, מוז אויך פארענדערן דעם טאָך פונעם ייִדישן שיינעם וואָרט. פאר דער ייִדישער ליטעראטור שטייען איצט אנדערע אופגאבן אין צוזאמענהאנג מיטן לעגאמרע פאראנדערשטן לעבן.

דער ארבעטער־געדאנק, וואָס ליגט פון איצטערט אָן אין יעסאָד פון יעדער שאפונגס־טאט, הייבט אָן פארווירקלעכן דאָס אינטערנאציִאָנאלע וועלט־באוווּסטזײַן און דערמיט גופע באשטעטיקט ער דעם אבסאָליוטן ווערט פון יעדער נאציִאָנאלער קולטור.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אין רוסלאנד האָט ווונדערלעך צעשמעטערט די קייטן פון דער דוירעסדיקער ייִדישער בלאָקירטער אויסקומעניש. דער ייִדישער „גאָלעס־צושטאנד" האָט זיך איצט אָקאָרשט אף אונדזערע אויגן אינגאנצן און מיט אלעמען פארענדיקט. און ווי אמאָל, בייס געטע האָט, ארומקוקנדיק זיך אפן פארשוווּנדענעם מיטלאלטער, פארשטאנען, אז די אייראָפּעיִשע ליטעראטור מוז און וועט אָנהייבן פארווירקלעכן איר אינטערנאציִאָנאלן מעהוס, — דארף און מוז די ייִדישע ליטעראטור אויך ארויס איצט פון איר אָרגאנישן ביז אהער „איינווייניק" און אריבערטראָגן איר קינסטלעריש באוווּסטזײַן אף יענעם צענטראלן פינטל, ווו ס'גייען זיך צונויף די לעבנס־שטראלן פונעם אינטערנאציִאָנאלן אויסקומעניש, ווײַל פון אָט דעם צענטראלן פינטל וועט פון איצטערט אָן שוין שעפן זײַן יעניקע דאָס באפרײַטע וועלט־באוווּסטזײַן פון דעם ייִדישן נײַגײַסט.

פאר דער ייִדישער ליטעראטור דארף „דאָס נאציִאָנאלע" ווערן אויס סוביעקט, ס'דארף ווערן אן אָביעקט. די פראָבלעם, די אָביעקטיווע וועלט־פראָבלעם, וועט מעמיילע ווערן דעמלט דער טאָך און דער טויכן פון דער ייִדישער ליטעראטור, ווײַל מעמיילע וועט די ייִדישע ליטעראטור ארײַנגיין אין גרויסן קרײַז פון וועלט־אינטערעסן און מיט די שוין אָנגעוואקסענע אויסדרוק־מיטלען פון נײַעם ייִדישן וואָרט־מאטעריאל באשאפן דאָס קינסטלערישע בוך פון דער טקופע.

און נאָך.

דער שעפערישער מענטשן־געדאנק גייט אפן וועג פון פארווירקלעכן דעם סאָציִאליזם. סאָציִאליזם — ס'איז וויסנשאפט, ס'איז די באוווּסטזיניקע אָרגאניזירונג פון די נאטור־קרעפטן, דאָס מאטעריאליזירן, אזוי צו זאָגן, פון דער לעבנס־ענערגיע. און די קינסטלערישע ליטעראטור פון דער סאָציִאליסטישער וועלט־אופבויונג דארף, ווי די סקולפּטור, האקן אירע וואָרט־ווערטן פון פארטיקע, דורכן געזעלשאפטלעכן באוווּסטזײַן אָרגאניזירטע לעבנס־

פלאַסטן. דער שרײַבער דאַרף אופהערן באַשרײַבן, ער דאַרף אָנהייבן בויען, און, ווי יעדער בויער, מוז ער געניי באַקאַנט זײַן מיטן דורכויס מאַטעריאַליזירטן לעבן, מיטן אַרופגעבראַכטן אפן אויבן־אוף וועלט־שטאָף, וועלכן ער, דער מײַסטער, מוז קאָנען קינסטלעריש באַהערשן.

דאָס קאָנסטרוקטיווע, דאָס בויערישע — ס׳איז דער סטיל און כאַראַקטער פון דער צײַט, ס׳איז די קינסטלערישע נײַס, דער כידעש פון דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט, וואָס הייבט זיך אָן שמידן אף אונדזערע אויגן.

און אָנשטאָט דער אינטים־מישפּאָכעדיקער טעגלעכקײַט פון דעם ביזאַהעריקן בירגערלעכן שטייגער מיטן שטיל־לעבן פון דער שטימונגס־דיכטונג, אָנשטאָט דעם פאַרכאָלעמטן סטיליזירטן אײַנדרוק מוז קומען די אופגערודערטע עקספּרעסיווע שורע, מוז קומען די פולע און בונטע אויסדריקלעכקײַט פון אימפּעטיקן שלאָג־וואָרט, וואָס דאַרף מוירעד זײַן אין אַלטע רויִקע געבאָטן און טראָגן אין זיך דעם בויעריש־ראַשיקן קויעך פון דער אַרבעטס־געזעלשאַפטלעכקײַט.

אָנשטאָט דער שרײַבערישער פּערזענלעכקײַט, וואָס וויקלט פאַנאַנדער אינטראָספּעקטיוו דעם קנויל פון בלויזע נעשאָמעדיקע „וואָס געהערט—וואָס געזען״־איבערלעבונגען, דאַרף קומען דער שרײַבער, וואָס אַרבעט איבער אָביעקטיווע קעגנשטאַנדן. דער שרײַבער, וואָס באַהעפט די אויסגעכעזשבנטע וועלט־דערפאַרונג מיט דיכטערישע זעונגען, סינטעזירנדיק אף אַזאַ אויפן דעם סייכל מיטן געפיל, אָדער אַנדערש געזאָגט: די ניכטערע ערודיציע מיט דער טרוימערישער אינטויִציע.

איז אָט. דער יִדישער שרײַבער דאַרף אויך פון איצטערט אָן זײַן ניט נאָר קיין שעפער, נאָר אויך אַ בויער...

(זשורנאַל „שטראָם״ נומ. 1, 1922)

די נײַע ליד

מיר מעגן, מיר קאָנען, מיר דאַרפן און מוזן שוין ריידן וועגן דער נײַער ליד...

דער יִדישער אויסלאַנד, און ביפראַט „אויסנלאַנד״, האָט שוין לאַנג אָפגעטרייסלט זיך פון אונדזער „אָפגעשמאַדטן״, „רוסיפיצירטן״ דיכטער־דאָר. די אַלע, וואָס האָבן ניט באַנומען דעם טיפן איבערבראָך, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונדזער וואָרוואָרט־שטייגער, די אַלע, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אף די „נאַציִאָנאַל־קלאַסישע״ וועגן פון אונדזערע ליטעראַרישע אָוועס און זײַנען דעריבער ניט אָנגעקומען צום נײַעם אינטערנאַציִאָנאַלן באָדן, וועלכן ס׳האָט באַטראָטן אונדזער קונסט־ווערק, — די אַלע זײַנען ניט ביעכוילעס טויפעס זײַן דעם באַשײַמפּערלעכן פאַקט פון אונדזער ליטעראַרישן איבערבוי.

אונדזער ליד האָט דאָך ניט בלויז געביטן די טעמע, דעם טעמאַטישן מעהוס פון איר שורע, אונדזער ליד האָט, דעריקער, געביטן איר ווענדפּונקט, אָנגעצילט איר שאַפונגס־בליק אף די נײַע לעבנס־ און שטימונגס־פּראָצעסן, אף די נײַ־באַלויכטענע לעבנס־וועגן, וואָס די גרויסע רוסלענדישע רעוואָליוציע האָט אָנגעצייכנט פאַר אַלעמענס ווײַטזעערישע אויגן.

ס׳איז ערשטנס. און צווייטנס, וואָס שטאַמט פונעם ערשטן: אונדזער ליד האָט פאַרשטאַרקט און פאַרצעמענטירט איר וואָרט־מאַטעריאַל, געשאַפן לעבעדיקע פאָרמען פאַר אָט דעם נײַעם לעבנס־טויכן. אונדזער דיכטונג, וואָס האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די נײַע, דורך דער רעוואָליוציע אנטפּלעקטע לעבנס־שעטעכן, האָט באַשאַפן דעם נײַעם אַנטשפּרעכנדיקן ווערטער־לעוווש, באַשאַפן די איצטערדיקע בויעריש־אויסגעכעזשבנטע מאָס און וואָג פון דער שורע, די שטײַפלײַביקע פאַרפורעמטקײַט פונעם געדאַנק, מיט איין וואָרט — ס׳זײַנען בא אונדז אויסגעוואַקסן דאָס, וואָס מאַכט דיכטונג פאַר דיכטונג, ס׳זײַנען בא אונדז אויסגעוואַקסן פאָרמען...

אָט דאָ אין דעם פלאַך פון בוילעטער פאָרם, וואָס נעמט אַרום אַזוי שטײַף דעם אינהאַלט, אין דעם זעלטן־האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון דיביידע אויסגעשפּראָכענע בא אונדז עלעמענטן ליגט אין אַלגעמיין די דערהייבונג, די האַשלאָמע פון אונדזער פּערזן־קולטור. ס׳מוז דאָך פאַרצייכנט ווערן, אַז אין אַ צײַט אַזאַ, ווען אַרום האָט געהערשט אַ פאַרפּלייצעניש פונעם אפן אויבן־אוף אַרופגעבראַכטן, אָנגעזאָפּטן, רעוואָליוציִאָנער־רעדנערישן וואָרט־שטאָף..., האָט אונדזער ליד גראָד דאָ אינעם אופגעברויזטן לאַנד ניט געבוירן קיין איין ליידיקגייערישע שורע, ניט באַשאַפן קיין איין שרײַענדיק־מעליצעדיקן פּלאַקאַט־מוסטער. קליין צי גרויס, מער צי ווייניקער באַדײַטונגספול — אָבער אונדזער יִדישע פּערזן־וועלט האָט גראָד אין רוסלאַנד אַ קערעווע געטאָן צום בעצימצעמדיקן קאַרגן און זאַכלעכן וואָרט־אינהאַלט, צום קליינעם קאַמעס, אָבער שטײַפן אף איר שטייגער איבערגעלעבטן אייכעס.

(זאַמלבוך „נײַערד״ נומ. 1, 1925)

אוורָאם ביק

געבוירן אין 1913 אין שטעטל קאַמאַרין, מינסקער גובערניע. אין 1927 אויסגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע. פון 1936 וווינט אין אַמעריקע.

בערגעלסאָנס צוויי אַמעריקאַנער דערציילונגען

אין דעם גרויסן וואָרט־געמעל בא דאַוויד בערגעלסאָנען, איידער ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַן אָפּגאַנג־מעלאָדיע און מיט דעם „שטומען פּראָטעסט פון א וועלט“, זײַנען דאָ צוויי דערציילונגען וועגן „הויכשטאָקיקן ניו־יאָרק“, אין וועלכע עס אנטפּלעקט זיך די סאָציִאַלע אַט־מאָספער אין אַמעריקע, די בורזשואזע אומגעבונג מיט איר אומעט און אויסדריקלעכער קלאַסן־פאַרשאַרפטקײַט. די דערציילונגען הייסן „דזשיראַ־דזשיראַ“ און „אַלט־וואַרג“.

„דזשיראַ־דזשיראַ“ איז עפּשער געווען בערגעלסאָנס ערשטער פּרוּוו צו שטעלן א קינד אין צענטער פון זײַנעם א ווערק. דאָס איז א וווּנדערלעכע דערציילונג, פול מיט בערגעלסאָנישער סטיל־אָריגינעלקײַט, וואָס ברענגט ארויס די פאַרדאַרבנקײַט פון אַן אָרדענונג, אין וועלכער ס׳איז אַלמעכטיק דער אָפּגאָט פון שטאָל און שטיין און עס ווערט ראַכמאָנעסלאָז דערשטיקט דאָס מינדסטע טראָפּנדל זוניקײַט, די פּאַשעטע „פּרימיטיווע“ שיינקײַט.

דזשיראַ־דזשיראַ (איר עמעסער נאָמען איז טערעזע, אָבער דער צונאָמען, מיט וועלכן די הויף־שכיינים האָבן זי געקרוינט, פּאַסט ביז גאָר צו איר „מאַדאָנעדיק־וואַקסן פּנעמל“) איז א טובערקוליאָז־קראַנק מיידעלע פון דער איטאַליענישער שווייץ. זי לעבט אין ניו־יאָרקער געהענעם־ראַש אונטער דער ברוטאַלער בײַטש פון דער קאַפּיטאַליסטישער טיראַניע. דזשיראַ־דזשיראַ איז אייגנטלעך ניט קיין קינד. אומאָפּהענגיק פונעם עלטער, איז זי איינע פון דעם שרײַבערס גרונט־פּערסאָנאַזשן, וואָס זאָגן ארויס דעם „שטומען פּראָטעסט“ קעגן טרויעריקן און שווערן לעבן פונעם אָרעמען ארבעטס־מענטש אין דער אַטמאָספער, ווו דער איינציקער גאָט איז די גאָלדענע קאַלב און די איינציקע רעכט — דאָס רעכט פון דאָלער.

דאָס קינדערשע אין דעם מיידעלע איז בלויז איר לויטער געזאַנג אין טומל פונעם ריזיקן טרויעריקן קראַך, אירע איטאַליעניש־דאָרפישע לידעלעך.

אין זײַן ארײַנפיר צו בערגעלסאָנס באַנד „אויסגעוויילטע ווערק“ (מאָסקווע, גאָסליטיזדאַט, 1961) שרײַבט ה. רעמעניק, אַז בא בערגעלסאָנען „פילט אויס דער פּייזאַזש די פונקציע פון סאָציִאַלער סימבאָליזאַציע“... זײַן „פּייזאַזש איז א דערשײַנונג פון הויכער קינסטלערישער מײַסטערשאַפט“... זײַנע „נאַטור־בילדער אַנטשפּרעכן פולשטענדיק דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד און די שטימונגען פון די פּערסאָנאַזשן“. אויך אין דער דערציילונג וועגן דעם קראַנקן האַלב־הונגעריקן מיידעלע, וואָס קוקט מיט אַלטע אויגן אין טהאָם פון דער סדאָמיקער שטאָט, דאָמינירט דער פּייזאַזש:

„אין טערעזעס הויף — א הויף פון א קליינעם הויז צווישן דער דריטער עוועניו און לעקסינגטאָן — קוקן ארײַן גאָלדענע קופּאָלן פון הימלקראַצערס, וואָס זײַנען פאַנאַנדערגעוואָרפן אף רעכטס און אף לינקס. די קופּאָלן — גלייבט טערעזע — זײַנען צוגעגאַנוועט בא גאָט! גאָט, ווייסט זי, האָט שטענדיק ליב געהאַט צו וווינען אונטער א גאָלדענעם קופּאָל.

— ווער וווינט אונטער די קופּאָלן? — זי פאַרײַסט איר קעפּל און קוקט:

— עפּשער וווינען דאָרט יענע, וואָס האָבן די קופּאָלן צוגעגאַנוועט?

טערעזע טראַכט וועגן זיי:

— גאַנאָווים פראַנק־און־פרײַ... אַמעריקאַנער — זיי האָבן קיין מוירע ניט — ניט פאַר גאָט און ניט פאַר טפּיסע.

פון זייער הייך זײַטלען זיך די גאָלדענע קופּאָלן אף טערעזען מיט זייערע אייבערשטע גאָרן־פענצטער, פענצטער, דורך וועלכע קיינער וועט קיינמאָל טערעזען ניט דערזען“.

„אין הויף, אין א קליינעם געוועזענעם גראַזש, וואַלגערט זיך אַפן צעמענטענעם דיל א ברייט געלעגער: עס ווערט קיינמאָל ניט צוגעקליבן. פליי שפּרינגען פונעם קויטיקן קישן אַפן גראָבן געלאַטעטן לײַלעך. א קליינע גאַז־פּליטקע טונקלט און זשאַווערט אקעגן אין א ווינקל — דאָרט איז טערעזעס היים.

ניו־יאָרק איז גרויס.

טערעזע איז קליין“.

די מערסטע ניו־יאָרקער פּייזאזשן, וואָס בערגעלסאָן מאָלט, זײַנען אויסערגעוויינלעך טיפּיש פאר דער סיטואציע אין ווערק, פאר דער לאגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די פּערסאָנאזשן. עס קומט פון דער טרעפלעכער בילדלעכקײַט, וואָס גיט איבער דאָס לעבן ניט דורך אבסטראקציע, נאָר דורך דער קאָנקרעטקײַט. מיר האָבן דאָ, ווי אף א מאָלערישן לײַוונט, די סטרוקטור פונעם קאפּיטאליסטישן קראך. מיר דערזעען, ווי אף דער וואָר, דעם באקאנטן פּייזאזש: „שטאָלענע באלקעס, וואָס ערגעץ אף די דרײַסיקער און פערציקער גאָרנס, פארגייען זיך אין גראגעריי, ווי קינדער אין קאָקליוש", „געהילך פון ווײַטע באנען, וואָס לויפן אונטער דער ערד", „געמינעוועטע טיפענישן רײַסן זיך פון דינאמיט" — און איבער אלץ לויערט דער שווערער אומעט, פון וועלכן מען קאָן זיך ניט באפרײַען. „דאָס אלץ ארט אײַך ניט — זאָגט טערעזעס פאָטער צום שאָכן, — נאָר... טאָמער טוט דאָס קינד דאָרט א זונג"...

עס איז שווער צו זײַן פריילעך אין דער קאפּיטאליסטישער גרויסשטאָט. דאָס איז די אונטערשטע שורע פון דעם קינסטלערס באאָבאכטונגען. אָבער דער קינסטלער איז ניט קיין פּעסימיסט. זײַן קריטיק טראָגט אין זיך דעם פּאָזיטיוון קויעך פון דעמאסקירונג און קאמף.

שילדערנדיק די וועלט פון אונטערדריקונג, האָט בערגעלסאָן אין זײַן פּאריסאָוועטישן פּעריאָד נאָך ניט געזען אַנשוילעך און קלאָר דעם איינציקן סאָציאַלן רעטונגסוועג. דערזען אָט דעם וועג האָט ער אין דעם פּעריאָד, ווען ער איז אריבער פון דעם ביין־האשמאָשעס פון „פארטונקלטע צײַטן" צו דער „שײַן פון דער נײַער עפּאָכע", ווען ער האָט געשטעלט זײַן טראָט אין דער נײַער ווירקלעכקײַט, ווען זײַן הויפּט־מאָטיוו איז געוואָרן דער פארגלײַך צווישן די מענטשלעכע באציִונגען אין דער וועלט פון קאפּיטאל און אין סאָוועטישן לאנד.

צו אָט דעם פּעריאָד אין בערגעלסאָנס שאפן געהער די דערציילונג „אלטווארג". דער אלטער גרייוויס, וואָס איז פון רוסלאנד אוועק צו זײַנע קינדער אין אמעריקע, האָט נאָכדעם כאראָטע. אין זײַן לעבן רײַסט זיך ארײַן א נײַער ווינט. בענקענדיק נאָך זײַן היימלאנד, קומט ער צום אויספיר, אז „וואָס־וואָס, בענעגייע צו די מידעס, וואָס צווישן איין מענטשן און צווייטן, איז די וועלט אופגעריכט געוואָרן".

יאָ, אין דעם לעבן פונעם אלטן גרייוויס רײַסט זיך ארײַן א שטארקער ווינט. „מוישע גרייוויס האָט זיך א שאָקל געגעבן, געטאָן א זיפץ און האָט זיך פארטראכט וועגן ווינט און וועגן רוסלאנד, ווי אין פּאָסעק שטיים: דער גרויסער ווינט, וואָסווארפט פאנאנדער בערג און קערט איבער פעלדזן"...

די נײַע אינהאלטלעכע און פאָרמעלע ווערטן פון דער סאָוועטישער צײַט האָבן בערגעלסאָנען געמאכט פאר דעם גרויסן מײַסטער פון דער יידישער פּראָזע.

אן אייגנאַרטיקער דיכטער

(וועגן מענדל ליפּשיצעס שאפונג)

1

ווען מיר באקענען זיך מיט ליפּשיצעס פּריִע לידער־זאמלונגען — „מיט הייסן טראָט", „יונגע יאָרן" (ארויסגעגעבן אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן), זעען מיר, אז אָט דער דעמלט נאָך יונגער דיכטער איז געווען מאמעש באצויבערט פון דער ראָמאנטיק פונעם בירגערקריג און פון די ערשטע פּינפּיאָרן. עמעס, אין זײַנע ראָמאנטישע שילדערונגען באגעגענען מיר ניט אזעלכע אויסטערלישע היפּערבאָלעס, ווי, לעמאָשל, בא מארקישן, וועלכער מאָלט דעם זיגרײַכן מארש פון די רויטע קעמפער מיט סימבאָליש־ריטאָרישע מיטלען. און דאָך פילט זיך, אז מארקיש האָט דעמלט געהאט ניט קיין קליינע האשפּאָע אף ליפּשיצן. אָט איז א בײַשפּיל: אין איינער פון זײַנע לידער שרײַבט מארקיש וועגן די רויטארמייער:

ברויט ניט ברויט און שוך ניט קיין שוך,
נאָר געגערט זיך מיט האס.

און אויך בא ליפּשיצן טרעפן מיר אזא פארגלײַך:

ניט קיין שיך, ניט קיין געקעכטס,
און אפּדערנאכט די ערד צוקאָפּנס.

(„מיט הייסן טראָט", ז. 27).

מוסטערן פון מארקישעס סטיל באגעגענען מיר אָפט אין דערמאָנטן ביכעלע „מיט הייסן טראָט". אָט איז, לעמאָשל, אן עפּיזאָד, ווען אין קיִעוו צעפלאקערט זיך א שלאכט צווישן די באָלשעוויקעס און די ווײַסגווארדייער:

און טויבונג אין דער לופט צעהאנגען
האָבן בלײַ־שיטערס אָן א צאָל.
אלציינס ווי הונדערט דרעשלקעס די זאנגען
זאַלן א דרעש טאָן מיטאמאָל.
און אָט אין ווײַט א ווונדער־שטראָם
מיט ווײַסע ציין האָט פרי צעביסן,
אין פלאם ארײַן,
אין העפקער־שײַן
א ווילדער פערד האָט זיך צעהירזשעט.

(ז. 18).

נאָר ליפּשיץ איז גאנץ גיך בײַגעקומען זײַנע כאטאס נעורים (יוגנט־זינד). וואָס ווײַטער האָט ער אלץ מערער געזוכט און געפונען אן אייגענעם גאנג, ביז ער איז געוואָרן איינער פון אונדזערע אייגנארטיקע קינסטלער.

ליפּשיצעס עכטע מײַסטערשאפט האָט זיך אין א באדײַטנדיקער מאָס אנטפּלעקט אין זײַן „פּאָעמע וועגן די בארסן", אָט דער רעאליסטישער שילדערונג פון דער האָרעפּאשנער מישפּאָכע, פון וועלכער דער דיכטער שטאמט.

דעם אויבנאָן אין אָט דער פּאָעמע פֿאַרנעמט דאָס ווײַסרוסישע דאָרף נעסטאַנאָוויטשי אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אין אַ הויך־קינסטלע־רישער פֿאָרם באַווײַזט דער דיכטער דעם קלאַסן־געראַנגל צווישן די באַלעגופֿים און די אָרעמפּויערים. די הויפּט־שטריכן פֿון אָט דעם היסטאָרישן מאָמענט זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פֿאַרן ווײַסרוסישן דאָרף, נאָר אויך פֿאַר די דערפֿער פֿון די צענטראַלע רוסלענדישע גובערניעס, פֿון אוקראַיִנע און פֿיל אַנדערע געגנטן און קאַנטן.

אין דער פּאָעמע פֿאַרנעמען אַ באַדײַטנדיקן פּלאַץ די סטראָפֿעס, ווו דער דיכטער דערציילט וועגן זיך אַליין, וועגן דעם, וויאַזוי עס איז אינעם גאַנג פֿון די היסטאָרישע פּאַסירונגען געוואַקסן זײַן באַוווּסטזײַן, דער דראַנג צו זײַן איינער פֿון די העלדן, וואָס קעמפֿן פֿאַר אַ נײַער וועלט־אָרדענונג.

ס'איז גוט אַזוי פֿאַר זיך אַליין ניט זאָרגן,
נאָר פֿאַר דער וועלט — אָן אָנהייב, אָן אַ סאָף.

דער אַווטאָר דערציילט ווײַטער, ווער עס האָט אים באַגײַסטערט, ווער האָט אינספּירירט זײַן געזאַנג וועגן דער רעוואָליוציע:

פֿון לעניִנס מוט און פֿון מײַן טאַטנס ווייען
געוואָרן איז מיר נייטיק דאָס געזאַנג.

שטאַרק זײַנען די בילדער, ווו עס ווערט באַוויזן דער דאָרפֿישער רעוואָליוציאָנער, דער אָרעמער פּויער מאַקאַר. מאַקאַרס מישפּאָכע שרעקט זיך פֿאַר זײַן גרייטקײַט זיך מאַקריוו זײַן פֿאַר דער רעוואָליוציע:

פֿאַר גאָר דער וועלט ביסטו גרייט אין פֿלאַם
און פֿײַער,
נאָר ביסט אַ מאַן דאָך און אַ טאַטע אויך...

נאָר מאַקאַר הערט זיך ניט צו צו אָט די טײַנעס:

ווער ס'איז פֿאַר לעניִנען, פֿאַר פֿרייד און פֿרידן,
פֿאַר גליק פֿון פֿעלקער, שטייט ניט אָן אַ זײַט.
דער אַרבעטער און פּויער זײַנען ברידער,
און גיין צוזאַמען גייען זיי אין שטרײַט.

אין דער פּאָעמע שימערירן דורך, ווי בליצן, כאַראַק־טעריסטישע פֿאַר יענער צײַט בילדער פֿונעם לעבן פֿון אַ קינדער־קאָמונע, עס ווערט אויך באַוויזן דער קאַמף קעגן כיידער אַאַוו.

די „פּאָעמע וועגן באַרסן" פֿאַרכאַפּט מיט איר רעוואָ־ליוציאָנערן אימפּעט, מיטן דראַמאַטיזם פֿון די סאָציִאַלע געפֿעכטן, מיטן ענטוזיִאַזם, וואָס עס דערוועקט בײַ די מאַסן לעניִנס רוף צו טאַט, ווי אויך מיט די באַטראַכטונ־גען און מיט דער לירישער הישטאַפּכעס־האַנעפּעש פֿונעם דיכטער גופֿע, מיט דער פֿאָלקסטימלעכקײַט פֿון דער שפּראַך.

2

אין די מילכאָמע־יאָרן איז ליפּשיץ צוזאַמען מיט אַלע־מען אויסגעשטאַנען שווערע אויספּרוּוון. דאָך האָט קע־סיידער געברויזט אין אים דער אָפּטימיזם פֿון יוגנט:

אַבי נאָר דאָס קוועלעכל זאָל אין אונדז זשומען,
אַבי נאָר ס'זאָל בלײַבן דער יִינגלשער ברען,
די אַלטקײַט, אויב זי וועט באַגעגענען אונדז קומען,
איז וועט זי צעגיין דאַן, ווי שניי אונטער ברעם.

(„איבער טויזנטער ווערסטן", ז. 48).

און ווײַטער, אין דער ליד „צו מײַן ליבער":

איך פֿיל — מיר ווערן עלטער,
נאָר אונדזער יוגנט מיט איר שווונג
וועט אין מײַן ליד פֿאַרבלײַבן יונג,
ס'וועט אונדזער יוגנט ניט פֿאַרוועלקן.

(ז. 51).

ווו איז דער קוואַל, וואָס פֿילט אָן דעם דיכטער מיט מוט, וואָס העלפֿט אים גוויוער זײַן די לאַסט פֿון די יאָרן? דער קוואַל איז אין דעם קאַמף פֿאַר אַ גליקלעכער און גערעכטער צוקונפֿט.

און זי איז איצט אַליין צו מיר געקומען —
די אומשטערבלעכע יוגנט, שאַרף און קלוג,
מיט מוט פֿון קאַמף, היסלײַוועס פֿון קאָמונע,
מיט ווענד אין ווײַט און הייסן וואָרט „קאָמיוג".

(„פּאָעמע וועגן די באַרסן").

אין ליפּשיצעס האַרצן וויברירן שטענדיק זינגענדיקע סטרונעס. אַלץ אין אים זינגט און אַלץ אַרום זינגט. זײַן אויער נעמט אויף אין דער נאַטור קלאַנגען, וואָס אַ גע־ווײנלעכער מענטש וועט זיך נאָר מעשײַער זײַן, אַז זיי זײַנען בעניִמצע. אין דער לידער־זאַמלונג „מיט אַלעמען צוזאַמען" גייט אַרײַן די ליד „שנייעלעך":

שנייעלעך, — שנייען, שטילע פֿרײַנט,
איר פֿאַלט אַף דער ערד, ווי צאַרטע קלאַנגען.

זאַנגען אין פֿעלד צערטלען אונדזער אויג מיט זייער שטאַלטנעקײַט, גאָלדפֿאַרביקײַט. ווען זיי שאָקלען זיך, דוכט זיך אונדז, אַז דאָס ווינקען זיי, רופֿן אונדז; מענ־דעלע מויכער־ספֿאָרים וואָלט געזאָגט: זיי שאָקלען זיך — דאָס דאַוונען זיי. אָבער ליפּשיצעס געהער כאַפּט פֿריִער פֿאַר אַלץ אויף זייער פֿריידיקע מוזיק.

עס זינגען די זאַנגען — וואַקסן מיר ווילן
זאַפּטיק און רוי.

ליפּשיצן שטעלט זיך פֿאָר, אַז דער האַמער בײַם שלאָסער אין האַנט קלאַפּט ניט, — ער זינגט.
מענטשן פֿירט מען צום שיסן, און דער דיכטער הערט זייער זינגען:

נאָר צווישן אירע פּראָסטע זין
זײַנען געווען אַזוינע יונגען,
וואָס האָבן אויסגעלאַכט דעם אורטייל
און גייענדיק צום טויט, געזונגען.

מיר ווייסן וועגן אויגן שמייכלענדיקע, אויגן טרויערי־קע, אויגן שטראַלנדיקע, אויגן אויסגעלאָשענע. און בײַ ליפּשיצן ווילן אויגן זינגען:

אין לייבעס אויגן ווערן ברייט
די שוואַרצאַפּלען און ווילן זינגען.

(„יונגע יאָרן", ז. 52).

דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס אַ סאַך לידער ליפּשיצעס זײַנען באַגלייט מיט אַן אויפֿשריפֿט: אַ ליד צום זינגען.

3

האַגאַם ליפּשיץ איז ביז הײַנט אַ זינגער פֿון פֿרילינג, פֿון יוגנט, פֿון אויפֿבוי, אָטעמען אָבער זײַנע לידער מיט שטאַרקער בענקשאַפֿט. זי, די בענקשאַפֿט, איז געוואָרן דער צענטראַלער אַקאָרד פֿון זײַנע לידער, פֿון איר קאָן זיך זײַן דיכטונג ניט באַפֿרײַען.

פאראן בא אים א ליד „מיט פרײַנט". דער דיכטער געפינט זיך אין א פרײַנטלעכער סוויווע פון אוזבעקן. ס׳איז געמיטלעך, מען איז אים מעכאבעד, ווי א געוווּנטשענעם גאסט. אָבער די בענקשאפט גיט אים א שניט דאָס האַרץ:

אָ, ברידער, זײַט וויסן: מײַן האַרץ איז צעריסן
פון בענקשאפט אהין, נאָכן היימישן קאנט.

(„איבער טויזנטער ווערסטן", ז. 30).

מיר פארשטייען גוט דעם דיכטער, ווען מיר לייענען די שורעס:

ווײַסרוסלאַנד, היים!
איך קען א פולע טײַכן,
כ׳האָב געזען ברויזנדיקע יאמען,
נאָר ביז מײַן אויג וועט לײַכטן —
בענקען כ׳וועל נאָך צווייען:
נאָך דיר און נאָך דער מאמען...

(ז. 29).

דער דיכטער וויל פּאָטער ווערן פון אָט דעם שטענדיקן עלעגישן טאָן, ער בעט זיך:

זינג מיר אויס די גרויסע פרייד,
פון גליק כ׳זאָל קאָנען וויינען,
א קוק טאָן זאָל פארשטומטערהייט
מײַן ווי — און מער ניט מאָנען...

(„נײַע לידער", ז. 62).

ער פרעגט בא זיך אליין:

פונוואנען קומט צו מיר די ווי?
דער רועך זאָל מיך נעמען!

ניט נאָר פון שווערע זיכרוינעס ווייטעקט דעם דיכטערס האַרץ. אפילע אין די צארטע געפילן צו א פרוי, מיט וועלכע ס׳איז אזוי רײַך ליפשיצעס ליריק, רײַסט זיך אָפּט ארײַן אָט דאָס געפיל, און די זון-וועוורוּקלעך ווערן דערטרונקען אין געדיכטע וואָלקנס. מע דאַרף אָבער זאָגן, אז דער דיכטער פאלט פון די ליידן אין קיין ייִעש ניט ארײַן:

זאָל זײַן, אז ווונדן ברענען הייס,
זאָל זײַן — ס׳איז גרויס פון ווי דאָס פײַער,
נאָר פון דער האַנט, וואָס פרייט און טרייסט,
איז אופנעמען די לייד אויך טײַער.

4

ליפשיץ באהערשט גוט דעם זשאַנער פון אפאָריזמען, וואָס אנטפּלעקן זייער טרעפלעך דעם דיכטערס וועלט-עמפינדונג:

ווען איך זאָל אייביק גליוער זײַן,
כ׳וואָלט אייביקײַט פארביטן אָף איין רעגע
פון לייד, פון פײַן און פון געזאנג,
פון שלאכט און אומרוען אנטקעגן.

מיט אָט דעם געדאנק רופט זיך איבער דער אפאָריזם אינעם ביכעלע „יונגע יאָרן":

פון פעטן טוי עס וואקסן ביימער,
דיכטער וואקסן פון געשלעג.

פאראן בא ליפשיצן אפאָריזמען, וואָס געפינען זיך אָף דער הייך פון ערנסטן פילאָסאָפישן דענקען, צו אזעלכע באלאנגט זײַן באטראכטונג פון צײַט:

דער צײַט מיר וועלן עפענען די טירן,
ווײַל זי אליין איז שטענדיק אָדער בלינד,
אָדער אמווייניקסטן אזא מין קינד,
וואָס מ׳לאָזט אליין ניט גיין, מע מוז עס פירן.

(„פּאָעמע וועגן די באַרסן").

אינעם כאָר פון די סאָוועטישע דיכטער, וועלכע האָבן באזונגען דאָס ווידערגעבורט פון אונדזער לאנד נאָכן גרויסן מילכאָמע-כורבן, האָט ליפשיצעס שטים אלע מאָל געקלונגען מונטער און האָפערדיק.

א מוסטער פון עכטער פאָעטישער זעונג איז זײַן ליד — „א קינד שטייט אוף":

און דאָ, ווו ס׳איז פארבליבן בלויז
דאָס גרויע אש און ציגל ברוינע,
באווײַזט זיך שפּאָגל-נײַ א הויז
פון קרעפטיקע סאָסנאָווע ביימער.
און דאָ, ווו ס׳פּעלט נאָך אויס א טיר,
א פענצטער ניט באוויזן שטעלן, —
א קינד שטייט אוף פון אלע פיר,
און זײַנע אויגן זיך צעקוועלן.

(„איבער טויזנטער ווערסטן", ז. 102).

ביכלאַל פארנעמען קינדער א היפשן פלאץ אין ליפשיצעס דיכטונג.

„דריי זיך, דריי, מײַן רעדעלע,
דריי זיך גיך, מײַן דריידעלע" —
האָט געזונגען בערעלע,
האָט געזונגען איידעלע.

(„נײַע לידער", ז. 31).

און ווײַטער מאָלט דעם דיכטערס פאנטאזיע, ווי די קינדער זײַנען גרויס געוואָרן און „אין וועגן אין פארשיידענע צעשפרייט זיך און צעפאָרן". אים געפעלט די זויבערקײַט פון דער קינדער-נעשאָמע. דער אינטערעס צו דער קינדער-טעמע איז בא ליפשיצן נאטירלעך, מאַכמעס זײַן דיכטונג איז אָף דורך און דורך אנגעזאפּט מיט הומאניזם, מיט ליבע צום מענטשן. אין איינער פון זײַנע לידער שרײַבט ער: „אזויפיל ליבע, ווי א קינד, איז וועמען נאָך באשערט צו האָבן?"

זייער א שטארקן אײַנדרוק לאָזט איבער די ליד „צו א קינד" („איבער טויזנטער ווערסטן", ז. 32), אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן א יאָסעמל, וועמען דער דיכטער האָט געשענקט אן עפּל. אין אָט דער רעגע טראכט דער דיכטער וועגן דעם קינדס טאטן און וועגן זײַנע אייגענע קינדער:

אין ווײַטן, ווו דײַן פאָטער איז אצינדער,
ווו אין פעלדער גייט א הייסע שלאכט,
כ׳האָב א פרוי און כ׳האָב דאָרט אויכעט קינדער
און ס׳קאָן זײַן, אז דאָרטן, אין א נאכט,
אונטער שײַן פון פײַער-בראַנד,
ווו קוילן פײַפן, באָמבעס יאָגן,
דײַן פאָטער האָט פון סוינעס האַנט
מײַן קינד געראַטעוועט אין הייסן האָגל...

5

צום שלוס ווילן מיר ווענדן די אופמערקזאמקײַט פונעם דיכטער אָף אייניקע ווענטלעכע כעסרוינעס אין זײַן שאַפונג. ערשטנס, דער ערנסטער מאנגל אין סוזשעטישע

לידער. עס טרעפט נאָך אזוי, אז אינעם אָנהייב ליד נעמט זיך וועבן א דערמאָנונג, א סוזשעט, ווי, צום בײַשפּיל, אין דער ליד „אייגנס", אָבער אין די ווײַטערדיקע פערזן רײַסט זיך איבער אָט דאָס געוועב. דערפון ווערט די ליד נעפּלהאפט, אומקלאָר, עס פארלירט זיך די קאָמפּאָזיציאָנעלע פארגאנצטקײַט.

מיר געפינען בא ליפשיצן ניט ווייניק לידער וועגן רויטגווארדייער, רויטארמייער, בויער, קאָלווירטניקעס אא. אָבער אין זיי איז ניט צו געפינען קימאט קיין איין בוילעט געשטאלט. אין דער „פּאָעמע וועגן די בארסן" פארבלײַבן אין אונדזער זיקאָרן א פּאָר פערזאָנען, ווי דער באלעגוף אָסטאפּ, דער ליגנער און שאכער־מאכער נאָטע, אָבער אזא וויכטיקער פערסאָנאזש, ווי שלוימע בארס, אָט דער פאָרשטייער פון די באָלשעוויקעס אינעם דאָרף נעסטאנאָוויטשי, שוועבט דורך ווי א שאָטן. מיר באקומען אויך ניט קיין קאָנקרעטע פאָרשטעלונג וועגן שלוימעס קאמפּס־כאוואַר טיט, דעם זון פונעם נעסטאנאָוויטשער לערער, וועגן דאנילען און מאקארן.

מ. ליפשיץ האָט אין זײַנע לידער עטלעכע מאָל באריִרט דאָס לענין־געשטאלט, אָבער ער האָט עס געמאָלט צו אויבן־אויפיק. געציילטע שורעס אין דער ליד „לענין לעבט מיט אונדז" לאָזן איבער א געפיל פון ניט באפרידיקטקײַט:

נאָר ס'איז דאָך יענע גאס — כ'דערקען זי —
ניט קיין אש, נאָר שלאנקער שטיין,
און לענין שמייכלט פון דער בראָנזע.

צו ווייניק זאָגט דעם לייענער אויך דער פערז:

וועט מען דערציילן,
וועט מען דאָ דערמאָנען:
דאָס האָט ער פון סמאָלני
אין צוקונפט אויסגעשטרעקט די האנט.
(זאמלונג „לידער", ז. 14).

דאָס זײַנען, אין פלוג, ניט מער ווי אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע לאָזן נאָך זיך קיין שפור ניט.

ווייניק דורכגעטראכטע שטעלן געפינען מיר אין ליפשיצעס לידער א היפש ביסל. עס נעמט זיך פון נאכלעסיקײַט. פון איין זײַט, איז ליפשיצעס דיכטונג רײַך מיט אפאָריזמען, מיט בילדערישקײַט פון גאָר א הויכן גראד. אָבער, פון דער צווייטער זײַט, טרעפן מיר בא אים אומגעלומפּערטע, לעגאמרע פארטונקלטע שורעס.

און ווו דו שטעלסט א טראָט, איז ניט געטראָטן,
און ווו דו קומסט, איז קיינער ניט געווען,
און ס'איז דײַן וועלט אין זון, דײַן זון — אין
שאָטן —
צינד אָן די דאָמנע און טונק אײַן די פען...

ניט בלויז א דורכשניטלעכער לייענער, נאָר אפילע א הויך־קוואליפיצירטער וועט דאָ ניט פארשטיין, וואָס דער דיכטער מיינט.

עס פרייט, וואָס מ. ליפשיץ איז אין פראט פון אויסנוצן סלאוויזמען לאכלוטן ניט לײַכטזיניק. די סלאוויזמען זײַנען בא אים שטענדיק אָרגאניש ארײַנגעפלאָכטן אינעם זאץ. ווען דער באלעגוף אָסטאפּ, לעמאָשל, ווענדט זיך צו די אָרעמפּויערים בעשאסן מיטינג און טוט א זאָג מיט איראָניע: „בא האָליטבא איז ווען געווען די מאכט?", איז עס אויסגעצייכנט: עס טוט א בליץ דער נאציאָנאלער קאָלאָריט. צי ווען ליפשיץ רופט אָן די דאָרפס־געמיינדע „הראָמאדע", — איז דאָס דאָזיקע וואָרט אָנגעמאָסטן. אָפּט אָבער באנוצט דער דיכטער ווולגאריזמען, ער פארקריפלט אייניקע העברעיִשע ווערטער, וואָס ווערן באנוצט אין ייִדיש. אין איינעם פון זײַנע ערשטע ביכלעך טרעפן מיר אזא מאָדנע וואָרטבילדונג ווי „קעלכער" (אָנשטאָט קוילעס). אן עמעסער ווולגאריזם אין דאָס וואָרט „ראָצכעס". אין העברעיִש זאָגט מען „רעציכע", אָבער ניט „ראָצכעס".

מענדל ליפשיץ געפינט זיך איצט אין סאמע בלי פון זײַנע שעפערישע קויכעס. איינער פון די אמערסטן טאלענטירטע פּאָעטן, דארף ער נאָך מער זיך פארבינדן מיט דער הײַנטצײַטיקער טעמע און שטארקן אין זיך דאָס געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן לייענער.

יעשוע ליובאָמירסקי.

עליע שעכטמאן און זײַן ראָמאן

1

אין 1930 איז דערשינען עליע שעכטמאנס ערשטע זאמלונג דערציילונגען „אפן שיידוועג", וואָס האָט אים גלײַך אוועקגעשטעלט אין דער ריי פון די אָנגעזעענע שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פראָזע.

פאר עליע שעכטמאנען אלס קינסטלער איז כאראקטעריסטיש פריִער פאר אלץ דאָס קענען ווײַזן די הויפּטמאגיסטראלן פונעם לעבן. זײַטיקע פארוואָרפענע שטעגלעך פארנעמען ניט קיין אָרט אין זײַן שאפן. עס אינטערעסירט אים ניט די פעריפעריע, נאָר דער צענטער; ניט דאָס צופעליקע, נאָר דאָס געזעצמעסיקע, כאראקטעריסטישע. און ווי קאָמפּליצירט עס זאָל ניט זײַן די דערשײַנונג, ווי שווער עס זאָל ניט זײַן דער וועג צום עמעס, שרעקט דאָס ניט אָפּ דעם קינסטלער. „אפן שיידוועג" און דער שפּעטערדיקער ראָמאן „פאראקערטע מעזשעס" האָבן באוויזן שעכטמאנס פּרינציפּיעלקײַט, זײַן שטאנדהאפטיקע אידייִשע באציִונג צום לעבן. שעכטמאנען איז פרעמד קאָניונקטורישע צופּאסלערײַ, דעקלאראטיווע אויבערפלעכלעכקײַט, ס'איז אים פרעמד דאָס לײַכטע און לײַכטזיניקע שוועבן איבערן אויבערפלאך פון די לעבנס־

דערשײַנונגען. דאָס אַלץ האָט באַזונדערס בוילעט זיך אַנטפּלעקט איצט אין דעם נײַעם ראָמאַן „ערעוו“ (סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1—5 פון 1962).

דער אידייִשער אינהאַלט פונעם ראָמאַן „ערעוו“, זײַן סאָציִאַלער, פּסיכאָלאָגישער און שטייגערישער מאַטעריאַל, די פאַרשיידנאַרטיקע געשטאַלטן און פיגורן — דאָס אַלץ גיט די מעגלעכקײַט צו באַטראַכטן שעכטמאַנס ראָמאַן ווי אַן אָנהייב פון אַן עפּאָפּיי, ווי אַ ברייט עפּיש לײַוונט פון אַ באַדײַטנדיקן מאַסשטאַב. די קינסטלערישע קראַפט פונעם אַוטאָר פילט זיך אין דער רײַכקײַט און רײַפקײַט פון די געשילדערטע בילדער, אין דער פאַראַלגעמיינערונג און אינדיווידואַליזירונג פון די געשטאַלטן, אין דער זיכערקײַט פון אַנטוויקלען דעם סוזשעט, אין דער דראַמאַטישער און טראַגישער שפּאַנונג פון די קאָנפליקטן, ווי אויך אין דער באַדײַטנדיקער מײַסטערשאַפט פון פּייזאַזש און „מוסקולאַטור פון סטיל“ — אין שפּראַך־געוועב, וואָרט־פאָרמירונג און וואָרט־קליידונג פון דער גאַנצער שילדערונג.

די טראַדיציִאָנעלע אַרענע פון דער ייִדישער ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע איז געווען דאָס שטעטל און טײלווײַז די שטאָט. שעכטמאַן אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ נײַע אַרענע און נײַע כאַראַקטערן און טיפּן — דאָס דאָרף און דעם ייִדישן יישוווניק, דעם ווײַניק באַקאַנטן שטייגער און סאָציִאַלן געבוי פון דער אײַנגעפונדעוועטער ייִדישער מישפּאָכע אינעם אוקראַיִנישן דאָרף.

עס קאָן זיך דוכטן, אַז דער שרײַבער האָט געהאַט פאַר זיך אַ ציל צו פאַנאַנדערוויקלען אַ קינסטלערישע כראָניק פון אַזאַ מין מישפּאָכע. אין ראָמאַן ווערט געשילדערט די לעבנס־כראָניק פון דער מישפּאָכע באָיאַר, אירע ווײַטע היסטאָרישע גענעטישע ליניעס, וואָס ציִען זיך, לויט דער איראָנישער אַסאָציִאַציע, אַזש ביז צו מוישע ראַביינו, אַפילע שיר ניט ביז אַווראָם אָווינו. נאָר דער דאָזיקער „דרײַצנטער שיוועט“ ווערט געמאָלט אין מאָמענט פון דעגראַדאַציע און פאַנאַנדערפאַל אין סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט. ווען דער אַוטאָר זאָל זיך אַפילע באַגרענעצן מיט אַזעלכע פאַרשמעלערטע ראַמען פון אַ מישפּאָכע־כראָניק, וואָלט דער ראָמאַן סײַווי פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ באַדײַטנדיקן אינטערעס. אָבער שוין איצט, נאָך ניט קיין פאַרענדיקטער, איז ער אַריבערגעוואַקסן אָט דעם זשאַנער. אין „ערעוו“ רעדט זיך נאָך ניט וועגן דער רעוואָליוציע, וועגן פּאָליטישע געשעענישן, וועגן קאַמף, דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס. נאָר די אַטמאָספער און דער אָטעם פון דער רעוואָליוציע פילט זיך אין די געשילדערטע געשעענישן. און דאָס ווערט וואָס ווײַטער אַלץ בוילעטער דער צענטער און דער גרונט פון דעם ווערק. די פּאַרשוינען ווערן אַרויסגעשטויסן פונעם שמאָלן קרײַז פון שטייגערישע קאָנפליקטן און ווערן, אָפטמאָל אַפילע קעגן זייער אייגענעם ווילן, אַרײַנגעצויגן אין די סאָציִאַל־היסטאָרישע צוזאַמענשטויסן פון דער עפּאָכע.

2

שוין די עקספּאָזיציע פונעם ראָמאַן „ערעוו“ דאַרף אָנצילן דעם לייענער ניט אויף רויִקע שטייגער־קאָליזיעס און וואָכעדיק־גרויע שטייגער־קאָנפליקטן און סיטואַציעס. באַלד פון אָנהייב ווערן מיר אַרײַנגעצויגן אין סאָציִאַל־פּאָליטישע אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן באַגלייט דעם אָנקום פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָליוציע: די רוסיש־יאַפּאַנישע מילכאָמע און די פּאָגראָמען. אַ סאָלדאַט גייט פון דער מילכאָמע און אויפן שוועל פון דער שטוב טרעפט ער אַ געקוילעטע זײַן שוועסטער, צו וועלכער ער איז געקומען צוגאַסט. אין שײַן פון אָט די געשעענישן הייבן זיך אָן פאַרבינדן די סוזשעטישע קנופּן, וואָס דאַרפן קינסטלעריש באַשטעטיקן דעם שאַרפן בראָך פונעם אַלטן סיידער. די ווײַטערדיקע שילדערונג, די געשיכטע פון דער מישפּאָכע באָיאַר און איר אומקום, איז אינערלעך דורכויס פאַרבונדן מיט די דאָזיקע געשעענישן.

די מישפּאָכע באָיאַר איז די פאַרקערפּערונג פון אַ סאָציִאַלן שיכט, וואָס גייט דורך דעם פּראָצעס פון צעפאַלונג, פון סאָציִאַלער און פּאָליטישער דיפערענציִאַציע. דערווײַל פיגורירן אויפן ערשטן פּלאַן די העלדן, וואָס טראָגן מיט זיך שטאַרקע סימפּטאָמען פון אינערלעכער דעגראַדאַציע און איבערגעבוירט. שעכטמאַן פירט אַרויס אין זײַן ראָמאַן פולבלוטיקע טיפּן און געשטאַלטן. זײַנע פּאַרשוינען זײַנען נײַע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זיי זײַנען אייגנאַרטיק טיפּיזירט און אינדיווידואַליזירט יעדערער מיט זײַן פּסיכאָלאָגיע, מיט זײַנע גענג, מיט זײַן לאָשן. גאַווריִעל, ייִצכאָק, דאַניִעל, אַווראָם, נעכע, די מומע ליבע, איווע, מאַלקע, שיפרע — יעדערער פון זיי האָט אין זיך דאָס כאַראַקטעריסטישע פונעם „דרײַצנטן שיוועט“, פון דער מישפּאָכע באָיאַר; און אין דער זעלבער צײַט איז יעדערער פון זיי אַ באַזונדערע וועלט און האָט זיך זײַן לעבנס־וועג און זײַן גוירל. די דעגראַדאַציע איז אָרגאַניש כאַראַקטעריסטיש פאַר די מיטגלידער פון דער מישפּאָכע באָיאַר און פאַר די אַלע, וואָס זײַנען מיט זיי פאַרבונדן, לעמאָשל פאַר דער בורזשואַזער מישפּאָכע לאַנדע, וועלכע איז שוין אינגאַנצן אַ פּראָדוקט פון דער הײַנטצײַטיקער קאַפּיטאַליסטישער פאָרמאַציע. דערפאַר זײַנען אַזוי אָפט אין ראָמאַן די טויטן פון די העלדן. עס שטאַרבט דאַניִעל, עס שיסט זיך אַוונער, זיי גייען אַוועק פון דער וועלט, ווײַל זיי זײַנען שוין איבעריק, זיי האָבן ניט קיין אָרט אין לעבן.

נאָר דער צעפאַלונג־פּראָצעס פונעם אַלטן סאָציִאַלן סיידער דריקט זיך אויס ניט בלויז אין דעם, וואָס עס קומען אום געוויסע פּערסאָנאַזשן. די געבליבענע האָבן שוין אויך קיין אָרט ניט אין לעבן. וווּהין וועט זיך אַהינטאָן איווע, וואָס מע האָט זי פאַרקויפט דעם רײַכן דעגענעראַט אַלעקסאַנדער לאַנדע און אַזויאַרום צעבראָכן אירע ליבע־געפילן צו דאַניִעלן? אויב זי וועט בלײַבן לעבן, וועט איר וועג זי פירן אין לאַגער פון דער רעוואָליוציע, ווײַל זי איז פול מיט פּראָטעסט און צאָרן קעגן דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זי געמאַכט פאַר אַ קאָרבן פון גווירישן כײַישן געשלעכט־אינסטינקט. און שיפרע? — זי איז נאָך איוועץ דער צווייטער קאָרבן פונעם זעלבן דעגענעראַט אַלעקסאַנדער לאַנדע — וווּהין וועט זי גיין?!

באַנאַנד דערמיט ווערן געשילדערט יענע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די רעזערוון פון דער רעוואָליוציע. זיי זײַנען דער „אונטערשטער עטאַזש“ פון דער מישפּאָכע באָיאַר, די אָרעמע קרויווים, די באַליידיקטע, די סאָציִאַלע שפּליטערס, וואָס וועלן ענדגילטיק אויפרײַסן דאָס געבײַ פון דעם אַלטן בורזשואַזן רעזשים. אַווראָם און דאָבציע, זכאַריע, שמאַריע און די מומע ליבע — אָט די אַלע פאָרשטייער פון דער אָרעמשאַפט זײַנען נאָך דערווײַל פּאַסיוו, זיי געפינען זיך נאָך אויף אַ גאָר נידעריקן שטאַפּל פון סאָציִאַלן באַוווסטזײַן. נאָר דאָס געפיל פון באַליידיקונג און פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג און

אומגערעכטיקייט זאמלט זיך אין זייער הארצן און וואקסט, ביז עס וועט דערגרייכן צו אן אופרייס, ביז עס וועט אויסברעכן א קאטאסטראָפע.

3

האגאם אפן פאָדערגרונט פונעם ראָמאן „ערעוו“ ווערן ארויסגעפירט פארשוינען, וואָס זײַנען ווײַט פון דער רעוואָליוציע, פילט זיך דאָך לויטן גאנג פון די געשעענישן, אז די דאָזיקע פארשוינען וועלן אזוי אָדער אנדערש אָפּטרעטן זייער אָרט פאר די, וואָס געפינען זיך איצט אין הינטערגרונט און שטעלן מיט זיך פאָר אין דער אָדער יענער מאָס די קאדרען פון דער רעוואָליוציע. באזונדערס האָבן מיר דאָ אין זינען דאָס געשטאלט פון כיירוס.

איך ווייס ניט, צי גיט דער אווטאָר צו דעם דאָזיקן נאָמען א סימבאָלישע באדײַטונג (כיירוס — חרות — באטײַט אין העברעיִש פרײַהײַט). נאָר פארן לייענער איז סײַווי קלאָר, אז די פונקציע פון אָט דעם געשטאלט איז די סאמע איקערדיקע. אין דער באוועגונג פונעם סוזשעט טרעפן מיר זיך מיט כיירוסן בלויז איין מאָל, דערצו נאָך זעען מיר זי ניט פּאָנעם־על־פּאָנעם, נאָר מיר זײַנען איידעס, ווי איר פאָטער ייִצכאָק באָיאר דערקענט זי פונדערווײַטנס, ווײַל ער ווייסט, אז זי מוז זײַן אין דער פארטיע פארשיקטע קיין סיביר, וואָס טרעפט זיך אים אין וועג. מער זעען מיר ניט כיירוסן אין דעם ראָמאן „ערעוו“.

און דאָך איז די פונקציאָנעלע אָנלאָדונג פון אָט דעם געשטאלט א ביז גאָר באדײַטנדיקע, אויב ניט די באדײַטנדיקסטע. מיט איר נאָמען זײַנען פארבונדן די וויכטיקסטע דראמאטישע געשעענישן, וואָס טראָגן א מער סאָציִאלן און פּאָליטישן כאראקטער. וועגן דעם דערוויסן מיר זיך ניט פון דער דירעקטער באשרײַבונג פון איר לעבן, נאָר פון א ריי אומדירעקטע זײַטיקע רייד וועגן איר מיצאד אנדערע פערסאָנאזשן. כיירוס איז ניטאָ אף דער סצענע, נאָר זי איז פאראן און איז טעטיק. זי איז אייגנטלעך דער שטארקסטער קויעך, וואָס צעטרייסלט די אלטע געבײַדע, דעם אלטן שטייגער פון דער מישפּאָכע באָיאר. מיט איר אקטיווער, שעפערישער רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט רײַסט זי אוף דעם גײַסטיקן און אידעאָלאָגישן באָדן פונעם אלטן רעליגיִעזן, כסידישמיטלאלטערלעכן און נאציִאָנאל־באגרענעצטן שטייגער. זי איז דערווײַל נאָך ניטאָ פאר אונדזערע אויגן. מיר ווייסן נאָך ניט איר בילד, איר פּאָרטרעט; נאָר עס ציִען זיך שוין פון איר פעדעם צו די העלדן, וועלכע מיר זעען יאָ, — צו דאניִעלן, אווראָמען, אקיווען, איוועון, צום דאָקטער איליא איליטש און עפשער נאָך צו אנדערע, וועגן וועלכע מיר וועלן זיך דערוויסן אין די ווײַטערדיקע ביכער פון שעכטמאנס ראָמאן. אויב כיירוסן קאָנען מיר באטראכטן ווי א טיפ פון א פּראָפעסיאָנעלן רעוואָליוציאָנער, פון א פארטיי־טוער, קאָנען מיר א ריי אנדערע פארשוינען באטראכטן ווי די דעמאָקראטיש־געשטימטע יוגנט, וואָס כיירוס איז פאר זיי א מוסטער און אן אידעאל.

כיירוס איז די פאָן פון דער פאָרגעשריטענער יוגנט, דער סימבאָל פון פרײַהײַט און רעוואָליוציע. און דאָס פארשטייען סײַ אירע נאָכפאָלגער, סײַ אירע סאָנים. אינעם פערטן קאפיטל פון צווייטן בוך ווערט געגעבן א שטארקע סצענע פונעם קאמף ארום כיירוסן. ייִצכאָק באָיארן מאכט מען צו שפּאָט און צו שאנד אין בעסמעדרעש, ווען מע דערוויסט זיך, אז ער איז דער פאָטער פון כיירוסן, וואָס איז א „מוירעד־בעמאלכוס“. שטרענג און שוידערלעך קלינגען די ווערטער „אוועארטאָ האַראָ מיקירבעכאָ“ (זאָלסט אויסראָטן דאָס בייז פון צווישן דיר!).

אזוי איז כיירוס, א געשטאלט, וואָס מע זעט ניט, פונקציאָנעל זייער וויכטיק אין „ערעוו“. אָבער, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וועט נאָך באדײַטנדיקער זײַן די קינסטלערישע עמאָציאָנעלע און פונקציאָנעלע אָנלאָדונג פון אָט דעם געשטאלט אין די ווײַטערדיקע ביכער פונעם ראָמאן. כיירוסעס כאראקטער דארף זיך ערשט אנטפלעקן דאָן, ווען עס וועלן זיך צעפלאקערן די פלאמען פון דער רעוואָליוציע. כיירוס איז א סימבאָל פון דער צוקונפט. צי ניט דערפאר עפשער מאָלט דער שרײַבער די באדײַטונגספולע באגעגעניש פון ייִצכאָק באָיארן מיט זײַן טאָכטער כיירוס אין מאָמענט, ווען מען טרײַבט זי קיין סיביר און דער טאטע הייבט אוף איר קינד אף די הענט. זי, די מאמע, די רעוואָליוציאָנערע קעמפערן, באגריסט איר צוקונפט. און, זינגענדיק צוזאמען מיט אלע פארשיקטע די „ווארשאוויאנקע“, איז זי פול מיט זיכערקײַט אין זיג, ווײַל זי זעט פאר זיך איר קינד, דעם נײַעם דאָר, פאר וועלכן זי גיט אָפּ איר לעבן.

מיט דער דאָזיקער סימבאָלישער באגעגעניש שליסט דער אווטאָר די ערשטע צוויי ביכער פון דער עפּאָפּיי. דאָס וואַרפט אן אָפּשײַן אף אלע געשילדערטע געשעענישן און עפנט א ברייטן וועג פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעם סוזשעט.

4

שעכטמאנס קינסטלערישע מײַסטערשאפט אין ראָמאן „ערעוו“ אנטפלעקט זיך פארשיידנארטיק. אין די דאָזיקע לויפיקע באמערקונגען איז אומעגלעך אָנצייכענען אלע מיטלען און מעטאָדן, וואָס פירן דעם שרײַבער צום דערפאָלג. איך וועל דאָ דערמאָנען בלויז אייניקע.

אין ראָמאן זײַנען שטארק די מיטלען פון אופדעקן די פסיכאָלאָגיע פון א פרוי. אויב ניט רעכענען בערגעלסאָנען, ווייס איך ניט, צי מיר האָבן נאָך אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע אזא מײַסטער פון פרויען־פסיכאָלאָגיע, ווי עליע שעכטמאן. די פרויען־געשטאלטן זײַנען בא אים געשילדערט ניט נאָר אויסערלעך, פּאָרטרעטיש. אינערלעכע איבערלעבונגען און געפילן פון דער פרוי ווערן אנטפלעקט סײַ דורך רעפּראָדוצירטע רייד, סײַ דורך באשרײַבן דאָס ארט דענקען און פילן. אין טאָך גענומען, באנוצט זיך שעכטמאן מיטן אינערלעכן מאָנאָלאָג. נאָר דעריקער אנטפלעקט זיך דער כאראקטער פון דער פרוי אין די געשאפענע דראמאטישע קאָליזיעס, צוזאמענשטויסן און קאָנפליקטן. זייער געלונגען איז פון דעם דאָזיקן שטאנדפונקט די סצענע, ווו עס שטויסן זיך צונויף איווע און מאלקע און עס קומט פאָר דאָס לײַדנשאפטלעכע געפעכט פאר זייערע ליבע־רעכט צו דאניִעלן; אזא איז אויך דער ניט ווייניקער געלונגענער שמועס צווישן דער מומע ליבע און איר טאָכטער שיפרע.

אן אנדער שטריך פון שעכטמאנס מײַסטערשאפט איז די נייגונג צו שאפן אָנגעשטרענגטע שפּאנענדיקע סיטואציעס, וואָס מאכן ניט זעלטן א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. מיר וועלן דאָ דערמאָנען די גענויע באשרײַבונג פון צוויי טויטן (דאניִעל, אווגער). אָבער ניט בלויז די באשרײַבונג פון טויט איז כאראקטעריסטיש פאר דער

שפּאנונג און דראמאטישקײַט פון דער געשאפענער סיטואציע. אָפטמאָל קומט די שפּאנונג פון פסיכאָלאָגישע, סאָציִאלע און שטייגערישע לעבנס־קאָנפליקטן. אין אייניקע סצענעס דערמאָנט די אָנגעשטרענגטקײַט און די דראמאטישע שפּאנונג אין שעכטמאנס ראָמאן די שווידערלעכע קאָליזיעס פון דאָסטאָיעווסקיס ווערק.

שעכטמאן איז אויך א באדײַטנדיקער מײַסטער פון דער פײַנער סאטירישער בילדער־מאָלערײַ. אלס בײַשפּיל קאָן מען אָנווײַזן אף די סצענעס פונעם פארהער, וואָס עס פירט דורך דער זשאנדארם־אויספאָרשער, אף די פּרעכטיקע סאטירישע באשרײַבונגען פון „נעמען און געבן“ כאבאר אין קאבינעט באם גענעראל־גובערנאטאָר און אף די מאמעש קלאסישע שילדערונגען פונעם וויזיט פון דער ייִדישער דעלעגאציע צום גענעראל־גובערנאטאָר.

5

אין דעם ראָמאן „ערעוו“ איז פאראן א געוויסער אײַנרײַס צווישן דעם היסטאָרישן און שטייגעריש־פסיכאָלאָגישן מאטעריאל, פון איין זײַט, און דער שפּראכלעך־סטיליסטישער אויספורעמונג פונעם מאטעריאל, פון דער צווייטער זײַט. עס גייט א רייד ניט וועגן דיסהארמאָניע אָדער ווידערשפּרעכלעכקײַט אינעם ווערק אינגאנצן גענומען, נאָר וועגן געוויסע מאנגלען, אידייִשע און סטיליסטישע.

אין די פריִערדיקע באמערקונגען האָב איך שוין גערעדט וועגן דעם נײַעם און אָריגינעלן מאטעריאל, וואָס שעכטמאן ברענגט ארײַן אין אונדזער ליטעראטור, וועגן דעם נײַעם טיפּאזש, וואָס טראָגט מיט זיך נײַע סאָציִאלע פּסיכאָלאָגיע.

אָט דער פּאָזיטיווער מאָמענט פון ווירקלעכער נאָוואטאָרישקײַט קאָן אָבער פארוואנדלט ווערן אין א קעגנזעצלעכער טענדענץ, אויב מע זאָל זיך אָפּגרענעצן בלויז מיט דער געשילדערטער סוויווע, פארגעסנדיק דערבײַ אין מער ברייטערע שיכטן פון די פּאָלקסמאסן, וואָס דארפן זײַן אין צענטער פון יעדער עמעסער היסטאָרישער פּאָלקס־עפּאָפּיי. אָן דעם קאָן דאָס ווערק טראָגן א ניט גענוג פּאָלקסטימלעכן, א געוויסן סעקטאנטישן כאראקטער.

אף וויפל מיר האָבן פאר זיך אין „ערעוו“ א מין עקספּאָזיציע צו נאָך ברייטערע היסטאָרישע לײַוונטן, קאָנען מיר מיט באפרידיקונג זאָגן, אז שעכטמאן האָט אויסגעמיטן די געפאר פון סעקטאנטישער באגרענעצטקײַט. מיר פילן אין ראָמאן דעם אָטעם פון ברייטע פּאָלקסמאסן, און עס אנטפּלעקן זיך פאר אונדז די פּסיכאָלאָגישע אייגנשאפטן פון אייניקע פּאָלקסטיפּן.

באזונדערס דערפרייענדיק איז דאָס, וואָס שעכטמאן באגרענעצט זיך ניט מיט ייִדישן שטייגער, מיט נאציאָנאלער סוויווע. פון די ערשטע זײַטלעך און ביזן סאָף פונעם ראָמאן פילן מיר די ברייטע אטמאָספער פונעם אוקראַיִנישן דאָרף. מיר זעען פאר זיך פּרעכטיקע בילדער פון דער אוקראַיִנישער נאטור, מיר זאפּן אײַן אין זיך די רייכעס און אראָמאטן פון וועלדער, פעלדער און סעדער, מיר הערן די הארציקע קלאנגען פונעם אוקראַיִנישן פּאָלקסליד. טיף רירנדיק איז די סצענע פון אינטערנאציִאָנאלער סאָלידארישקײַט, ווען דער דעמאָקראטישער אינטעליגענט, דער ייִדישער דאָקטער, ראטעוועט דאָס קינד פון דער אָרעמער אוקראַיִנישער פויערטע נאטאלקע, און די אלטע האָרפּינע דאנקט אים אָפּ מיט די ווערטער: „סי באָזשא ליודינא דאָ דנא“.

און דאָפּקע אין דער באשרײַבונג פונעם אוקראַיִנישן פויערטום אנטפּלעקן זיך די רעוואָליוציִאָנערע שטימונגען פון די דאָרפסמאסן, זייער גרייטקײַט און שטרעבונג אָפּצונעמען די ערד בא די פּריצים: „די שכיינים זײַנען געקומען זיך זען מיטן סאָלדאט, געוואָלט געווירע ווערן פון אים, וואָס הערט זיך אף דער גרויסער ווײַסער וועלט. צי האָט ער דאָרט ניט געהערט, צי האָט ער עפּשער שוין געזען, ווו מע טיילט ערגעץ די פּריצישע ערדן?“[1]

אין דער גלענצנדיקער מאסן־סצענע ווערט זייער אויסדריקלעך און לעבעדיק אנטפּלעקט דער צאָרן און פּראָטעסט פונעם פויערטום קעגן דער אימפּעריִאליסטישער מילכאָמע און די האָפענונג פון די מאסן אף דער רעוואָליוציע אלס אויסוועג פון אָרעמקײַט, נויט און אונטערדריקונג. אָט איז א כאראקטעריסטישע רעפּליק פונעם אלטן וואסיל: „— נו, צו וואָס, — פרעגט דער אלטער וואסיל, — דארף איך מאנטשזשוריע? איך דארף האָבן א דרײַ דעסיאטין ערד דאָ... — און ער וויגט זיך אף דעם הילצערנעם פוס, — אָט וועט אינגיכן אָנקומען יענץ פּאפּיר... אָט דעמלט וועלן מיר טרײַבן די פּאנעס. כ׳וועל אראָפּנעמען מײַן הילצערנעם פוס, כ׳וועל אים נעמען אין דער האנט ארײַן, און איבער די קעפּ, און איבער די קעפּ... אָ־טאק, אָ־טאק!“[2]

טיף און ריכטיק איז דאָ געשילדערט די ווירקלעכקײַט. צום באדויערן, קאָנען מיר דאָס ניט זאָגן בענעגייע דער שילדערונג פון די ייִדישע פּאָלקסמאסן. מיר פאָדערן ניט, נאטירלעך, פונעם שרײַבער, ער זאָל אונדז אומבאדינגט מאָלן מאניפעסטאציִעס מיט רויטע פאָנען, רעוואָליוציִאָנערע לידער און באראבאנען־קלאפּערײַ. דאָס וואָלט אוודע פאר יענער סוויווע געווען ניט נאטירלעך, אפילו קאָמיש. מיר ווילן בלויז האָפן, אז אין די ווײַטערדיקע טיילן וועט דער אווטאָר אונדז אנטפּלעקן די שטימונגען און די מאסן־פּסיכאָלאָגיע פון די ייִדישע ארבעטנדיקע. אין די ערשטע צוויי ביכער זײַנען די מאסן־סצענעס און די אנטפּלעקונג פון דער פּאָלקס־פּסיכאָלאָגיע געגעבן יעדנפאלס ניט אין דער מאָס און אין דער פּראָפּאָרץ, ווי מע וואָלט דאָס געקאָנט דערווארטן פון א ברייטן היסטאָרישן לײַוונט.

דערמיט איז פארבונדן אן אנדער פּראָבלעם פונעם ראָמאן — די פּראָבלעם פון שפּראך־סטיל און פּאָלקלאָר. אינעם ראָמאן „ערעוו“ פילט זיך ביכלאל שעכטמאנס שטארקע נייגונג צו מינדלעכער פּאָלקס־שאפונג — צו פּאָלקס־שפּראך, פּאָלקס־לידלעך, פּאָלקס־מײַסעס, ווערטלעך, מאסן־רייד, רעפּליקעס און פּראזעאָלאָגישע אויסדרוקן. דאָס האָבן מיר שוין געזען, ווען מיר האָבן באטראכט די בילדער, ווו עס ווערן, לעמאָשל, באשריבן די אוקראַיִנישע פּאָלקסמאסן. די דאָזיקע טענדענץ איז פאראן אין די צוויי פארעפנטלעכטע ביכער אינגאנצן גענומען.

אף וויפל אָבער, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, די קינסטלערישע שילדערונג איז דערווײַל קאָנצענטרירט דעריקער אף דער מישפּאָכע באָיאר און ווייניקער אף מאסן־האנדלונג און מאסן־פּסיכאָלאָגיע, אף אזויפיל איז אויך דער שפּראך־מאטעריאל, דער וואָרט־אוצער באלאָדן ווייניקער מיט פּאָלקלאָר און מער מיט עטנאָגראפיע. אין

[1] „סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 1 פון 1962, ז. 21.

[2] דאָרט, ז. 22.

ראָמאַן זײַנען פאַראַן גאַנץ שיינע און אינטערעסאַנטע מײַסעס און לעגענדעס וועגן דעם גענעאַלאָגישן ייִכעס, לעמאָשל, פון דער מישפּאָכע באַיאַר. זיי זײַנען פאָלקסטימלעך און עמאָציאָנעל אויסדריקלעך. באַנאַנד דערמיט איז אין ווערק פאַראַן א היפּשע אָנלאָדונג מיט עטנאָגראַפישער „עקזאָטיק", מיט רעליגיעזער ספאָרים־לעקסיק און אפילע טפילע־פראַזעאָלאָגיע, מיט ביבליש־מיטאָלאָגישער און טעאָלאָגישער בילדערישקײַט, וואָס איז פרעמד ניט בלויז דעם הײַנטיקן ייִדישן מאַסן־לייענער, נאָר, איך נעם אָפּ זיך די דרייסטקײַט צו זאָגן, אפילע דעם מאַסן־לייענער פון יענער עפּאָכע, וואָס איז באַשריבן אין ראָמאַן. עמעס, מע קאָן דערוף דערווידערן, אַז אין דער שפּראַך און אין דעם סטיל פון די קלאַסיקער פאַרנעמט דער דאָזיקער עטנאָגראַפישער שפּראַך־עלעמענט אויך א באַדײַטנדיק אָרט. נאָר אַזאַ דערווידערונג האָט אין טאָך קיין באָדן ניט. מיר וועלן דאָ ניט ריידן וועגן פּערעצן, ווײַל זײַן סטיל, זײַן רעאַליזם און ראָמאַנטיזם און די מיטאָלאָגיש־ספאָרימדיקע סטיכיי אין זײַן שפּראַך פאָדערן א ספּעציעלע באַטראַכטונג. וואָס איז שײַך אָבער מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען, ווערן בא זיי די דאָזיקע שפּראַך־ און סטיל־פלאַסטן אָנגעווענדט פּאַראָדיסטיש, אַלס מיטל פון רעאַליסטישער קריטיק, און טראָגן דעריבער אַן עמעס פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. איך רייד שוין ניט דערפון, אַז אינעם קאָלאָסאַלן אוצער פון פאָלקסשפּראַך אין די ווערק פון מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען ווערן די לעקסישע און סטיליסטישע ביבלישע און רעליגיעזע ספאָרים־עלעמענטן בוכשטעבלעך דערטרונקען.

די דאָזיקע אַרבעט פון פּאַראָדירן און קריטיקירן אָט דעם מין שפּראַך־סטיל האָבן מענדעלע און שאָלעם־אַלייכעם אָפּגעטאָן אַזוי גרינטלעך און ראַדיקאַל, אַז די ווײַטערדיקע דורות ייִדישע שרײַבער האָבן שוין מער ניט געפילט קיין נויטווענדיקײַט אָנצוקומען צו אַזאַ מין שפּראַך־סטיל. בא בערגעלסאָנען, לעמאָשל, איז ער שוין קימאַט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

אויב אין דער שילדערונג פונעם אַלטן נאָסן לאַנדע האָט אָט די סטיכיי פון רעליגיעזער ספאָרים־קולטור א באַשטימטע באַרעכטיקונג, איז זי אין אַנדערע פאַלן אינגאַנצן איבעריק. באַזונדערס איז דאָס צו זען אין דער שילדערונג פון דאַניִעלן. דאָס געשטאַלט איז בּיכלאַל ניט גענוג דײַטלעך סײַ לויטן סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישן טאָך, סײַ לויט דער פונקציע אין ראָמאַן. דאַניִעל האָט, ווײַזט אויס, געזאָלט זײַן א ראָמאַנטיש־פּאָעטיזירט געשטאַלט פון א קינסטלער, וואָס ווערט דערשטיקט אין די באַדינגונגען פון בורזשואַזער צעפאַלונג און דעגראַדאַציע. נאָר דער שירהאַשירים־סטיל אין באַשרײַבן די ליבע צווישן דאַניִעלן און איטען גליטשט זיך ערגעץ־ווו אַראָפּ צו סענטימענטאַלער סטיליזאַציע, און דאָס פירט אויך ווײַטער צו געפאַלענער קלאָגערײַ און אויסזיכטלאָזע רעפלעקסיעס.

6

עליע שעכטמאַן אַלס רעאַליסט איז, ווי מיר דוכט, א שרײַבער א נאָוואַטאָר, וואָס איז אָבער אײַנצײַטיק שטאַרק פאַרבונדן מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע פון צוויי גרויסע ייִדישע קינסטלער — דאָוויד בערגעלסאָן און שאָלעם אַש. אויב ריידן וועגן די פּערסאָנאַזשן, זייער פלעביייִשקײַט, פאָלקסטימלעכער פּראָסטקײַט און אפילע נאַיִווקײַט, קאָן מען בא שעכטמאַנען פעסטשטעלן א געוויסע נאָענטקײַט צו אַשן. אויב אָבער באַטראַכטן די קינסטלערישע מיטלען פון שילדערן די דאָזיקע פּערסאָנאַזשן, זייער פּסיכאָלאָגיע, איז שעכטמאַן נעענטער צו בערגעלסאָנען. עס איז ניט שווער צו געפינען געוויסע קרויוישע שטריכן אינעם כאַראַקטער פון איטען און מירל הורוויץ, לעמאָשל. א געוויסע נאָענטקײַט צו בערגעלסאָנען איז פאַראַן אויך אין שעכטמאַנס פּייזאַזשן, אין דעם אויפן פון שאַפן א באַשטימטן נאַטור־קאָלאָריט. נאָר באַזונדערס פילט זיך שעכטמאַנס נאָענטקײַט צו בערגעלסאָנען אינעם שפּראַך־נוסעך, אינעם אָנלאָדן דאָס קינסטלערישע וואָרט מיט א טיפן זין, מיט אַזאַ מין אינערלעכן מיין, וואָס איז פאַרבונדן מיט שטרענגער פונקציאָנעלער אַכרײַעס פון דעם דאָזיקן וואָרט אינעם גאַנצן קינסטלערישן געוועב פונעם ווערק.

ריידנדיק אָבער וועגן פאַרבינדונג מיט די קלאַסישע טראַדיציעס, וויל איך דערמיט ניט זאָגן, אַז שעכטמאַן איז אָפּהענגיק פון די דאָזיקע טראַדיציעס, פון אַשס אָדער בערגעלסאָנס שאַפונג. דער ראָמאַן „ערעוו" באַווײַזט, אַז עליע שעכטמאַן, זײַענדיק א יורעש און א פאָרזעצער פון די קלאַסישע טראַדיציעס, גייט מיט זײַן אייגענעם וועג און שאַפט זײַן אייגענעם קינסטלערישן סטיל.

שעכטמאַנס ראָמאַן איז ניט בלויז א דערגרייכונג פרנעם שרײַבער, נאָר א זיג פון אונדזער גאַנצער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

הערש רעמעניק.

פון אלטע קוועלן

כאַיִם־זעליק סלאָנימסקי און די פּעטערבורגער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע

די פראָבלעם פון שאפן רעכענונגס־מאַשינעס האָט אין מעשעך פון יאָרהונדערטער באהערשט די מויכעס פון די גרעסטע געלערנטע. נאָך אין זיבעצעטן יאָרהונדערט האָט דער באַרימטער דײַטשישער פילאָסאָף און מאטעמאטיקער גאָטפריד ווילהעלם לייבניץ פארווענדט אָן א שיר מי אף צו דערפינדן רעכענונגס־מאשינעס. מע קאָן אָנרופן נאָך א סאך געלערנטע, וועלכע האָבן ניט געקארגט קיין קויכעס, קעדיי לייזן אָט די אויסערסט וויכטיקע פראָבלעם. די דורכפאלן האָבן ניט אָפגעשטעלט די ארבעט — די דערפינדער האָבן געגלייבט, אז דעם מענטשנס געני וועט סאָפקאָלסאָף באפרײַען די וויסנשאפט־פאָרשער פון דער נייטיקייט זיך צו פארנעמען מיט אויסמאטערנדיקע כעזשבוינעס, וועלכע פאָדערן ניט קיין שעפערישן געדאנק.

ווי ס׳איז צו זען פון די דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן ניט לאנג צוריק, האָט די פּעטערבורגער וויסנשאפט־אקאדעמיע אָנגעהויבן אינטענסיוו פארנעמען זיך מיט אָט דער פראָבלעם אין די צוואנציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט.

דער אווטאָר פונעם ערשטן פראָיעקט פון א רעכענונגס־מאשין איז געווען דער גענעראל פ. מ. סוואָבאָדסקי. נאָך אים האָט צוגעשטעלט דער אקאדעמיע צום באטראכטן זײַנע „אינטעלעקטועלע מאשינעס" סעמיאָן קאָרסאקאָוו. דאָס איז געווען א מענטש מיט א שטארק אנטוויקלטן טעכנישן געדאנק. ער האָט געארבעט איבער אזעלכע אויפגאבן, וואָס לייזן זיי איז געווען פאר די קויכעס נאָר פון די קינפטיקע דורות. קאָרסאקאָווס קאָנסטרוקציעס זײַנען אָבער געווען זייער האמעטנע. די מיטגלידער פון דער פיזיש־מאטעמאטישער אָפטיילונג בא דער פּעטערבורגער וויסנשאפט־אקאדעמיע האָבן פארשטאנען, אז שאפן אין דער נאָענטער צוקונפט רעכענונגס־מאשינעס, וועלכע זאָלן ארבעטן באפרידיקנדיק, איז אומעגלעך. פונדעסטוועגן האָבן זיי אופמערקזאם באטראכט יעדן טראָט, וואָס איז געמאכט געוואָרן אין דער דאָזיקער ריכטונג. אלס בוילעטער בײַשפּיל דערצו קאָן דינען זייער באציִונג צו דער „אריפמעטישער מאשין" פון כאַיִם־זעליק (זינאָווי יאקאָוולעוויטש) סלאָנימסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן באוווּסט אלס איינער פון די פּיִאָנערן פון דער האסקאָלע־באוועגונג צווישן די ייִדן פון רוסלאנד.

ס׳איז ניט קיין גוזמע צו זאָגן, אז קיין איין פאָלק אין צארישן רוסלאנד איז ניט אויסגעשטאנען אזא שווערע גײַסטיקע אונטערדריקונג מיצאד די אייגענע קלייקוידעש, ווי דאָס ייִדישע פאָלק. יעטווידע שטרעבונג צו וועלטלעכע קענטענישן פלעגט פארפאָלגט ווערן אפן אכזאָריעסדיקסטן אויפן. ייִדישע יונגעלײַט, וועלכע מע האָט געכאפּט לייענענדיק וויסנשאפטלעכע ביכער, פלעגט מען רוידעפן אָן ראכמאָנעס. דאָס אלץ איז אויסגעשטאנען סלאָנימסקי אויך. ער האָט אָבער אין די שווערסטע באדינגונגען אקשאָנעסדיק באהערשט די פארבאָטענע וויסנשאפטן. זײַנע קענטענישן האָבן דערגרייכט אזא הייך, אז דער נאָמען זײַנער איז געוואָרן א קלאל־נאָמען. ווען א ייִנגל האָט ארויסגערופן צו זיך גרויסע האָפענונגען, פלעגט מען וועגן אים זאָגן: „ס׳וואקסט א צווייטער סלאָנימסקי".

ארויסגעריסן זיך פון דער פארדומפּטער אטמאָספער פון סכאָלאסטיק און אָבסקוראנטיזם, האָט כאַיִם־זעליק סלאָנימסקי באשלאָסן צו פארשפרייטן זײַנע קענטענישן צווישן די ברייטע פאָלקסמאסן. דאָס איז געווען א צײַט, ווען די וויסנשאפט־וועלט האָט געווארט אף האלייס קאָמעטע[1]. דער קלער, די אָבסקוראנטן האָבן די דאָזיקע דערשײַנונג געוואָלט אויסנוצן אין זייערע צילן. סלאָנימסקי, א קעמפער קעגן פינצטערניש און אמעראַצעס, האָט אין זײַנע רעדעס און ארטיקלען אופגעקלערט דעם טאָך פון דער נאטור־דערשײַנונג. גלײַכצײַטיק האָט ער שטודירט די פראגע וועגן דער באוועגונג אויך פון די אנדערע הימל־קערפּערס, באזונדערס פון אונדזער ערד־פלאנעטע, און אין צוזאמענהאנג דערמיט די פראגע וועגן דעם קאלענדאר. בײַס זײַן ארבעט אף אזעלכע ריזיקע וויסנשאפטלעכע פראָבלעמען האָט ער זיך איבערצײַגט, ווי שווער און אויסמאטערנדיק עס איז די מי פון כעזשבענען, ווען עס קומט אויס דורכצומאכן אָן א שיר נאָכאנאנדיקע מאטעמאטישע אָפעראציעס.

אין סאמע אָנהייב פון זײַנע זעלבשטענדיקע וויסנשאפטלעכע פאָרשונגען האָט סלאָנימסקי זיך באקענט מיטן ווארשעווער זייגערמאכער אווראָם־יאנקעוו שטערן (1762—1842), וועלכער איז פאר זײַנע גלענצנדיקע מאטעמאטישע קענטענישן אויסגעוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פון דער פוילישער וויסנשאפט־געזעלשאפט. שטערן איז געווען א געבוירענער טאלאנט. שאפן א רעכענונגס־מאשין איז געווען זײַן גרעסטע לײַדנשאפט. ער האָט דערוף אויסגעגעבן אלץ, וואָס ער פלעגט פארדינען פון זײַן זייגערמאכערײַ. באקאנט זיך מיט סלאָנימסקין, זײַן קינפטיקן איידעם, האָט ער אים באוויגן ווידמען זיך דער דאָזיקער אידיי — אויסבויען אזא מאשין.

---

[1] האליי (1652—1742) — אן ענגלישער אסטראָנאָם און געאָפיזיקער. אין 1705 האָט ער פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ פון א קאָמעטע מיט אן עליפּטישער פאָרם פון דער אָרביטע. ער האָט דערוויזן, אז די דאָזיקע קאָמעטע קערט זיך פעריִאָדיש אום צו דער זון.

סלאָנימסקיס ארכיוו איז צו אונדז ניט דערגאנגען, דעריבער איז שווער פעסטצושטעלן די פינקטלעכע כראָנאָלאָגיע פון זייַן שעפערישער טעטיקייַט. נאָר פון די פאראנענע קוועלן איז צו זען, אז די ארבעט איבער רעכענונגס־מעכאניזמען האָט ער אָנגעהויבן אין די דרייַסיקער יאָרן. אין 1840 האָט אין א ווילנער צייַטונג זיך באוויזן פאָלגנדיקע נאָטיץ אין רוסיש און פויליש („ליטאָווסקי וועסטניק“ נומ. 60 פון 26 יון):

„א רעכענונגס־מאשין

די דערפינדונג פון רעכענונגס־מאשינעס איז ניט קיין נייַס. לייבניץ, פאָלענוס (א פראָפעסאָר אין פאדויא), גריזאָן, באבאזש און שטערן אין ווארשע האָבן געארבעט איבער דער דערפינדונג פון פארשיידענע אזעלכע מאשינעס. נאָר דאָס זייַנען געווען בלויז עקספערימענטן פון דער מעכאנישער קונסט און האָבן ניט געקאָנט אויסגענוצט ווערן אין דער פראקטיק. דער ביאליסטאָקער ייִד ז. סלאָנימסקי האָט ניט לאנג צוריק דערפונדן א קליינע רעכענונגס־מאשין, וואָס פארדינט לויט איר גרייס (בערעך 10 דויםם די לענג, 3 די ברייט און 1 די הייך), באקוועמלעכקייַט און ביליקייַט, מע זאָל זי אייַנפירן אין אלגעמיינעם באנוץ. יעדער איינער, וואָס פארשטייט אין ציפער, וועט מיט דער דאָזיקער מאשין קאָנען ציילן זייער באקוועם, שנעל און ניט טראכטנדיק. די מאשין קאָן מען זען באם דערפינדער, וועלכער גרייט א צווייטע דורך אים דערפונדענע מאשין פאר לאָגאריטמען... די מאטעמאטישע און אסטראָנאָמישע קענטענישן פונעם טאלאנטפולן הער סלאָנימסקי, ווי אויך זייַנע מאטעמאטישע ווערק אין ייִדיש, וועלכע זייַנען הויך אָפגעשאצט געוואָרן אין א סאך דייַטשישע פעריאָדישע אויסגאבעס, דערלויבן אונדז ניט צו צווייפלען אין דער ריכטיקייַט און וויכטיקייַט פון דער דאָזיקער דערפינדונג“.

סלאָנימסקיס ווערק וועגן דעם קאלענדאר און וועגן רעכענונגס־מאשינעס זייַנען פארעפנטלעכט געוואָרן אין קרעלס דעמלט בארימטן מאטעמאטישן זשורנאל[1]. סלאָנימסקי זעלבסט איז מיט דער הילף פון אזעלכע וועלט־בארימטע געלערנטע, ווי אלעקסאנדער הומבאָלדט[2], פרידריך בעסעל[3], קארל יאקאָבי[4], פאָרגעשטעלט געוואָרן פאר דער בערלינער וויסנשאפט־אקאדעמיע. דער נאָמען פון אָט דעם אווטאָדידאקט איז, נאטירלעך, אויך געוואָרן ברייט באקאנט אין ווארשע. מיט אים האָט זיך פארינטערעסירט דער גענעראל פאַוועל יעווסטאפיעוויטש קאָצעבו (א ברודער פונעם בארימטן רייַזנדער). קאָצעבו האָט אָנגעשריבן וועגן סלאָנימסקין א בריוו צום מיניסטער פאר פאָלקס־בילדונג ס. ס. אוּוואראָוון, וואָס איז

Journal für die reine und angewandte Mathematik, 1844, Bd. XXVIII, SS. 179—190. [1]

[2] אלעקסאנדער־פרידריך־ווילהעלם הומבאָלדט (1769—1859), א דייַטשישער נאטור־פאָרשער און רייַזנדער, א מיטגליד פון דער בערלינער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

[3] פרידריך־ווילהעלם בעסעל (1784—1846), א דייַטשישער אסטראָנאָם, א מיטגליד פון דער בערלינער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

[4] קארל־גוסטאוו־יאקאָב יאקאָבי (1804—1851), א דייַטשישער מאטעמאטיקער, א מיטגליד פון דער בערלינער וויסנשאפט־אקאדעמיע, א ברודער פונעם מיטגליד פון דער פעטערבורגער וויסנשאפט־אקאדעמיע באָריס סעמיאָנאָוויטש יאקאָבי, וואָס האָט פון 1835 געוווינט אין פעטערבורג.

גלייַכצייַטיק געווען פרעזידענט פון דער פעטערבורגער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

מיט דעם דאָזיקן רעקאָמענדיר־בריוו איז סלאָנימסקי אוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג און האָט, לויט אוּוואראָווס אָנווייַזונג, אליין דעמאָנסטרירט פאר דער אקאדעמיע זייַן „אריפמעטישע מאשין“. די מאשין גופא, ווי אויך די נייַע טעאָרעמע, וועלכע סלאָנימסקי האָט פאָרמולירט און געלייגט אין גרונט פון זייַן קאָנסטרוקציע, האָבן געמאכט אָף די אקאדעמיקער א שטארקן רושעם. „די שארפזיניקע דערפינדונג פונעם יונגן ייִדישן מאטעמאטיקער האָט פארדינט אלגעמיינע באווייליקונג צוליב דער פאָשעטקייַט און באקוועמלעכקייַט פון די מיטלען, וועלכע פירן צום געזוכטן רעזולטאט“[1].

די פעטערבורגער אקאדעמיקער האָבן געוווּסט וועגן די שווערע באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט און שאפט דער אָרעמער געלערנטער און דערפינדער. דאָס איינציקע, מיט וואָס די אקאדעמיע האָט געקאָנט אים העלפן, איז — צומישפעטן אים די דעמידאָוו־פרעמיע, וואָס איז ביז דער גרינדונג פון די לאָמאָנאָסאָוו־פרעמיעס (1865) געווען די העכסטע באלוינונג אין רוסלאנד. אזא פאָרשלאָג האָבן געמאכט די אקאדעמיקער פ. פוס און וו. בוניאקאָווסקי. אין דער רעקאָמענדאציע האָבן זיי אָנגעוויזן, אז „דער יונגער און באשיידענער מאטעמאטיקער, וואָס איז שוין באקאנט מיט איניקע פון זייַנע ווערק, פארדינט אין דער פולער מאָס אזא סטימולירונג“.

די פרעמיעס פלעגן צוגעמישפעט ווערן דעם 17 אפרעל לויט די רעקאָמענדאציעס פון די אנטשפרעכיקע אָפטיילונגען פון דער אקאדעמיע. אזוי ווי דער פאָרשלאָג פון די אקאדעמיקער פוס און בוניאקאָווסקי איז באוויליקט געוואָרן דורך דער פיזיש־מאטעמאטישער אָפטיילונג, האָט סלאָנימסקי באקומען דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אינעם קאָנקורס אָף באקומען די פרעמיע. נאָר דעם 17 אפרעל האָט מען אים די פרעמיע ניט געקאָנט צומישפעטן, ווייַל זייַן ווערק איז נאָך ניט געווען אָפגעדרוקט. דעם 7 יון 1845 האָט דער שטענדיקער סעקרעטאר פון דער אקאדעמיע פ. פוס מיטגעטיילט דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע, אז „עס איז אָפגעדרוקט די באשרייַבונג פונעם נייַעם רעכענונגס־אינסטרומענט, וועלכן עס האָט דערפונדן דער הער סלאָנימסקי, פאר דער דאָזיקער דערפינדונג איז אים, סלאָנימסקין, צוגעמישפעט די צווייטראנגיקע (א האלבע. — מ. ר.) דעמידאָוו־פרעמיע“. די אלגעמיינע פארזאמלונג האָט באשטימט: „ארויסגעבן סלאָנימסקין די צווייטראנגיקע דעמידאָוו־פרעמיע אין דער סומע פון צוויי טויזנט פינף הונדערט רובל אסיגנאציעס“ („ארכיוו פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר“).

די דאָזיקע וויכטיקע געשעעניש איז באלויכטן געוואָרן אין דער פרעסע.

באפליגלט פון אזא אויפמערקזאמקייַט צו אים מיצאד דעם העכסטן וויסנשאפטלעכן אנשטאלט פון לאנד, האָט סלאָנימסקי זיך געווענדט צו דער אקאדעמיע מיט דער ביטע אונטערצוהאלטן זייַן הישטאדלעס וועגן ארויסגעבן אים א פאטענט. די אקאדעמיקער מ. אָסטראָגראדסקי און ב. יאקאָבי, וועלכע מע האָט באוויפטראָגט צו בא־

[1] פראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון דער פיזיש־מאטעמאטישער אָפטיילונג פון 4 אפרעל 1845 („ארכיוו פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר“).

טראַכטן סלאָנימסקיס ביטע, האָבן אין זייערע אויספירן געשריבן (20 יון 1845): „מיר האָבן די ערע פאָרצולייגן, אַז, באַוויליקנדיק דעם הער סלאָנימסקיס אַרבעט, זאָל מען זי סטימולירן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, וועלכע עס פאַרמאָגט אין איר רעשוס די אַקאַדעמיע". דעם זעלבן טאָג האָט די פיזיש־מאַטעמאַטישע אָפּטיילונג אָנגענומען אַ באַשלוס: „אַרויסגעבן דעם הער סלאָנימסקי אַ באַשטעטיקטע קאָפּיע פונעם אָפּרוף, בײַלייגנדיק אַ צײַגעניש, אַז די אַקאַדעמיע באַוויליקט דעם אָפּרוף, קעדיי ער זאָל קאָנען אויסנוצן אים אַף צו באַקומען אַ פּאַטענט" („אַרכיוו פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר"). ווייניקער ווי אין אַ האַלב יאָר אַרום, דעם 24 נאָיאַבער 1845, האָט סלאָנימסקי באַקומען אַ פּאַטענט אַף זײַן דערפינדונג.

וועלנדיק, אַז זײַן דערפינדונג זאָל ווערן דאָס אייגנס פונעם גאַנצן לאַנד, האָט סלאָנימסקי זיך באַמיט, אַז זײַן אָפּגעדרוקט ווערק זאָלן האָבן אַלע לערן־אַנשטאַלטן. וועגן דעם רעדט אויך דער בריוו פון דעם מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג אוּוואַראָוו צום קוראַטאָר פונעם מאָסקווער לערן־קרײַז: „דער געבוירענער פון דער שטאָט ביאַליס־טאָק, — שרײַבט דער מיניסטער, — דער דערפינדער פון דער אַריפמעטישער מאַשין, דער ערן־בירגער זעליק סלאָנימסקי, וואָס איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ האַלבער דעמידאָוו־פּרעמיע, האָט געשענקט אַלס מאַטאָנע די אוניווערסיטעטן און אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן פונעם מיניסטעריום פאַר פאָלקס־בילדונג די באַשרײַבונג פון דער דאָזיקער מאַשין. אין העסקעם דערמיט שיק איך איבער צו אײַער עקסעלענץ פאַר דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט און פאַר די גימנאַזיעס פונעם אײַך אָנגעטרויטן קרײַז פינף עקזעמפּליאַרן פון דער דאָזיקער באַשרײַבונג, מיט האַכנאָע בעטנדיק מיטיילן מיר, ווען איר וועט זיי באַקומען".

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ האָבן מיר ניט קיין מעגלעכ־קײַט צו געבן אַ גענויע באַשרײַבונג פון סלאָנימסקיס ווײַטערדיקע אַרבעטן. איינע פון זײַנע וויכטיקסטע שפּעטערדיקע דערפינדונגען האָט געהאַט אַ שײַכעס צום טעלעגראַף. אין 1859 איז דערשינען זײַן „באַשרײַבונג פון טראַנסלירן צוויי פאַרשיידענע דעפּעשן און אין דער זעלבער צײַט אויפנעמען צוויי אַנדערע דעפּעשן לויט איין און דער זעלבער לייטונג".

עס איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז עדיסאָנען איז דעמאָלט געגאַנגען דאָס עלפטע יאָר. ווען אין אַ סאַך יאָרן אַרום האָט עדיסאָנען זיך אײַנגעגעבן צו טראַנסלירן גלײַכצײַטיק איין דעפּעש אין איין ריכטונג און אַ צווייטע — אין אַ צווייטער ריכטונג (דופּלעקס), האָט עס אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אין דער גאַנצער וועלט.

אינטערעסאַנט איז דער עפּיזאָד פון סלאָנימסקיס לעבן און שאַפן, וואָס פאַרבינדט אים מיט אַ. הומבאָלדטן. סלאָנימסקי האָט אָנגעשריבן אין ייִדיש די ביִאָגראַפיע פון אָט דעם באַרימטן געלערנטן, דעם „אַריסטאָטעל פון נײַנצנטן יאָרהונדערט", ווי מע האָט דעמאָלט אָנגערופן הומבאָלדטן, און אונטערגעטראָגן אים דאָס ווערק אַלס מאַטאָנע צו זײַן 88־טן געבורטסטאָג. דאָס איז אַ בראָשור, וווּ אין דער ערשטער העלפט ווערט געמאַכט אַ קורצע איבערזיכט פון הומבאָלדטס לעבן און פון זײַן שאַפונג. די צווייטע העלפט פאַרנעמט דאָס אַרטיקל „קאָסמאָס", וווּ דער אַווטאָר רעדט וועגן טאָפּעלע שטערנס, וועגן דעם ערד־מאַגנעטיזם, וועגן ווולקאַנען און וועגן דער דאָרעם־אַמעריקאַנישער פלאָרע. דאָס אַלץ איז אָנגעשריבן אין דער שפּראַך, אין וועלכער, ווי מע האָט געמיינט, עס איז גאָר אוממעגלעך צו געפינען פּאַסיקע אויסדרוקן פאַר אַזעלכע באַגריפן. סלאָנימסקי האָט דערוויזן, אַז ייִדיש איז אַ קולטורעלע שפּראַך. ער האָט באַרײַכערט זײַן מוטערשפּראַך מיט די אידייען פונעם גרויסן געלערנטן פון מײַרעוו. אַלס ענטפער אַף דער מאַטאָנע האָט הומבאָלדט צוגעשיקט סלאָנימסקין פאָלגנדיקן בריוו:

[פּאָטסדאַם, 12 סענטיאַבער 1858]
„פילגעאַכטעטער הער סלאָנימסקי,

איך פיל זיך שטאַרק שולדיק, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג ניט באַדאַנקט אײַך פאַר דעם קאָוועד, וועלכן איר האָט מיר אַזוי פרײַנטלעך אַרויסגעוויזן. עס קאָן קוים דינען פאַר מיר אַלס אַנטשולדיקונג מײַן לאַגע, וואָס איז אַן אומרויִקע אין דער איצטיקער צײַט, וועלכע איז אַזאַ שטורמישע אין פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער הינזיכטן.

די רעקאָמענדאַציע פון די צוויי באַרימטע, טײַערע פאַר מיר פרײַנט, וואָס אַזעלכע זײַנען בעסעל און יאַקאָבי, מאַכט זייער אַ גינסטיקן אײַנדרוק. כאָטש איך בין פרעמד דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר פון פריִער יוגנט בין איך ענג פאַרבונדן מיט די אייִדלמוטיקסטע פון אײַערע גלויבונגס־גענאָסן. ווי אַ פלאַמיקער און שטענדיקער אָנהענגער פון אײַערע רעכט, אין וועלכע מע אַנטזאָגט אײַך אַזוי אָפט, קאָן איך ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דעם קאָוועד, וועלכן איר האָט מיר אַרויסגעוויזן. דער אָפּרוף פונעם טיפן קענער פון די מיזרעך־שפּראַכן, דעם אַלזײַטיק געבילדעטן דאָקטאָר מיכאיִל זאַקס[1], קאָן בלויז מאַכן העכער אין מײַנע אויגן די אויפמערקזאַמקײַט, וואָס איז מיר אַרויסגעוויזן געוואָרן, און דאָס באַרויִקט מיך אַ ביסל, וואָס איך קען ניט די אורשפּראַך. פון דינסטיק פאָר איך אַריבער אַף עטלעכע וואָכן קיין בערלין, און אָנגעהויבן פון דינסטיק, פון 1 ביז 2 אַזייגער יעדן טאָג, וואָלט איך מיט גרויס פאַרגעניגן געוואָלט אויפנעמען אין בערלין דעם הער סלאָנימסקי, אויב נאָר ער איז ניט אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, און מינדלעך באַנײַען פאַר אים דעם אויסדרוק פון אויפריכטיקער אַכטונג, וועלכע עס פאַרדינען אײַערע פּרעכטיקע געלערנטע אַרבעטן.

אײַער אונטערטעניקסטער אַלעקסאַנדער הומבאָלדט".

מ. ראַדאָווסקי.

---

[1] יעכיִעל־מיכאָעל זאַקס (1808—1864), אַ העברעער — אַ לינגוויסט און אַ היסטאָריקער פון דער מיטלאַל־טערלעכער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

נ. אויסלענדער

1962—1893

מיט נאָכעם אויסלענדערן איז אַוועק פון אונדז איינער פון דער פלעיאַדע שרײַבער, וואָס האָבן געשאַפן די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור־וויסנשאַפט און ליטעראַטור־קריטיק.

נ. אויסלענדער איז געבוירן געוואָרן דעם 26 דעקאַבער 1893 אין שטעטל כאָדאָרקאָוו (אַף וואָלין). אין 1919 יאָר האָט ער פאַרענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון קיִעווער אוניווערסיטעט. אין דעם זעלבן יאָר איז ער פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען אַרכאַנגעלסק, אינעם קאַמף קעגן די ווײַסּפּאָליאַקן. געווען איז ער אין דער אַרמיי אַ מיליטערישער דאָקטער. נאָר זײַן עמעסער באַרוף איז שטענדיק געווען ליטעראַטור. אין די קורצע איבעררײַסן צווישן די שלאַכטן האָט ער געשאַפן זײַנע ערשטע לידער און עסייען.

ברייט און אַלזײַטיק זײַנען אויסלענדערס ליטעראַרישע אינטערעסן. ער איז געווען אַ טיפער ליטעראַטור־היסטאָריקער, אַ פאָרשער אַ נאָוואַטאָר, אַן אָריגינעלער ליטעראַטור־קריטיקער און אַ גלענצנדיקער סטיליסט. וווּהין ער האָט ניט געווענדט זײַן בליק, האָט ער שטענדיק אַנטדעקט נײַע דערשײַנונגען, נײַע אַספּעקטן, אומעטום האָט ער אויסגעטראָטן נײַע וועגן.

שוין זײַן ערשטע גרעסערע אַרבעט „גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאַליזם" (1919) האָט אים אַרויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט פון דער ייִדישער קריטיק. נאָך דער אַזויגערופענער עסטעטישער קריטיק איז געקומען אַ געלערנטער מיט אַ שאַרפן פאַרשטאַנד פאַר די אייגנשאַפטן פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור. אויסלענדער האָט באַטראַכט די שאַפונג פון מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען און פּערעצן פון אַן אָריגינעלן שטאַנדפּונקט. ער האָט אויפגעדעקט דעם טאָך פונעם רעאַליזם פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער פאָלקס־שאַפונג.

דאָס בוך „וועג־אײַן, וועג־אויס" האָט אַנטפּלעקט אויסלענדערן אַלס גלענצנדיקן קריטיקער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. די שאַפונג פון די באַדײַטנדיקסטע פאָרשטייער פון דער ייִדישער ליטעראַטור פונעם XX יה. האָט דאָ באַקומען איר ערשטע גענויע כאַראַקטעריסטיק און מײַסטערהאַפטע אָפּשאַצונג. אין די אַרטיקלען פונעם בוך האָט זיך אַרויסגעוויזן אויסלענדערס גרויסע באַהאַוונטקײַט אין דעם עסטעטישן ווערט פון אַ קינסטלערישער דערשײַנונג. די מערהײַט אַרבעטן זײַנע (וועגן האָפשטיינען, שוואַרצמאַנען, קוויטקאָן, מאַרקישן, בערגעלסאָנען, ניסטערן, לייוויקן, אָפּאַטאָשו, גלאַטשטיינען, אַש און אַא.) האָבן ניט פאַרלאָרן זייער באַדײַטונג ביז הײַנטיקן טאָג.

דער אויפבלי פון אויסלענדערס ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער טעטיקײַט איז געקומען אין די דרײַסיקער יאָרן, ווען ער האָט זיך פאַרפעסטיקט אַף די פּאָזיציעס פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער מעטאָדאָלאָגיע. זײַן גרויסע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער איז רײַך לויטן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל און לויטן שאַרפן סאָציאַלן אַנאַליז, לויט די טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון די דראַמאַטורגן, אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן. צו יענער צײַט געהערן אויסלענדערס קאַפּיטאַלע פאָרשונגען „מענדעלע און זײַנע מיטגייער...", „דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם און זײַן ראָמאַן „סטעמפּעניו" און אַנד. ווערק, וואָס זײַנען בוי־שטיינער צו אַ וויסנשאַפטלעכער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער לעצטער עטאַפּ פון אויסלענדערס שאַפן איז געווען זײַן אַרבעט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַלס אָנפירער פון קריטישן אָפּטייל.

נ. אויסלענדער האָט איבערגעלאָזט אַ רײַכע ליטעראַרישע ירושה, וועלכע איז ניט אינגאַנצן באַקאַנט דעם לייענער. עס שטייט פאַר דערלערנען, פאַרעפנטלעכן די ווערק, וואָס זײַנען נאָך אים געבליבן.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

כראָניק

קינסטלערישע אויסשטעלונגען

◆ אין די זאַלן פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון פּסער האָט זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג, אַף וועלכער עס זײַנען עקספּאָנירט 700 ווערק פון די מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן פון דער קונסט־אַקאַדעמיע. מיט נײַע אינטערעסאַנטע אַרבעטן זײַנען פאַרגעשטעלט וו. סעראָוו, א. דײַנעקאַ, יע. וווטשעטיטש און אַנדערע באַרימטע סאָוועטישע קינסטלער. פאַרשיידענע לויטן זשאַנער און טעמאַטיק, שפּיגלען זיי אָפּ דאָס ברויזיקע לעבן פון די פעלקער פון אונדזער לאַנד.

◆ אינעם צענטראַלן אַקטיאָרן־הויז פון דער רוסלענדישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט האָט זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג פון די ווערק פונעם פאַרדינסטפולן קונסט־טוער איסאַק ראַבינאָוויטש. דאָ זײַנען פאַרגעשטעלט מער ווי צוויי הונדערט עסקיזן פון דעקאָראַציעס, קליידונג און מאַקעטן, וועלכע דער קינסטלער האָט געשאַפן פאַר די טעאַטערן פון מאָסקווע, לענינגראַד און קיִעוו.

לעקאָוועד דעם גרויסן בינע־מײַסטער

אין יאַנוואַר 1963 ווערט 100 יאָר, זינט ס׳איז געבוירן געוואָרן דער גענײַאַלער רוסישער רעזשיסער און אַקטיאָר קאָנסטאַנטין סטאַניסלאַווסקי. דער דאָזיקער יאָמטעוו פון דער טעאַטראַלער קולטור וועט ברייט געפּײַערט ווערן אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. לעקאָוועד דעם גרויסן בינע־מײַסטער און רעפאָרמאַטאָר ווערן אין פיל שטעט פון לאַנד אָרגאַניזירט טעאַטראַלע פעסטיוואַלן און אויסשטעלונגען.

צו די יובילײ־טעג ווערן געגרייט צוויי אויסשטעלונגען וועגן סטאַניסלאַווסקיס שעפערישער טעטיקײַט. איינע וועט זײַן עקספּאָנירט אינעם מוזיי אַף באַכרושינס נאָמען, די צווייטע אויסשטעלונג וועט געשיקט ווערן אין צעלינאָגראַדער געגנט.

נײַע באַראַטונג וועגן דער ייִדישער ליד

דער באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש — ערשטער סעקרעטאַר פון קאָמפּאָזיטאָרן־פאַריין פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע — איז געוואָרן פאָרזיצער פון דער באַראַטונג, אַף וועלכער א גרופּע קאָמפּאָזיטאָרן, שרײַבער און אַרטיסטן האָט אויסגעהערט די מוזיק פאַר דער זאַמלונג „נײַע ייִדישע לידער“.

דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש האָט גערעדט וועגן דער באַדײַטונג פון דער נײַער לידער־זאַמלונג און באַדאַנקט די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַר איר איניציאַטיוו אין שאַפן א הײַנטצײַטיקן רעפּערטואַר פאַר די ייִדישע זינגער.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָבן די פאַרזאַמלטע אויסגעהערט די לידער פון לייב פּולווער, וולאַדימיר שאַינסקי, זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, לעוו קאַהאַן, לייב יאַמפּאָלסקי, מאָדעסט טאַבאַטשניקאָוו, אַטיליע ליכטענשטיין און שמואל סענדערי.

אונדזערע געסט

◆ אין די פײַערונגען פונעם 45־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט אָנטיילגענומען א דעלעגאַציע פון וועטעראַנען־קאָמוניסטן פון ייִסראָעל: בערל באַלטי, מאַלקע קליינער, כאַסאַן אַבו־אישאַ, כאַים אײַזנבערג.

די כאַשעווע געסט האָבן באַזוכט אונדזער רעדאַקציע און זיך באַקאַנט מיט דער אַרבעט און שעפערישע פּלענער פונעם זשורנאַל. זיי האָבן איבערגעגעבן פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד“ א מאַטאָנע — אייניקע אויסגאַבן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ייִסראָעל: אַן אילוסטרירטן אַלבאָם „צווישן XIII און XIV פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן“, „מאַטעריאַלן פונעם XXII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד“ (אין איוורית), „מאַטעריאַלן פונעם XIV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ייִסראָעל“ (אין איוורית און אַראַביש).

◆ עטלעכע וואָכן האָט פאַרבראַכט אין סאָוועטנפאַרבאַנד דער באַוווּסטער דיכטער־קאָמוניסט פון ייִסראָעל אַלעקסאַנדער פּען.

אינעם לאָקאַל פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז פאָרגעקומען א פרײַנטלעכע באַגעגעניש מיטן גאַסט. צוזאַמען מיט די ייִדישע שרײַבער זײַנען אויך בײַגעווען אָנגעזעענע רוסישע דיכטער.

וועגן דעם שעפערישן וועג פון אַלעקסאַנדער פּען, וועגן זײַנע פּלאַמיקע קאַמפס־לידער האָט גערעדט אַרן ווערגעליס.

אַלעקסאַנדער פּען האָט באַדאַנקט פאַר די וואַרעמע באַגריסונגען און גוטע ווונטשן. די פאַרזאַמלטע האָבן מיט אינטערעס אויסגעהערט זײַן קורצן רעפעראַט וועגן די אַנטוויקלונגס־וועגן פון דער פּאָעזיע אין ייִסראָעל. ער האָט אויך געענטפערט אַף פילצאָליקע פראַגן. צום שלוס האָט א. פּען איבערגעלייענט עטלעכע זײַנע לידער (אין איוורית און רוסיש), וועלכע זײַנען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פונעם גאַנצן עולם.

5 טויזנט נומערן „בירָאָבידזשאַנער שטערן“

א וויכטיקע דאַטע האָט נאָרוואַס באַצייכנט דער „בירָאָבידזשאַנער שטערן“: עס איז דערשינען זײַן פינפטויזנטיקער נומער. צוזאַמען מיט דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט די צײַטונג דורכגעמאַכט א גרויסן וועג פון קאַמף און ניצחונות. מיר שיקן איר אונדזער ברידערלעכע באַגריסונג און ווינטשן נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

אונדזערע יוביליארן

◆ כאַנע ווײַנערמאַן איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז ער געקומען מיט לידער און פּאָעמעס וועגן די אומענדלעכע כערסאָנער סטעפּעס, וועגן דער שווערער פּויערישער פּראַצע און דעם נײַעם קאָלווירטישן דאָרף. זײַן פּאָעזיע איז דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם און ליבע צום סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

צו זײַן יובילײ קומט דער דיכטער מיט צוויי נאָרוואָס דערשינענע לידער־זאַמלונגען: אין מאָסקווע — אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש, אין אָדעס — אין אוקראַיִניש. דאָס זײַנען פילאָסאָפישע מאַכשאָוועס וועגן ליבע, טרײַהײַט און שיינקײַט פון מענטשן, לידער, וואָס רופן צום קאַמף פאַר שאָלעם און פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער. אונדזערע לייענער זײַנען באַקאַנט מיט ווײַנערמאַנען לויט דער פּאָעמע „א געזאַנג דעם סטעפּ" און אייניקע לירישע לידער, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

הייס באַגריסן מיר דעם דיכטער כאַנע ווײַנערמאַן און ווינטשן אים געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

◆ דער קינסטלער מענדל גאַרשמאַן איז געוואָרן א בען שישים. זײַנע אַקוואַרעל־אַרבעטן האָבן דערפאָלג אויף פילצאָליקע אויסשטעלונגען. אַלס באַדײַטנדיקער מײַסטער פון דער קינסטלערישער צייכענונג האָט גאַרשמאַן גרויסע פאַרדינסטן אינעם סאָוועטישן בוך־וועזן. באַזונדערס טיילן זיך אויס זײַנע אילוסטראַציעס צו די ווערק פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מענדל גאַרשמאַן אילוסטרירט דעם ראָמאַן פון ע. שעכטמאַן „ערעוו". די ייִדישע שרײַבער ווינטשן דעם יוביליאַר נײַע דערגרייכונגען אויף זײַן פרוכטבאַרן שעפערישן וועג.

דאָוויד עדעלשטאַטס אָנדענק

עס איז געוואָרן 70 יאָר, זינט ס'איז געשטאָרבן אין עלטער פון 26 יאָר דער באַרימטער פרײַהײַט־פּאָעט דאָוויד עדעלשטאַט.

באַײַנפלוסט פון די ראַדיקאַלע רעוואָליוציאָנערע אידייען אין רוסלאַנד (אין 1882 איז ער פון זײַן היימשטאָט קאַלוגע געקומען קיין אַמעריקע), פון די מעכטיקע פרײַהײַט־געזאַנגען פון דער קלאַסישער רוסישער פּאָעזיע, א באַווירקטער פון די ווערק פון מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד, האָט ער זיך אַנטפּלעקט אַלס קעמפער פאַר א וועלט פון יושער און פרײַהײַט.

דאָוויד עדעלשטאַטס רעוואָליוציאָנערע לידער זײַנען זייער פּאָפּולער צווישן די ייִדישע אַרבעטער. זיי פלעגן געזונגען ווערן אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען און מאַניפעסטאַציעס. אויך איצט זײַנען זיי באַליבט בײַ די פּאָשעטע אַרבעטס־מענטשן.

נײַער קינסטלערישער קאָלעקטיוו צוגעטראָטן צו דער אַרבעט

דעם ייִדישן צושויער קאָנען מיר אָנזאָגן א גוטע בסורע: עס איז צוגעקומען א נײַער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו, וואָס באַשטייט פון געניטע, טאַלענטירטע אַרטיסטן. אַלס קינסטלערישער אָנפירער איז באַשטימט דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק וולאַדימיר שוואַרצער.

דער נײַער קאָלעקטיוו קומט צום צושויער מיט טעאַטראַלע שטעלונגען, קינסטלערישע פאָרלעזונגען און געזאַנג. אָט איז אין קורצן זײַן ערשטע פּראָגראַם: „טעוויע דער מילכיקער" (אינסצענירונג פון י. דאָברושין און נ. אויסלענדער) — טעאַטראַליזירטער מאָנטאַזש אין דרײַ בילדער. די ראָלן פילן אויס: טעוויע דער מילכיקער — וו. שוואַרצער, גאָלדע — ל. קאָלינע, האָדל — ס. ביניק, פּערטשיק — א. קאָגאַן, לייזער ־ וואָלף — ז. שולמאַן. מוזיק — פאָלקס־אַרטיסט פון רספסר לייב פּולווער, רעזשי — וו. שוואַרצער. די צווייטע אָפּטיילונג באַשטייט פון קינסטלערישער פאָרלעזונג (לידער פון יע. יעווטושענקאָ, א. ווערגעליס און כ. ביידער). מיט א רײַכן אויסוואַל ייִדישע לידער טרעט אַרויס דער באַוווּסטער זינגער־דיפּלאָמאַנט פון אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַרטיסטן זינאָווי שולמאַן.

דער נײַער קאָלעקטיוו מאַכט איצט זײַן ערשטן טורנע איבערן לאַנד.

מיט מאַזל און גליק, כאַווייריִם!

א סצענע פון „טעוויע דער מילכיקער".

פון דער אויסלענדישער פּרעסע

✦ אין פּאריזש, אפן בעסוילעם באניע, איז אנטהילט געוואָרן א מאַציי־וע אפן קייווער פון עפראַיִם קאַגאנאָווסקי, דעם אווטאָר פון ראָמאַנען און דערציילונגען, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון פּאָשעטע יִדישע פּאָלקס־מענטשן.

✦ דער אמעריקאנער סקולפּטאָר ראָבערט בוירקס, וועלכער האָט שוין לאנג פארענדיקט א סטאטוע פונעם גרויסן געלערנטן און דענקער אַלבערט איינשטיין, האָט עפנטלעך דערקלערט, אז אלע זייַנע באמִיונגען צו געפינען אן אָרט אין די פּאריי־ניקטע שטאטן אף אוועקצושטעלן די דאָזיקע סטאטוע, האָבן ניט געגעבן קיין רעזולטאטן.

✦ אין טשעכאָסלאָוואקיע איז פּראָדוצירט געוואָרן א פילם וועגן טערעזיענשטאט, וואָס איז בייס דער נאציִשער אָקופּאציע פארוואנדלט געוואָרן אין א קאָנצענטראציע־לאגער. אין גרונט פונעם פילם איז געלייגט געוואָרן די נאָוועלע פונעם יונגן טשעכישן שרייַבער ערנעסט לוסטיג וועגן דעם פּייַן־וועג פון די יִדן פון טערעזיענשטאט קיין אָשווענטשים.

א טאלאנטפולע זינגערן

צווישן די ליבהאָבער פון יִדישער מוזיק האָט ווייניק ווער געהערט דעם נאָמען קלעמענטינע שערמעל. דאָס

איז א יונגע, זייער באגאבטע אַרטיסטן. אין 1950 האָט זי פארענדיקט די מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע און זינגט מיט דערפאָלג אף דער רוסישער בינע. זי טרעט אָבער פון מאָל צו מאָל ארויס אויך מיט יִדישע לידער און ווערט זייער ווארעם באַגעגנט דורך די צושויער.

קלעמענטינע שערמעל איז א לייַדנשאפטלעכע אָנהענגערן פון פּראָפּאגאנדירן די קלאסישע מוזיק. אף א באגעגעניש מיט איר אין רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט א לעבהאפטע דיסקוסיע וועגן ברייטער אויסנוצן די קלאסישע מוזיק אינעם רעפּערטואר פון די יִדישע זינגער.

עס זייַנען געמאכט געוואָרן וויכטיקע פאָרשלאָגן, וויאַזוי צו פארבעסערן און אויסברייטערן די קינסטלערישע טעטיקייַט פון די אויספירער פון דער יִדישער ליד.

קלעמענטינע שערמעל גרייט איצט א נייַע אינטערעסאנטע פּראָגראם פון קלאסישע און הייַנטצייַטיקע לידער.

א בריוו פון טאשקענט

גרויסע ווינונגס־מאסיוון בויען זיך איצט אין טאשקענט. נייַע גאסן מיט פילשטאָקיקע מויערן האָבן זיך באַוויזן אין איינעם פון זייַנע שענסטע ראיאָנען, וואָס רופט זיך אָק־טעפּע. דער שטאָט־סאָוועט פון טאשקענט האָט צוגעשיקט אין אונדזער רעדאקציע א בריוו, אין וועלכן ער טיילט מיט, אז א נייַע גאס אין ווינונגס־מאסיוו אָק־טעפּע איז אָנגערופן אף שאָלעם־אַליכעמס נאָמען.

נייַע ביכער

אין 1962 יאָר זייַנען דערשינען פאָלגנדיקע ביכער פון יִדישע סאָוועטישע שרייַבער אין דער איבערזעצונג אף די שפּראכן פון די ברידערלעכע פעלקער:

אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"

ה. אָשעראָוויטש. מייַן גוטער קליאָן" (לידער).
אי. באָרוכאָוויטש. „אין א מאזלדיקער שאָ" (לידער).
מ. גרוביאַן. „קוואלן" (לידער).
ס. געו. „באשיידענע מענטשן" (דערציילונגען).
ש. האלקין. לידער פון די לעצטע יאָרן.
ז. ווענדראָף. „טעג און יאָרן" (דערציילונגען).
כ. ווייַנערמאן. „א פרילינג־געזאנג" (לידער).
כ. זילבערמאן. „אן אופשטאנד אונטער דער ערד" (דערציילונגען).
י. שרייַבמאן. דערציילונגען.

אין פארלאג פון קינסטלערישער ליטעראטור („גאָסליטיזדאט")

ע. גאָרדאָן. „דריַי ברידער" (דערציילונגען).
ש. האלקין. אויסדערוויילטע לידער.

אין דעם זעלבן פארלאג דערשייַנען אינגיכן: דער ניסטער — „די מישפּאָכע מאשבער" (ראָמאן) און ה. רעמעניק — „שאָלעם־אַליכעם" (קריטיש־ביִאָגראפישער עסיוד).

אין פארלאג „מאָלאָדאיא גווארדיִא"

מ. ליפשיץ. „די מישפּאָכע באָרס" (פּאָעמע).

אין פארלאג פון קינדער־ליטעראטור

ש. דריז. קינדער־לידער.

אין פארלאג „ראדיאנסקי פּיסמעניק"

י. פאליקמאן. „פארורטיילטע נעמען געווער" (ראָמאן).
ד. כייַקין. „דאָס לעבן גייט" (לידער).

אין אָדעסער ביכער־פארלאג

כ. ווייַנערמאן. „איך ליב און גלייב" (לידער).

אין פארלאג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר"

מ. בערעגאָווסקי. „יִדישע פאָלקס־לידער" (זאמלונג).

אין ווייַסרוסישן פארלאג פון קינסטלערישער ליטעראטור

א. פלאטנער. לידער־זאמלונג.
כ. מאלטינסקי. אויסדערוויילטע לידער.

אין מאָלדאווישן פארלאג פון קינסטלערישער ליטעראטור

שאָלעם־אַליכעם. „די בלאָנדזנדע שטערן". איבערגעזעצט אף מאָלדאוויש פון י. י א ק י ר און ב. ר א ב י.

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר די יאָרן 1961—1962

ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פּיעסן

טשינגיז אײַטמאַטאָוו. דזשאַמיליאַ. ייִדיש — ש. גאָרשמאַן. 1961, נומ. 1, ז. 65.

מוישע אַלטמאַן. אַ געשיכטע מיט ליבע. 1962, 1, ז. 83.

סאַלוואַדאָר באָרזשעס. רעכט אויף סימכעס (נאָוועלע). 1962, 6, ז. 30.

ראָכל בוימוואָל. מײַסעלעך פאַר דערוואַקסענע. 1962, 5, ז. 94.

הירש בלאָשטיין. מיטן ברייטן שליאַך (דערציילונג). 1961, 2, ז. 21.

יאַנקאַ בריל. אַן אָפּשריפט אויף אַ געבײַ (דערציילונג). ייִדיש — ז. טעלעסין. 1962, 5, ז. 80.

אַווראָם גאָנטאַר. אויף דעם נײַנטן שטאָק (דערציילונג). 1962, 3, ז. 54.

עליע גאָרדאָן. די באָבע פון די טראַקטאָריסטן (דערציילונג). 1962, 2, ז. 83.

שירע גאָרשמאַן. כאַנקע; דער טאַטע מיט דער מאַמען (דערציילונגען). 1962, 1, ז. 61.

אַלעקסאַנדער גובניצקי. מײַן ייִכעס. 1962, 4, ז. 70.

טעוויע גען. אין דער היימשטאָט. 1961, 1, ז. 25. — דער אַלעפבייס (דערציילונג). 1962, 5, ז. 7.

הירש דאָבין. דער פּאַדפּאָלקאָווניק (דערציילונג). 1961, 2, ז. 7.

אײַזיק הובערמאַן. די ערד איז קײַלעכדיק (קאָמעדיע). 1962, 4, ז. 43.

ליובע וואַסערמאַן. אייגן בלוט (דערציילונג). 1961, 1, ז. 50.

ז. וואָסקרעסענסקאַיאַ. דערציילונגען וועגן לענינען. ייִדיש — נ. לוריע. 1962, 2, ז. 3.

ז.ווענדראָף — 85 יאָר. 1962, 1, ז. 45.

ז. ווענדראָף. העררי ווינסטאָנס קאַריערע (דערציילונג). 1962, 1, ז. 46. — די פּרײַז פון רום (דערציילונג). 4, ז. 99.

שמועל ווערעטע. ווער איז שולדיק? (נאָוועלע). 1962, 6, ז. 91.

נאָטאַן זאַבאַרע. זיך טויג געווען; דאָרט, וווּ עס בושעווען ווינטן (דערציילונגען). 1962, 3, ז. 92.

וול. טיכאָמיראָוו. די פּראָבלעם פון מעהאַלעך (דערציילונג). ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. 1961, 2, ז. 60.

מייער יעלין. די פּרײַז פון יענעם ברויט (נאָוועלע). 1962, 2, ז. 64.

נאָטע לוריע. דער לעצטער (אַ קאַפּיטל פונעם ראָמאַן „דער סטעפּ רופט"). 1961, 2, ז. 63.

נויעך לוריע. אויס כאַווער (דערציילונג). 1962, 1, ז. 67.

סעם ליפּצין. אַ מענטש אַ מענטשן איז אַ וואָלף (אַן אַמעריקאַנער דערציילונג). 1962, 6, ז. 40.

מישע לעוו. ווען ניט די פּרײַנט מײַנע... (דערציילונג). 1961, 3, ז. 45; 1962, 3, ז. 71.

בוזי מילער. אין אַ האַרבסטיקן טאָג (דערציילונג). 1961, 2, ז. 70. — אַ מוזיקאַלע נאָוועלע. 1962, 6, ז. 43.

קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו: דער יובילײ (דערציילונג). ייִדיש — ש. גאָרשמאַן. 1962, 1, ז. 79.

באָריס פּאָלעוואָי. די דעפיציטע באָבע; ליובע (דערציילונגען). ייִדיש — שמועל גאָרדאָן. 1962, 3, ז. 40.

שמועל פּערסאָוו. אין יענע שטורמישע טעג... 1962, 6, ז. 95.

יעכיעל פאַליקמאַן. לייב כאַדאָש (דערציילונג). 1961, 3, ז. 27. — דער ביטערער יאָדער (דערציילונג). 1962, 2, ז. 70. — דער סוווועניר (דערציילונג). 6, ז. 9.

קאָנסטאַנטין פעדין. דער שײַטער (קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן). ייִדיש — שמועל גאָרדאָן. 1962, 4, ז. 52.

איציק קיפּניס. נײַ־יאָר (נאָוועלע). 1961, 3, ז. 76.

שימען קריוואָשעין. אַ דערמאָנונג. 1962, 3, ז. 103.

יוסעף ראַבין. ראָכל מיט אירע קינדער; ברוינע צעפּ (דערציילונגען). 1961, 1, ז. 89. — אין אַ שטאָט אויף אוראַל (דערציילונג). 2, ז. 40.

העשל ראַבינקאָוו. פון אַ נײַער הייך (נאָוועלע). 1962, 1, ז. 96.

מאַרק ראַזומני. אומרו; שפּורן; פרײַנטשאַפט; נאַכעס (מיניאַטורן). 1962, 3, ז. 52.

עליע שעכטמאַן. ערעוו. ראָמאַן. 1962, 1, ז. 3; 2, ז. 24; 3, ז. 5; 4, ז. 7; 5, ז. 67.

יעכיעל שרײַבמאַן. פליגל; אַ מאַמע; שוועסטער; יונג גראָז; פאַרנדיק; מײַן מאַמע — מײַן לייענערן (מיניאַטורן). 1961, 1, ז. 4. — שטאָט־באַלעבאַטים; העכער פון מוזיק; אַניקוצע; אין אַ וואַרעמען פרימאָרגן (נאָוועלן). 1962, 4, ז. 63.

לידער און פּאָעמעס

הירש אָשעראָוויטש. די וואָרענונג (דראַמאַטישע פּאָעמע). 1961, 2, ז. 30. — מאַיאָר קלאָד איזערלי (פּאָעמע). 1962, 6, ז. 33.

ריווע באַליאַסנע. מײַן ליד. 1961, 1, ז. 84. — אונדזער דאָר. 1962, 6, ז. 3.

איטשע באָרוכאָוויטש. אַלע וועגן פירן צום קאַיאָר. 1961, 2, ז. 6. — וווּ איז דער אומבאַוווּסטער העלד; אָוונט; דערנעענטערונג; ס׳וועט בלײַבן אָט אַזוי; אייביקייט; אָסיען; צי ווייסט דאָס האַרץ (לידער). 3, ז. 83. — איך בין אַזאַ, ווי אַלע; אַ טראָפּן ליכט; רעגנבויגן; טרײַשאַפט (לידער). 1962, 5, ז. 77.

יאָסל בוכבינדער. פּאַרטאָג; פאַלט אַ שטערן; זאַנגען (לידער). 1962, 1, ז. 78.

ראָכל בוימוואָל. איבער מאָסקווע; אין אַ ווינטער־טאָג; שוין אַזויפיל יאָר; ווי אַ העלע ראַקעטע; דאָס ליבסטע אָרט (לידער). 1962, 1, ז. 42.

פייסעך בינעצקי. אָקטיאַבער; רום דעם מענטש פונעם וווּנדערלעכן לאַנד (לידער). 1961, 3, ז. 65.

כאַיִם ביידער. מײַן פּאַרטיי; גאָלדענע הענט; ס׳וועט זײַן צום גוטן (לידער). 1961, 2, ז. 4.

הירש בלאָשטיין. אין יענעם טאָג; ביזן לעצטן טראָט (לידער). 1962, 6, ז. 50.

איציק בראַנפמאַן. מיר רײַטן אינצווייען. 1961, 2, ז. 75.

דאַוויד בראַמבערג. יורי גאַגאַרין...; מיר וועלן ניט דערלאָזן, ניין... (לידער). 1961, 1, ז. 87. — באַם גלאָבוס; ס׳וועט מאָרגן זײַן א שיינער טאָג; מײַנע קינדער אָנשטאָט א וויגליד; בריוו; אויגן (לידער). 1962, 1, ז. 74.

ראַסול גאַמזאַטאָוו. פיגל. פון אוואַריש — מ. גרוביאַן. 1961, 2, ז. 29.

אווראָם גאָנטאַר. די בעסטע שטאָט; די בראָכע פון מי; א טראָפּן פרייד (לידער). 1961, 2, ז. 52.

מאָטל גרוביאַן. קובינער פרימאָרגנס; קאַנגאָ; אין קאַדיִעווקע; מײַן ערשטע ליד; א בוים; לידער אָן א סאָף; מיט מײַנע אויגן (לידער). 1961, 1, ז. 61. — דער רעגנבויגן; טוקיי; איך לעב אויף דער ערד; באַם פײַער פון דער ליד; א קאַראַמיסל (לידער). 1962, 1, ז. 65. — דעם דיכטער כאַיִם גראַדע. 4, ז. 104. — קינדהײַט; פענצטער; פרילינג; אין וואַלד; דער רעגן; באַגינען (לידער). 6, ז. 48.

מאָטל גרוומאַן. לענינגראַד. 1961, 1, ז. 99.

בער גרין. שאָלעם. 1961, 3, ז. 72.

וולאַדימיר דאַנקאָ. לידער וועגן פרילינג. 1962, 5, ז. 65.

דיכטער פון די ווײַטע צאָפן־פעלקער. ייִדיש — א. הורמאַן. 1962, 3, ז. 90.

שיקע דריז. פאַר קליין און גרויס (לידער). 1961, 3, ז. 86. — 1962, 6, ז. 88.

שמועל האַלקין. גוט־יאָמטעוו דיר, מײַן לאַנד; ווען דײַן שטוב האָט מיר פאַרפעלט; ווער געקאָנט האָט קלערן; דערוואַרטונג (לידער). 1961, 1, ז. 53.

דאָוויד האָפשטיין. רוסלאַנד; נאָכן זיג; אין וועג; לעכאַיִם; מײַן פאָלק וועט צו דעם קאָמוניזם קומען (לידער). 1962, 6, ז. 4.

כאַנע ווײַנערמאַן. א געזאַנג דעם סטעפּ. 1962, 1, ז. 39. — א דעמב; גלײַכגילטיקײַט; פאָרגעפיל (לידער). 5, ז. 93.

אווראָם וועלעדניצקי. די שטים פון פרידן; צום בוים; דערהער איך די קלאַנגען... (לידער). 1962, 5, ז. 79.

אַרן ווערגעליס. בענקשאַפט; פאָרגעפיל; ווענערע; שעפּע; ספּירא; א שפּעטע ליבע; דאָס מיידל שפּיליעט צו דעם זאָק; ווינטער (לידער). 1961, 2, ז. 17. — קאָסמישע פּאָעמע. 1962, 2, ז. 16. — איך רעד צו דיר, אמעריקע (פּאָעמע). 5, ז. 24.

יאַשע זעלדין. פּאָלונדרא; קאַלווירטישע ווינטשעוואַניעס (לידער). 1962, 2, ז. 82.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. קיִעוו (פּאָעמע). 1962, 4, ז. 3.

מאַקסים טאַנק. א טאָסט פאַר פרײַנטשאַפט. פון ווײַסרוסיש — מ. גרוביאַן. 1961, 2, ז. 28.

אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי. סיביר. ייִדיש — א. ווערגעליס. 1961, 1, ז. 47.

דאָרע טייטלבוים. פראַגמענט פון א רײַזע אין „טופּאָלעוו“. 1961, 3, ז. 69.

מוישע טייף. דאָס געזאַנג וועגןברידער. 1961, 1, ז. 10. — דאָס גאָלדענע עפּעלע (פּאָעמע). 1962, 3, ז. 48.

זיאַמע טעלעסין. די סלאַווישע ווערטער; ווען ניט דער טאַטער...; איך און דער גריך (לידער). 1961, 1, ז. 82. — צו כוזאַנגײַען; דעם בלעכערשן האַמער — מײַן הימן; דער האַנטעך; ניטאָ וואָס מעקאַנע צו זײַן דעם פויגל; א בעריאָזע מיט א יאָדלע; ווער וואָס עס ברענגט (לידער). 1962, 2, ז. 94.

שלוימע טשערניאַווסקי. ליבשאַפט. 1961, 1, ז. 52. — לויט מאָסקווער צײַט; אַפראָדיטע; א לויב־געזאַנג (לידער). 1962, 3, ז. 68.

פייסי יאַנאָווסקי. אויפן צאַפּן; די ערשטע ליד... (לידער). 1961, 1, ז. 97.

יאַנקל יאַקיר. מיר, די בעסאַראַבער; א ליבע־מאָטיוו; א באַקאַנטער ניגן (לידער). 1962, 3, ז. 37.

יעווגעני יעווטושענקאָ. די מאַלקע שיינהײַט. ייִדיש — מ. כאַראַץ. 1961, 3, ז. 43.

מייער כאַראַץ. אופבוי; זומערדיקס (לידער). 1961, 1, ז. 100. — אין ליכטיקן זאַל; בילדער; שוסטערײַ; פרילינג (לידער). 1962, 5, ז. 34.

שיפרע כאַלאַדענקאָ. און שטענדיק אַנטקעגן דו גייסט; ניט אומיסטן... (לידער). 1962, 3, ז. 70.

דווירע כאַראַל. פאַר קליין און גרויס (לידער). 1962, 4, ז. 69.

פעדער כוזאַנגײַ. פּאָל ראָבסאָן. ייִדיש — ר. בוימוואָל. 1961, 3, ז. 44.

דאָרע כײַקין. דער אַלמאָנע פון קאָנגאָ. 1961, 1, ז. 86. — ס׳האָט די נויט די גרויסע דיך געצווונגען; אויף ברייטע גאַסן (לידער). 1962, 2, ז. 62.

מירע כענקין. אין די אָקטיאַבער־טעג; מאַמע־לאָשן; מײַן דאָר (לידער). 1961, 2, ז. 55.

יעשוע לאַצמאַן. ווילנע; ווי א בלימל... (לידער). 1962, 1, ז. 77.

פון דער ליטווישער דיכטונג. ייִדיש — ה. אָשעראָוויטש. 1962, 2, ז. 68.

מענדל ליפשיץ. ס׳איז וווּנדערלעך די וועלט (לידער). 1961, 2, ז. 68. — מערער שײַן (לידער). 1962, 3, ז. 38.

כאַנע לעווין. א פרילינג־פרימאָרגן; די זון איז שלאָפלאָז (לידער). 1962, 1, ז. 72.

יאָסל לערנער. הער שוין אויף צו וויינען. 1961, 1, ז. 94.

כאַיִם מאַלטינסקי. מיט זין מיט סאַמע טרײַע; דאָס יאָדערל; אונטער פיר אויגן (לידער). 1961, 2, ז. 58. — אבי צום האַרצן איז די מי; פאַרדאַמטער קריג... (לידער). 1962, 2, ז. 79.

פּערעץ מאַרקיש. יערושע (פראַגמענטן פון א פּאָעמע). 1962, 1, ז. 54.

בוזי מילער. די ערד איז וואַך; אין פענצטער קלאַפּט מיר אָן א ליד; פרילינגדיקס (לידער). 1962, 3, ז. 36.

ל. מילער. ווי לאַנג וועט נאָך אומרעכט זײַן. 1961, 3, ז. 71.

נײַע שטימען. 1962, 1, ז. 90.

כאַנע סאַפּראַן. קומען זיי, די יונגע. 1961, 3, ז. 66.

מאָטל סאַקציִער. אויף דער אַנגאַרא; אין ערנקרײַז; פון די היגע קוואַלן (לידער). 1962, 1, ז. 95.

אַלעקסיי סורקאָוו. מאַריִאַנע; דאָס לאַנד פון האַריבאַלדי; די מעטעליצע (לידער). ייִדיש — מ. טייף. 1962, 6, ז. 7.

יאַנקל עלקים. אַספאַלט און ווייכע סטעזשקע. 1962, 4, ז. 33.

אײַזיק פּלאַטנער. דאָס קינד; גוואָרע (לידער). 1961, 3, ז. 81.

אַלעקסאַנדער פּראָקאָפיעוו. דער זיידע. ייִדיש — א. גאָנטאַר און י. שטערנבערג. 1961, 1, ז. 49.

סאָרע פּעל־יעלין. אייגנס. 1961, 3, ז. 68.

איציק פעפער. ווילדע כאַלוימעס; צו די גלײַכגילטיקע; מע זאָגט; מײַנע וועגן (לידער). 1962, 2, ז. 80.

יוסעף קאָטליאַר. מיט פריילעכע אויגן; דאָס בעסטע; צוגאסט; איבערוף (לידער). 1962, 2, ז. 60. — דײַן געשטאַלט; צו א מיידל; איך וועל זינגען פאַר אײַך; דער שענסטער שטראַל; היימיש מיט די שטערן; דער סאָד פון וואַלד (לידער). 6, ז. 86.

אַרן קורץ. די גאַגאַרינס. 1961, 3, ז. 73.

אַרן קושנירָאָוו. יוגנט; פון מײַן שטעטל; א פּאַרפּאַלק; נאָך דער שלאַכט (לידער). 1962, 4, ז. 50.

לייב קוויטקאָ. די פעלקער מאָנען שאָלעם; די זונענשײַן; איך האָב נאָך הײַנט... (לידער). 1962, 3, ז. 3.

פּיניע קיריטשאַנסקי. רײַפקײַט; דער שפּליטער; איך האָב ניט פאַרשפּעטיקט; פאַרנאַכט (לידער). 1961, 3, ז. 19.

יוסעף קערלער. צוזאַמען; מאָזשײַסקער שאָסיי; מײַן פאַרמעגן (לידער). 1961, 2, ז. 70.

אַווראָם ראַכמאַן. רוּון דער קונצנמאַכער. 1962, 4, ז. 105.

שלוימע רויטמאַן. וואָס אין פידעלע שטעקט. 1961, 1, ז. 81. — דער האַניקטרעגער (פּאָעמע). 3, ז. 22. — דער מײַסטער פון פײַפעלעך; דער רעגן־טראָפּן; צום צערטלער פון לעבן; מאָרגן (לידער). 1962, 6, ז. 51.

מאַקס ריִאַנט. א בירגער איך בין פון מײַן זוניקן לאַנד. 1961, 2, ז. 74.

מאַקסים רילסקי. א פרימאָרגן אין אונדזער היימלאַנד. פון אוקראַיִניש — וו. האָפּשטיין. 1961, 2, ז. 27.

הירש רעלעס. א פונק; אין פרילינג (לידער). 1961, 1, ז. 85. — ליאָוואָניכע. 1962, 6, ז. 29.

מאָטל שטורמאַן. קרויוִים. 1962, 4, ז. 105.

יאַנקעוו שטערנבערג. דער גיבער פון יאַסנע פּאָליאַנע; איך גלייב זיך ניט; אין שווייס פון דײַן פּאָנעם; שטאָק־דעמער־גרוי (לידער). 1961, 1, ז. 57. — העראָיִשע באַלאַדע. 1961, 2, ז. 14. — אייכמאַנס אַש. 1962, 4, ז. 42.

סטעפּאַן שטשיפּאַטשאָוו. פּוסטריט נאָכן טרוים; גרויע האָר (לידער). ייִדיש — כ. זעלצער. 1961, 3, ז. 42.

טריבונע פון שרײַבער

אַווראָם גאָנטאַר. א געוויינלעכע מישפּאָכע. 1961, 1, ז. 106.

ז. וועגדראָף. יוגנט — אונדזער אוצער. 1961, 1, ז. 102.

כאַיִם מעלאַמוד. א וואָרט וועגן דער פאַרצייכענונג. 1962, 3, ז. 106.

נאָכעם אויסלענדער. איך בעט א וואָרט. 1962, 4, ז. 116.

עליע פאַלקאָוויטש. אָפּשײַ פאַרן לאָשן. 1961, 1, ז. 121; 2, ז. 114.

י. שטערנבערג. אן אָנהייב פון א שמועס וועגן קריטיק. 1961, 3, ז. 113.

טריבונע פון לעבן

מוישע אַלטשולער. טעג פון מוירע. 1962, 4, ז. 121.

ג. אַסטראָומאָוו. אויפן קאָסמאָדראָם. 1962, 5, ז. 3.

שמועל גאָרדאָן. צעלינאַ. 1961, 3, ז. 3.

שירע גאָרשמאַן. קומט, ווען די טולפּאַנען בליִען. 1962, 5, ז. 103.

אַלעקסאַנדער גובניצקי. דער וועג אף סטאַלינגראַד. 1961, 2, ז. 76. — א טאָג אין בראַטסק. 3, ז. 15.

דאָוויד דראַגונסקי. דרײַ רײַזעס קיין פּאַריזש. 1962, 1, ז. 100.

אויזער האָלדעס. אַרבעט איז א טאַלאַנט. 1962, 1, ז. 105.

יאַנקעוו כאַדאַס. נאָטיצן פון א דאָרפישן קאָמוניסט. 1961, 2, ז. 81.

כאַיִם מעלאַמוד. צוגאַסט באַם בריגאַדיר. 1961, 2, ז. 83.

פאַר אַלגעמיינער אַנטוויקלונג און שאָלעם. 1962, 4, ז. 126.

לעאָניד קאַראַבאָוו. א לײַכטטורעם (רעפּאָרטאַזש). ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. 1962, 4, ז. 96.

יוסעף קערלער. אוראַלער מאָזאַיִק. 1962, 2, ז. 97.

הירש ריקלין. צוויי יאַקאָווס. ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. 1962, 2, ז. 104.

יאַנקעוו שטערנבערג. מײַן אַלטע היים אין פּראָפיל (רײַזע־נאָטיצן). 1962, 5, ז. 110.

פּובליקאַציעס

דאָוויד אוטקעס. מאָסקווע; בריוו פון דאָווידל קאַפּצן; די אַלטע וועלט (לידער). אַרײַנפיר פון יע. סטאַסאָווא. 1962, 3, ז. 101.

עלמאַר ריוואָש. צווישן לעבן און טויט. אַרײַנפיר פון מ. לעוו (צוגעגרייט צום דרוק — א. גאָנטאַר און מ. שולמאַן). ערשטער טייל. הינטער די דראָטן פון געטאָ. 1962, 5, ז. 38. — צווייטער טייל. אַקציע... 6, ז. 54.

שאָלעם־אַלייכעם. דער מיסטייק (ראָמאַן). אַרײַנפיר פון נ. אויסלענדער. 1961, 2, ז. 91; 3, ז. 89.

ליטעראַטור און קונסט

נאָכעם אויסלענדער. א נײַע אויסגאַבע פון אָשער שוואַרצמאַנס לידער. 1961, 1, ז. 116. — באַם סאַמע אָנהייב. 1962, 1, ז. 112.

דאָוויד איסאַקאָוו. פּושקינס וואָרט. 1962, 1, ז. 110.

איטשע באָרוכאָוויטש. א קעמפערישע מוזע. 1962, 4, ז. 113.

אַווראָם ביק. בערגעלסאָנס צוויי אַמעריקאַנער דערציילונגען. 1962, 6, ז. 108.

מאַקסים גאָרקי און די ייִדישע ליטעראַטור. 1962, 3, ז. 109.

יעכעזקל דאָברושין. אונדזער ליטעראַטור; די נײַע ליד (קריטישע אַרטיקלען). 1962, 6, ז. 106.

אַווראָם דאָברינקי. די ייִדישע דיכטונג אין דער פּרעסע פון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן. 1962, 6, ז. 100.

אויזער האָלדעס. ווו שלאָגט דער דויפּעק? 1962, 2, ז. 111.

ל. טשערניאַק. בא די בירָאָבידזשאַנער שרײַבער. 1961, 1, ז. 118.

כאַיִם לויצקער. דאָס געשטאַלט פונעם געניִאַלן קאָבזאַר אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. 1961, 2, ז. 117. — פּאָעטישער אופשטײַג. 1962, 5, ז. 118.

יעשוע ליובאָמירסקי. דאָס דיכטערישע וואָרט אף דער בינע. 1962, 2, ז. 121. — אן אייגנאַרטיקער דיכטער. 6, ז. 109.

אורי מונט. עס זינגען פעלקער. 1961, 3, ז. 103.

מוישע נאָטאָוויטש. צו נײַע אידייִש־קינסטלערישע הייכן. 1961, 2, ז. 108. — מייער חינער — דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשער. 3, ז. 105. — וועגן מ. גרוביאַנס שעפערישער אַנטוויקלונג. 1962, 4, ז. 110.

מאַטל סאַקציִער. א געשפּרעך צווישן צוויי צושויער. 1962, 2, ז. 124.

יִסראָעל סערעבריאַני. וועגן נאָוועלע און נאָוועליסטן. 1962, 5, ז. 120.

סאָניע פּריַ. דער וועג צום קאָסמאָס. 1961, 1, ז. 115. — ליידן און זונענשיַין. 1962, 4, ז. 114.

אין די קאָמיסיעס פאר ליטעראַרישער ירושה. 1962, 4, ז. 115.

ריווקע רובין. ארום בערגעלסאָנס פּראָזע. 1961, 2, ז. 118. — מיט אַן אופגעברויזט געמיט. 1962, 3, ז. 119.

הערש רעמעניק. וו. ג. בעלינסקי (צו זיַין 150־טן געבורטסטאָג). 1961, 1, ז. 113. — ראַבינס גאַנג. 1962, 1, ז. 121. — מיט הונדערט יאָר צוריק. 3, ז. 115. — עליע שעכטמאַן און זיַין ראָמאַן. 6, ז. 113.

מ. שאַץ־אַנין. ליטעראַטור און הומאַניזם. 1962, 5, ז. 117.

יאַנקעוו שטערנבערג. עליִעזער שטיינבאַרג. 1962, 2, ז. 118.

פון אַלטע קוועלן

מ. ראַדאָווסקי. כאַיִם־זעליק סלאָנימסקי און די פּעטערבורגער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. 1962, 6, ז. 117.

בּיבּליִאָגראַפיע

ליטעראַרישע ירושה פון די שריַיבער־שלאַכטליַיט. 1961, 2, ז. 121.

כאַצקל נאַדעל. דאָס לענין־געשטאַלט אין דער יִידישער סאָוועטישער דיכטונג. 1962, 2, ז. 108.

אַבע פינקעלשטיין. ווערק פון די יִדישע שריַיבער אין די יאָרן 1955—1961. 3, ז. 122, י. 1962.

לאָמיר זינגען נײַע לידער

שוין גענוג... ווערטער פון י. לערנער. מוזיק פון א. שאַיִנסקי, 1962, 1, ז. 128.

א נײַע וויגליד. ווערטער פון ד. בראָמבערג. מוזיק פון ל. פולווער. 1962, 2, ז. 128.

לאָמיר זינגען וועגן לענינען. ווערטער פון א. ווערגעליס. מוזיק פון ז. קאָמפּאַנייעץ. 1962, 3, ז. 128.

א קינדער־ליד. ווערטער פון מ. נאַבוטאָווסקי. מוזיק פון ש. סענדעריי. 1962, 4.

כאַנוקאַס־האַבאַיִס. ווערטער פון כ. בּיידער. מוזיק פון ל. יאַמפּאָלסקי. 1962, 5.

דער אלמאַנע פון קאָנגאָ. ווערטער פון ד. כיַיקין. מוזיק פון אָ. ליכטענשטיין. 1962, 6, ז. 128.

כראָניק. 1961, 1, ז. 126; 2, ז. 125; 3, ז. 124. 1962, 1, ז. 124; 2, ז. 127; 3, ז. 126; 5, ז. 125; 6, ז. 121.

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר די יאָרן 1961—1962. נומ. 6, ז. 124, י. 1962.

קינסטלערישע בײַלאַגעס

רעפּראָדוקציעס פון די בילדער פון ב. פּראָראָקאָוו: די מוטער; באַם באַבי־יאַר. אריַינפיר פון מ. א י ט ק אָ־ו י ט ש. 1961, 1.

פּאָטאָ: רום די זין פון דער פּאַרטיי! רעפּראָדוקציע פון ג. מ. קאָרזשעווס בילד: דער, וואָס הייבט אויף די פאָן. 1961, 2.

רעפּראָדוקציע פון מ. דעוויאַטאָווס בילד: דער אַקטיאַבער־ווינט. פאָטאָ פון מ. מינייעוו: א ווינטער־טאָג אין בראַטסק. 1961, 3.

צום 125־טן יאָרטאָג פון א. ס. פּושקינס טויט. ליד וועגן פּושקינען פון מ. ל י פ ש י ץ. פּאָרטרעט פון א. ס. פּושקין. וו. פאַוואָרסקיס איליוסטראַציעס צו פּושקינס קליינע טראַגעדיעס „דער שטיינערנער גאַסט" און „מאָצאַרט און סאַליערי". 1962, 1.

רעפּראָדוקציע פון וו. פּ. יעפאַנאָווס בילד: וו. אי. לענין און א. מ. גאָרקי. פאָטאָ פון וו. נאַומענקאָוו: מאָסקווע הײַנט. 1962, 2.

אַלפאַרבאַנדישע קינסטלערישע אויסשטעלונג פון 1961. רעפּראָדוקציעס פון די קינסטלער: א. דיינעקאַ — די באַהערשער פון קאָסמאָס; מ. קליִאַנסקי — יוגנט; ס. שטשערבאַקאָוו — דאָס אַש פון בוכענוואַלד. 1962, 3.

רעפּראָדוקציעס פון טאַנכום קאַפּלאַנס איליוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס ווערק: טעוויע דער מילכיקער דערציילט שאָלעם־אַלייכעמען וועגן זײַנע פּאַסירונגען; צו דער דערציילונג „שיר־השירים". אריַינפיר פון א י ל י א ע ר ע נ ב ו ר ג. 1962, 4.

רעפּראָדוקציעס פון ראָקוועל קענטס בילדער: גרענלאַנדער; וואַכזאַמקײַט איז א גאַראַנטיע פאַר פריַיהײַט; „און אין זעלנערישע העלמען וועלן פייגל פלעכטן זייערע נעסטן". אריַינפיר פון ב ע ר ג ר י ן (מאָרגן־פריַיהײַט", ניו־יאָרק). 1962, 5.

רעפּראָדוקציע פונעם בילד פון די קוקריניקסן: דער זאַלפ פון „אַווראָרע". פּלאַקאַט פון וו. און אי. קאַלענסקי: דאָס פאָלק פון קובאַ איז אומבאַזיגבאַר. 1962, 6.

דער זאלפ פון „אווראַרא".

בילד פון די קינסטלער קוקריניקסי.

דאָס פאָלק פון קובא איז אומבאַזיגבאַר.

פלאַקאַט פון ו. און אי. קאַלענסקי.

דער אלמאָנע פון קאָנגאָ

ווערטער פון ד. כײַקין.

מוזיק פון א. ליכטענשטיין.



דער אלמאָנע פון קאָנגאָ

דערהערט האָב איך הײַנט דײַן אלמאַניש געוויין,
דײַן טרער האָט מײַן לײַב מיר געבריט ביזן ביין,
פאָלין מײַנע, שוועסטער מײַן ווײַטע.
געווען בין איך דאן אין מײַן קיִעווער הויז,
ווען דו ביסט אף גאסן געגאנגען אנטבלויזט —
אײַער מינהעג פון אוראלטע צײַטן.

שיווע בא אונדז פלעגן זיצן אלמאָנעס
אין אלקער אין ענגן, אין פינצטערן טאָנעס,
געבויגן, מיט באָרוועסע פיס.
דעם ווייטעק זיי פלעגן אין שטיבל פארשליסן,
ס׳זאָל קיינער ניט הערן, ס׳זאָל קיינער ניט וויסן,
ווי ביטער זיי איז און ווי וויסט.

און דו האָסט דײַן פײַן און דײַן צאר ניט פארבאָרגן,
דײַן ווייטעק געזען האָט אין יענעם פרימאָרגן
יעדער פּאָשעטער מענטש אף דער ערד.
אף שטיינער צעגליטע, ווו דו ביסט געטראָטן,
געגאנגען עס זײַנען מיט צאָרן באלאָדן
די מענטשן, וואָס זײַנען גערעכט.

ר ע פ ר ע ן :

צוזאמען מיט אלעמען איך בין געגאנגען.
מײַן ליבע צו דיר האָט געשאפן געזאנגען,
איז זינג איך זיי, זינג איך זיי דיר!

איך וויל, דו זאָלסט וויסן: אין קיִעוו אין מײַנעם,
אין גאָלדענעם קאנט, וועלכער רופט זיך אוקראַיִנע,
איז לומומבעס א גאס שוין פאראן.
עס וואקסן דאָרט טאָפּאָלן זילבערנע, העלע,
ניט ווײַט פון דער גאס שפּילן דניעפּרישע וועלן
און זינגען דײַן מוט א געזאנג.

ר ע פ ר ע ן :

צוזאמען מיט אלעמען איך בין געגאנגען.
מײַן ליבע צו דיר האָט געשאפן געזאנגען,
איז זינג איך זיי, זינג איך זיי דיר!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

ИЗДАТЕЛЬСТВО «СОВЕТСКИЙ ПИСАТЕЛЬ»

Главный редактор А. Вергелис

Редколлегия: А. Гонтарь, Г. Добин, Б. Миллер, Н. Ойслендер, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай

Ответственный секретарь *М. Лев*

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отдел прозы — Б 3-96-07; отделы поэзии и критики — Б 8-49-42

Художественный и технический редактор *И. Шустер*

Подписано к печати 5/XI 1962 г. Тираж 25 000 экз. Формат 70×109 1/16. Печ. л. 8(10,96). Уч.-изд. л. 12,79. Бум. л. 4+вкладка 1/8 л. Цена 50 коп. Зак. 1135

Московская типография № 3 «Искра революции» Мосгорсовнархоза

6 пр Добролюбова 17 кв 19
Крейтмир

Цена 50 коп.

Советиш Геймланд

·СОВЕТСКАЯ РОДИНА·

В НОМЕРЕ:

Е. Фаликман. Сувенир (Повесть).
Г. Ошерович. Майор Клод Изерли (Поэма).
Э. Ривош. Записки узника рижского гетто (Окончание).

Рассказы С. Боржеса, С. Верите, С. Липцина, Б. Миллера, С. Персова.

Стихи Р. Балясной, Г. Блоштейна, Д. Гофштейна, М. Грубиана, Ш. Дриза, И. Котляра, Г. Релеса, С. Ройтмана, А. Суркова.

Литературно-критические статьи

А. Добринки. Еврейская поэзия в периодической печати первых лет революции.
И. Добрушин. Статьи о литературе.
А. Бик. Американские рассказы Бергельсона.
И. Любомирский. Самобытный поэт.
Г. Ременик. Э. Шехтман и его роман.

Из далекого прошлого

М. Радовский. Х.-З. Слонимский и Петербургская Академия наук.

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation